STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04109

LITERATUR UN SHPRAKH FUN DER IDISHER GAS

Jacob Schwartz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

LITERATURE AND LANGUAGE OF THE JEWISH NEIGHBORHOOD, by J. SCHWARTZ

ליטעראַטור און שפּראַך פון דער אידישער געם

פון

י. שוואַרץ

Published by the

JEWISH NEIGHBORHOOD PUBLISHING CO.

פארלאג „דאן"

K.U.

Copyright by
Jacob Schwartz
1925

אינהאַלט

פאָרוואָרט — 5

וועגען דער אייביגער טענה פון דער אידישער גאַס — 11

וועגען יונגע שרייבער און אַלטע אויף דער אידישער גאַס — 18

וועגען באַגייסטערונג פאַר דער אידישער ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס — 23

וועגען דעם גרויסען טעות דאָס עס זיינען נישטאָ קיין לעזער אויף דער אידישער גאַס — 30

וועגען דעם באַגריף פון ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס — 37

וועגען דער צוריקווירקונג פון דער אידישער גאַס אין אַמעריקע אויף דער אידישער גאַס אין אייראָפּע — 46

אַ וואָרט וועגען אַ קלוגען שרייבער — 52

נאָך אַ וואָרט וועגען דאָקטאָר זשיטלאָווסקי — 55

וועגען אב. קאַהאַן'ס פאַרניכטונג פון שעקספּיער'ס גרויסקייט אויף דער אידישער גאַס — 63

אַ וואָרט וועגען די טרוקענע לידער פון דער אידישער גאַס אין אַמעריקע — 118

וועגען דער פאַרקריפּלונג פון דער שפּראַך אויף דער אידישער גאַס — 129

וועגען זשורנאַליסטען און זשורנאַליזם אויף דער אידישער גאַס — 150

וועגען די פילע ליטעראַרישע זשורנאַלען וואָס ערשיינען אַלעמאַל אויף דער אידישער גאַס — 162

וואָס די אידישע גאַס האָט און וואָס זי האָט נישט — 166

איניגע געמישטע באַמערקונגען (8 געמישטע אַבהאַנדלונגען) — 173

אַ צוגעקומענע באַמערקונג (וועגען דער ליטעראַרישער דעבאַטע פון „פאָרווערטס" פון דעם יאַהר 1924) — 201

באַקאַנטמאַכונג — 221

פאָרוואָרט

אַ ווינציג באַקאַנטער שרייבער מוז אַלע מאָהל דערצעהלען דער וועלט פאַרוואָס ער טוט דיזע אדער יענע זאַך. דערפאַר דערצעהל איך אין דיזע שורות פאַרוואָס איך פאַרעפענטליך דיזע אַרבייט.

מיט אַ קאַרג פערטעל יאָהרהונדערט צוריק האָב איך אָנגעשריבען אַ ראָמאַן פון דעם אידישען לעבען אין אַמעריקע. איך האָב געדיינקט דאָס אַ שרייבער, אויב ער וויל ווייסען צי ער קען זיך פאַרשטענדליך מאַכען פאַר דער וועלט מיט דעם וואָס ער האָט צו זאָגען, מוז ער צום ערשטען אָנקומען צו אַנדערע דאָס אויסצוגעפינען. און יענע „אַנדערע" וועלען איהם שוין אויף אירגענד וועלכען אופן לאָזען ווייסען, אויב זיין אַרבייט איז גוט אָדער שלעכט, אויב זיינע געדאַנקען זיינען קלאָהר אָדער אונקלאָהר. אין איינקלאַנג מיט דיזען דיינקען האָב איך מיך צוריקגעהאַלטען צו דערצעהלען עמיצען וועגען דיזען ראָמאַן און אין פאַרלויף פון אַ פּאָר יאָהר אָנגעשריבען איינינגע סקיצען, אַ פּאָר אַרטיקלען און אַ לענגערע איבערזעצונג. דיזע קליינע אַרבייטען האָב איך געשיקט אין פאַרשידענע רעדאַקציעס. און, אויב מען זאָל דאָס רעכענען אין פּראָצענטען, זיינען אַן ערך 90 פּראָצענט פון די אָוועקגעשיקטע זאַכען געדרוקט געוואָרען. לויט דעם דרוקען פון מיינע זאַכען האָט עס מיך איבערצייגט דאָס איך בין יאָ פעהיג זיך צו מאַכען קלאָהר און פאַרשטענדליך, און דערפאַר האָט עס געשיינט אַז פאַר מיר איז אָנגעגרייט אַ גלאַנצענדיגע ליטעראַרישע צוקונפט. דערפאַר האָב איך מיר ערלויבט באַקאַנט צו מאַכען פאַר די רעדאַקטערע דאָס איך האָב אָנגעשריבען אַ ראָמאַן, וואָס איז ווערט געלייענט צו ווערען פון פיעלע לעזער. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען מיין צרה. ווען מיינע

זאַכען זיינען געדרוקט געוואָרען און קיינער האָט נישט געוואוסט ווער איך בין און וואָס איך טראַכט פאַר דער צוקונפט, דאַן בין איך געווען אַ „גוד באָי”; אָבער אַזוי שנעל ווי איך האָב גע־רעדט אַ גוט וואָרט וועגען מיין אייגענער לענגערער אַרבייט, בין איך תיכף ערקלעהרט געוואָרען פאַר אַ „ליטעראַרישען קרענק”.

יאָהרען זיינען דערווייל אַוועק און קיין געלד צו פאַרעפענט־ליכען מיין ראָמאַן האָב איך נישט געהאַט. אָבער שטרעבענדיג צו געפינען הילף מיין גוטען ראָמאַן צו פאַרעפענטליכען, בין איך דערווייל באַקאַנט געוואָרען מיט די ליטעראַרישע צושטאַנדען פון דער אידישער גאַס. דערפאַר האָב איך באַשלאָסען דיזע שלעכטע צושטאַנדען צו באַקעמפען. איך האָב געפיהלט, דאָס יעדער מענש, אויב ער וויל זיין גערעכט צו זיך און צו זיינע מיטמענשען, מוז זעהן עפּעס צו טון אין דיזער אַנגעלעגענהייט. און, פיהלענדיג אַ שרעקליכען האַס צו אַלע יענע וואָס זיינען די־רעקט שולדיג אין דעם געזונקענעם צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור, בין איך אַרויס אין אַן אָפענעם קאַמף אַקעגען די גדולים פון דער אידישער גאַס. אַזוי איז געבוירען געוואָרען מיינע אַן ערשטע בראָשורע וואָס האָט געטראָגען דעם כאַראַקטע־ריסטישען נאָמען: „ווערטער פון אַ ליטעראַרישען קרענק”. אומגליקליכערווייזע איז די בראָשורע טעכניש נישט אַרויס אַזוי גוט. חוץ דעם איז זי פון דעם זעצער אויך נישט אַרויס ווי איך האָב זי אָנגעשריבען. אין מיין צווייטען בוך, וועלכען איך דער־מאָהן דאָ, ווייז איך אָן די אורזאַך, פאַרוואָס די בראָשורע איז נישט אַרויסגעקומען גוט פון דרוק. אין דיזער אַרבייט גיב איך אָן ווייטערע אורזאַכען פאַרוואָס יענע בראָשורע איז נישט געלונגען. אָבער דיזער פאַקט, אינאיינעם מיט דער שאַרפער שפּראַך, צו וועלכער די אידישע גאַס איז נישט געווען געוואוינט, האָט גע־ווירקט דאָס די בראָשורע איז נישט גוט אויפגענומען געוואָרען פון די ליטעראַטען, הגם זי האָט זיך פאַרקויפט זעהר שנעל. מיט דריי יאָהר שפּעטער זיינען די „בריעף פון אַן אונטערדריקטען שרייבער” — אַ בוך פון 256 זייטען — אַרויס אויף דער ליכ־

טיגער וועלט. אָבער דיזער בוך, גוט און שעהן ווי ער איז ארויס אויף דער וועלט, ווייל איך האָב איהם געזעצט מיט מיינע אייגענע הענד, האָט, ווי עס ווייזט אויס, נישט געקענט פארריכטען דעם ערשטען נישט גוטען איינדרוק. דער צווייטער בוך האָט מיך געמאַכט פאַר א בעל חוב און איך האָב געמוזט בלייבען שטיל. אזוי זיינען דערווייל אוועק גאַנצע צוועלף יאָהר. אין דעם געזונקענעם צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור, בין איך פאַר דער ליטעראַרישער אידישער גאַס געוועזען טויט. עס האָט אויסגעוויזען דאָס איך האָב גאָר קיינמאָהל נישט געלעבט אויף דיזער וועלט. אין דיזע צוועלף יאָהר האָב איך מעהרער מאָהל געמאַכט אַלערליי פּראָבּעס צו לאָזען פון זיך הערען: אָבער יעדעס מאָהל האָט זיך עפּעס געמאַכט, וואָס איך האָב נישט געקענט. און איצט, אינאיינעם מיט דיזער אַרבייט, האָב איך געהאָפט צו קענען אויך ווייזען דער וועלט עפּעס פון מיינע שעהנע־קונסט אַרבייטען, אָבער די שרעקליכע אָרימקייט האָט עס ווידער געשטערט. אין דיזער אויסגאַבע רייד איך נאָך מעהר וועגען דעם און עס איז נישט נויטיג צו פאַרנעמען מעהר אָרט אין דעם פאָרוואָרט. עס איז גענוג צו זאָגען, אויב עס וועט ווידער נישט עפּעס טרעפען אין מיטען דער פאָרבארייטונג ביז צום ענדליכען ציעל, דאָס איך פיהל מיך גליקליך אויף די עלטערע יאָהרען צוריק אויפצונעמען מיין לאַנג אָנגעהויבענעם קאַמף אַקעגען די שלעכטע צושטאַנדען פון דער אידישער ליטעראַטור.

ווי דער לעזער וועט זעהן הייסט דיזע אַרבייט „ליטעראַטור און שפּראַך פון דער אידישער גאַס". איך האָב אָבער נישט די אַבזיכט צו פאַרפּיתּרען דעם לעזער ער זאָל מיינען דאָס אין אזא קליינער אויסגאַבע האָב איך מיך פאַרנעמען צו אַן אַרבייט וואָס איז איבער מיינע כחות. ווי וויכטיג עס וואָלט געוועזען מען זאָל מאַכען א משפּט איבער דער אידישער ליטעראַטור, ווי דער גלח און דער באַרבער האָבען עס געמאַכט איבער דאָן קיכאָט'ס ביכער, און מען זאָל אָבקלייבען דאָס גוטע פון דעם שלעכטען, איז עס אָבער אַן אַרבייט איבער די כחות פון איין־איינציגען מענש.

מיט פאַרגעניגען וואָלט איך מיטגעהאָלפען אַנדערע ליטעראַטען אין אַזאַ גרויסער אַרבייט. דאָ וויל איך נאָר באַמערקען דאָס דיזע אַרבייט, אָדער אַרבייטען שטעלען צונויף אַ רייהע אָבהאַנד־לונגען, אַזוי קאָאָרדינירט, דאָס זיי גיבען אָן פיעלע קלענערע אור־זאַכען, און אַלע אינאַיינעם ווייזען אָן אויף דער טרויעריג־גרויסער אורזאַך פון דעם ליטעראַרישען באַנקראָט און פאַרוואָס דער לע־זער האָט פאַרלוירען דעם צוטרויען צום בעסערען אידישען וואָרט.

אַ וואָרט וועגען אויסלייגען: וואָס פאַר אַ סאָרט אויסליי־גען דאַרף אַ בעסערער שרייבער נוצען אין זיין שפּראַך? נאָך דער מיינונג פון אַ טייל ליטעראַטען דאַרף מען נוצען נ אָ ר ד אָ ס נ י י ע אויסלייגען. אַזוי אָבער ווי איך באַטראַכט דאָס נייע אויסלייגען אַלס אַ טייל פון די אורזאַכען פאַרוואָס דער לעזער האָט פאַרלוירען דעם צוטרויען צום בעסערען אידישען וואָרט, האָב איך נאָר דאָרט גענוצט דאָס נייע אויסלייגען וואו איך האָב פאַרשטאַנען דאָס עס וועט נישט פאַרקריפּלען די אידישע שפּראַך. אין דער אָבהאַנדלונג איבער דער פאַרקריפּלונג פון דער אידישער שפּראַך פון די סאַמע לעצטע יאָהרען אויף דער אידישער גאַס ווייז איך אָן די אורזאַכען וואָס מאַכען מיך צו דיינקען אַז דאָס נייע אויסלייגען מאַכט די אידישע שפּראַך אָרי־מער און שלעכטער. איבערהויפּט קומט קיין גוטס נישט אַרויס ווען איינציגע מענשען, און אַפילו גרופּען, מאַכען שבת פאַר זיך און הויבען אָן אַ נייע שפּראַך איידער אַלע שרייבער פון דער גאַנ־צער וועלט זיינען פאַר דעם איינפאַרשטאַנען. דערפאַר טאַקי האָב איך איצט אויפגעגעבען די ראָלע אַלס רעפאָרמירער פון דער אי־דישער שפּראַך. אין מיינע „בריעף" האָב איך געמאַכט דעם גוט געמיינטען פּרואוו נישט צו נוצען צוויי נעגאַטיווע אדווערבען אין דעמזעלבען זאַץ. דאַכט זיך דאָס דיזע רעפאָרם איז זעהר אַ גוטע זאַך און עס איז דער „א־ב" פון גראַמאַטיק אין פיעלע אַנדערע שפּראַכען פון דער וועלט: קלינגט עס אָבער נישט אי־דיש, ווען בלויז איין־איינציגער מענש טוט עס. אָבער, ווי גע־זאָגט, איך זעה איין דאָס אַלס איינציגער מענש איז גלייכער דיזע

רעפאָרם דערוויייל אויפצוגעבען ביז אַלע שרייבער וועלען וועגען דעם זיין איינפאַרשטאַנען.

איצטער ווינש איך נאָר דאָס אויף מיינע עלטערע יאָהרען זאָל דיזע אַרבייט האָבען די געוואינשטע ווירקונג. איך ווינש נאָר עפּעס בייצוטראָגען אַ גוטע זאַך כדי די אידישע ליטעראַ־טור זאָל אויפלעבען און איך זאָל נאָך דערלעבען צו זעהן מיינע גוטע שריפטען אויף דער ליכטיגער וועלט. מיט דיזער גוטער אב־זיכט אין הארץ גיב איך איבער דיזע אַרבייט אין דער האַנד פון דעם ערנסטען און דיינקענדיגען לעזער, כדי ער זאָל זיך אַרויס־געבען זיין עהרליכע מיינונג.

ברוקלין, דעם ערשטען יאַנואַר, 1925.

י. שוואַרץ.

וועגען דער אייביגער טענה פון דער אידישער גאַס.

פאַר די לעצטע יאָהרען זיינען פון צייט צו צייט אַרויסגעקו־מען **א י י נ צ י ג ע** שטילע קלאַגען אין דער עפענטליכקייט אַקעגען דעם לעזער פון דער אידישער גאַס פאַרוואָס ער קויפט נישט אוים די ביכער וואָס ליגען ווי די שטיינער אין אַלערליי פאַרלאַגען אָדער אין די היימען פון מאַנכע שרייבער וואָס גיבען זיי אַרוים. איינמאָהל האָט מען זיך געוויצעלט איבער דעם לע־זער — איהם אָנרופענדיג מיט אַלערליי נעמען: מען האָט איהם, למשל, אָנגערופען „דומקאָפּ", „משה" אָדער אַנדערע נעמען פון דיזען סאָרט. אַנאַנדער מאָהל האָט מען זיך געמאַכט „הארץ" און באַהויפּטעט דאָס מען דאַרף גאָר איינגאַנצען קיין לעזער נישט. נאַטירליך זיינען דאָס אַלץ געווען שטילע קרעכצען און פּאַראיב־לען אויף דעם אָרימען אידישען לעזער. דיזע קלאַגען זיינען בלויז געווען די סימנים פון פאַרשטיקטע ווייטאָגען וואָס יענע אַלערליי שרייבער האָבען געפיהלט. אָבער מיט דער ערשיינונג פון דעם „טעאַליט"*) זיינען דיזע קלאַגען אויף אַמאָהל אַרוים אין דער עפענטליכקייט.

פון די איינציגע וויצען זיינען געוואָרען אַלגעמיינע וועה־געשרייען. און ווען דיזע אַלגעמיינע וועה־געשרייען זיינען איינ־מאָהל שוין געווען אין דרויסען האָט מען זיי שוין נישט מעהר געקענט פאַרשטיקען. זיי האָבען אָנגעמאַכט אַ שטורם. שרייבער, לעזער און קריטיקער האָבען זיך צעלאָזט אויף די העכסטע אָקטאַ־ווען און יעדער האָט זיך אַרויסגעזאָגט אַן אַנדער מיינונג וועגען

*) וועגען דעם אונטערגאַנג פון „טעאַליט" וועט דער לעזער געפינען אַ ביסעל באַמערקונג אויף אַן אַנדער אָרט.

די אורזאַכען פאַרוואָס די ביכער פאַרקויפען זיך נישט, און יעדער האָט געגעבען אן אַנדערע עצה ווי אַזוי דיזען קריטישען צושטאַנד אויסצובעסערען. איך וועל אַ פּאָר פון דיזע קלאַגען באַטראַכטען, אָבער נישט נאָך דער רייהע. ניגער, למשל, אין דעם אַלגעמיינעם כאָר, איז אַרויסגעקומען מיט אַ מורא דאָס אין דיזען ביכער־קריזים וועלען די דיכטער און שרייבער אויפהערען „שאַפען". איך פאַרשטעה גאַנץ גוט זיין שרעק. פאַר אַ קריטיקער איז דאָס שרייבערישע שאַפען אַ לעבענס נויטווענדיגקייט. אַ קריטיקער געפינט זיך צווישען די געשאַפענע אַרבייטען פון אַלערליי שרייבער, גוטע צי שלעכטע, ווי אַ פיש אין וואַסער. זיינען די געשאַפענע אַרבייטען פון די שרייבער גוט און אויב דער קריטיקער איז אַן עהרליכער מאַן, לויבט ער זיי; זיינען זיי שלעכט, נאָך זיין מיינונג, „רייסט" ער זיי אַרונטער: אָבער די געשאַפענע אַרבייטען מוז ער האָבען. אַזוי איז עס שוין ווען איינער טרעט אַריין אין אַ געוויסער פּראָפעסיאָן. איך האָב געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן אין אַ שפּיטאָל מיט וואָס פאַר אַ זאָרג די דאָקטוירים און קראַנקען־וועכטערינס האָבען באַטראַכט דעם פאַקט וואָס עס האָבען זיך אין מיין אָפּטיילונג געפונען בלויז דריי קראַנקע, ווען עס איז געווען בעטלעך פאַר אכטצעהן. און דערפאַר וואונדערט מיך נישט וואָס ער הייסט די שרייבער „שאַפען". זאָלען נאָר די שרייבער „שאַפען". ביי דעם קריטיקער מאַכט נישט אויס צי דער שרייבער האָט אַ מעגליכקייט צו קריגען לעזער אָדער נישט. דעם קריטיקער אַרט נישט אויב אַ שרייבער זאָל שרייבען זיין גאַנץ לעבען אומזיסט. דער קריטיקער מוז האָבען דעם שרייבערישען „שטאָף" כדי צו האָבען וואָס צו קריטיקירען.

אַנאַנדערער שרייבער האָט געגעבען אַן עצה מען זאָל געהן צווישען פאָלק און פאַרשלאָגען די געשאַפענע שריפטען פאַר דעם לעזער. צי וואָלט דיזער שרייבער, וואָס האָט געגעבען אַנדערע די גוטע עצה, אַליין געוואָלט ווערען אַ „פּעדלער" אָדער „הויזירער" — איז נאָך אַ גרויסע פראַגע. גענוג איז פאַר איהם,

וואָס ער האָט וואו צו דרוקען זיינע שריפטען און מאכט דערביי מן־הסתם א פיין לעבען. א דריטער האָט געגעבען פונקט א פאַר־קעהרטע עצה: — מען זאָל זיך אויפהויבען גאַנץ הויך איבער דעם לעזער, אַזש אין די וואָלקענס, און פון דאָרט זאָלען די ליטע־ראַטען איהם לערנען די ליטעראַרישע תורה. ווען דער לעזער, הייסט עס, וועט דעם שרייבער נישט זעהן און וועט מיט דעם לעצטען נישט זיין קיין נאָהענטער מחותן, דאַן וועט ער, דער לעזער, קריגען רעספעקט פאַר דעם שרייבער און באַלד אויסכאַ־פּען דעם לעצטענ׳ס ביכער. א פערטער האָט גאָר פאָרגעשלאָגען מען זאָל ארויסשיקען אן עקספּעדיציע אין די „ווילדערנישען״ פון די אידישע גאַסען אויסצופאָרשען יענע „חיה״ וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען לעזער. וואָס די לעזער האָבען געזאָגט איז נישט נויטיג איבערצו׳חזר׳ן ווייל זעהר ווינציג לעזער האָבען זיך אָבגערופען אויף דער איינלאַדונג פון דער „פרייע ארבייטער שטימע״.

און טראָץ דיזען רעש וואָס די לעזער־פראַגע האָט אָנגע־מאכט, באַטראַכט איך עס דאָך נישט מעהר ווי א שטורם אין א גלאָז וואַסער. נ ײ ן! דיזע באַקאַנטע פראַזע איז שוין צו שטאַרק מען זאָל זי קענען פאַרגלייכען מיט די גרייידערייען פון דער אויפ־געהויבענער לעזער פראַגע. עס איז נישט מעהר ווי א קרעכץ פון הילפלאָזע מענשען וואָס פיהלען אינסטינקטיוו דאָס ערגעץ וואו געשעהט אן אומרעכט מיט דער אידישער ליטעראַטור, נאָר קיינער קען נישט אויסגעפינען דעם ריכטיגען אָרט, פון וואַנען יענער אומ־רעכט קומט. יעדער בעסערער שרייבער פיהלט דאָס אין אזא לאַנד ווי די פאַראייניגטע שטאַטען, וואו עס געפינט זיך די רייכסטע אידישע קהלה (ריידענדיג פון די אידען אלס קאָלעקטיווע איינ־הייט), וואו די אידען זיינען בעסער אָפּ און פרייער פון די אידען פון דער גאַנצער וועלט, וואו געלד שפּיעלט קיין ראָלע נישט: — אָט אין דיזען לאַנד זאָל דווקא די אידישע ליטעראַטור, וואָס וואָלט ביי דיזען קאָלעקטיוו געדאַרפט זיין אין דעם בליהענדסטען צו־שטאַנד, גאָר שטעהן אזוי נידעריג. און דאָס די אלע גרייידערייען

זיינען נישט מעהר ווי הילפלאָזע שטילע קרעכצען קען מען זעהן פון לייוויק׳ס שטאַרקסטע ווערטער אין „טעאַליט", למשל (צו זיין קורץ), פאַרוואָס דער „פאָרווערטס" האָט אָפּגעגעבען אַזוי פיעל אָרט פאַר די „שמאַטעס" און גאָר נישט געזאָגט פאַר דער „צו־קונפט". לייוויק האָט געזאָגט דער טאָכטער און געמיינט די שנור: ער האָט זיך געמאַכט האַרץ און האָט דעם „פאָרווערטס" אַריינגעזאָגט! און דער „פאָרווערטס" איז פון דעם אַריינזאָגען רויט געוואָרען פאַר חרפּה, און באַלד זיך גענומען איבערקוקען אַלע זשורנאַלען און ביכער, אויפלעבענדיג דעם פאַרקויף פון אי־דישע ביכער און דורך דעם אויפגעלעבט די אידישע ליטעראַטור און אונטערשטיצט נייע טאַלאַנטען.

אָבער, באַטראַכטענדיג די זאַך נעהנטער אביסעל, האָט לײ־וויק נישט געקענט האָבען קיין טענות צו דער פּרעסע, ווייל ק י י ן שרייבער איז נאָך אַזוי נישט געפּיעסטשעט געוואָרען ווי ער. און גערעכט זיינען געווען יענע שרייבער וואָס האָבען לייוויק׳ן גע־זאָגט דעם אמת אין די אויגען, דאָס די פּרעסע און די קריטי־קער האָבען איהם גוט באַהאַנדעלט און ער האָט נישט קיין רעכט צו באַקלאָגען זיך אויף זיי. און זאָגענדיג דאָס די שרייבער זיי־נען געווען גערעכט מיט דעם וואָס זיי האָבען לייוויק׳ן געזאָגט דעם אמת אין די אויגען, מיינט עס נישט דאָס איך וויל זיך צו זיי חנפה׳נען אָדער איבערזאָגען וואָס זיי האָבען געזאָגט, נאָר איך פאַרצייכען עס אַלס אַ געשעהענעם פאַקט, פון וועלכען מען קען ציהען אַ זעהר וויכטיגען שלום. פאָרוואָרפענדיג לייוויק׳ן דאָס די קריטיקער האָבען איהם גוט באַהאַנדעלט, זיינען זיך די שרייבער מודה דאָס די גאַנצע קריטיק האָט גאָרנישט קיין ווערטה, דאָס דער לעזער האָט פאַרלוירען דעם צוטרויען צו די קריטיקער און מאַכט זיך נישט קיין גרויסען צימעס פון זייער קריטיק. די שרייבער זיינען פּשוט אין אַנדערע ווערטער זיך מודה אין דעם באַנקראָט פון דער אידישער ליטעראַטור, אויף וועלכען איך האָב אָנגעוויזען נאָך מיט 15 יאָהר צוריק. און דאָס טרויעריגסטע דערביי איז דער פאַקט וואָס פיעלע היינטיגע דיכטער און שריי־

בער, וואס האבען זיך באקלאגט אויף דעם געזונקענעם צושטאנד פון דער אידישער ליטעראטור, ווייסען אפילו נישט צי אזא מענש ווי איך האב געלעבט און דאס איך בין ארויס מיט א שארפען פראטעסט אקעגען דעם, און אז איך האב גערופען די אידישע גאס צו באקעמפען דיזע שלעכטיגקייט. אבער צי זיי ווייסען יא פון מיין קאמף, צי נישט, דאס קרעכצען איז א פאקט.

דאס קלאגען זיך אויף דעם לעזער און דאס קרעכצען ווי אלטע ווייבער באווייזט נאך עפעס. עס באווייזט דאס דיזע דיכטער און שרייבער זיינען זיך נישט באוואוסט צי שרייבען זיי אן גוטע זאכען אדער נישט. עס ווייזט אויס דאס זיי האבען זייערע זאכען געשריבען אויף גאט'ס באראט, ווי דער צופאל וועט עס ברייננען. וועט פון דער אנגעשריבענער זאך ארויסקומען עפעס גוטס, איז אוודאי גוט: אויב נישט קען מען זיך נישט העלפען. אויך ווייזט אויס דאס דיזע, וואס באקלאגען זיך אויף דעם לעזער, זיינען זיך נישט באוואוסט פאר וואס פאר א קלאס לעזער זיי שרייבען. אויב זיי האבען אין זין יענעם קלאס לעזער וואס לייענט, למשל, דאס „בינטעל בריעף", דאן איז זייער גאנצער פאראיבעל האבען נאריש. דיזע דיכטער און שרייבער דארפען וויסען דאס פאר אזעלכע לעזער זיינען זיי נ י ש ט פעהיג צו שרייבען. און צו דערגרייכען דעם בעסערען סארט לעזער איז נויטיג א מעהר זיכערער באוואוסטזיין אין דעם שרייבען גופא. האבען זיי אבער אזא באוואוסטזיין? איך וויל מיך אליין נעמען פאר א ביישפיעל. איך בין ביי מיר פאלקאם באוואוסט דאס פאר דעם קלאס לעזער וואס קוויקען זיך מיט „בינטעל בריעף" ליטעראטור בין איך נישט פעהיג צו שרייבען. דערפאר אבער בין אין ביי מיר זיכער דאס פאר דעם קלאס לעזער וואס ווייסען דער חילוק צווישען בעסערער ליטעראטור און שלעכטערער זיינען מיינע שריפטען אינטערעסאנט און קלאהר. פאר אלע אינטעליגענטערע לעזער, וועמען עס עקעלט פון שונד, פאר יענע שרייב איך. און דא רעכען איך אריין אלע אינטעליגענטערע לעזער, אנגעהויבען פון דעם פראסטען ארבייטער ביז צום שטודירטען פרא־

פּעסיאַנאַליסט, אַריינגערעכענט אויך אַלע שרייבער און קריטיקער. איך בין ביי מיר אַזוי זיכער דאָס מיין שרייבען וועט פאַר יעדען אינטעליגענט זיין אינטערעסאַנט, דאָס איך בין באַרייט יענעם אינטעליגענט אָנצורופען ליגנער און היפּאָקריט, אויב ער וועט לייקענען דאָס מיין שרייבען איז פאַר איהם נישט געווען גענוג אינטערעסאַנט פון דער ערשטער שורה ביז צו דער לעצטער. נאַטירליך קען איך נישט גאַראַנטירען, אויב מיין שרייבען וועט צו איינעם אַריינפאַלען, דאָס ער וועט מיט מיר זיין איינפאַרשטאַנען: אָבער זיכער בין איך ביי מיר, דאָס מיין שרייבען איז אינטערעסאַנט און קלאָהר פאַר יעדען וואָס רופט זיך אָן מיט דעם קלינגענדען נאָמען „אינטעליגענט”. אַזוי, למשל, בין איך ביי מיר זיכער דאָס יאַנאָווסקי האָט מיט גרויס אינטערעס איבערגעלייענט מיין ביכעל „ווערטער פון אַ ליטעראַרישען קרענק”. און נישט נאָר ער, נאָר יעדער איינער, צו וועמען דאָס ביכעל איז אַריינגעפאַלען אין האַנד, האָט עס געלייענט מיט גרויס אינטערעס. דאָס זעלבע איז געוועזן דער פאַל מיט מיין בוך „בריעף פון אַן אונטערדריקטען שרייבער”. און דאָס זעלבע וועט זיין דער פאַל מיט דיזע שורות, אויב זיי וועלען דערלעבען צו זעהן די ליכטיגע וועלט. אויך בין איך זיכער דאָס דער גדול אב. קאַהאַן, למשל, אויב דיזע שורות וועלען אַריינפאַלען צו איהם אין דער האַנד, וועט זיי לייענען מיט דעם גרעסטען אינטערעס פון אָנהויב ביז צום סוף. איך בין נישט אַזוי זיכער ביי מיר אויב דיזע שורות וועלען איהם פאַרשאַפען גרויס נחת. אויך קען עס מעגליך זיין ער זאָל מיר פאַר דיזע שורות בלייבען אַ דם שונא אויף דעם גאַנצען לעבען: אָבער לייענען וועט ער זיי. און נישט נאָר ער, נאָר יעדער אינטעליגענטער מענש וועט דיזע שורות לייענען מיט גרויס אינטערעס און וועט אויך פיעל געווינען גייסטיג פון דעם לייענען.

און נישט נאָר די פּראָטעסטירענדיגע שריפטען וועט דער לעזער לייענען מיט גרויס אינטערעס, נאָר אַלע זאַכען וואָס איך האָב אָנגעשריבען. עס ליגען ביי מיר דריי אַרבייטען וואָס געהע־

רען צו דער שעהנער קונסט: בין איך ביי מיר זיכער, אויב זיי וועלען געדרוקט ווערען, דאַס זיי וועלען געלייענט ווערען מיט גרוים אינטערעס פון טויזענדער לעזער. און אויב איך האָב אָנגע־הויבען אַ קאַמף, איז עס נישט צו רייסען דעם לעזער ביי די פאַ־לעם אָדער זיך קלאָגען פאַרוואָס איך קען קיין לעבען נישט מאַכען פון שרייבען, נאָר איך קעמף אַקעגען יענע וואָס זוכען צו פאַרשטעלען דעם שרייבער כדי דער לעזער זאָל איהם נישט אַרויסזעהן. האָבען יענע שרייבער, וואָס קלאָגען זיך אויף דעם געזונקענעם צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור, דעמזעלבען באַוואוסטזיין איבער זייערע שריפטען ווי איך?

ווי אַזוי קען דער אינטעליגענטער לעזער האָבען צוטרויען צו די שריפטען פון די אַלערליי דיכטער און שרייבער, ווען זיי האָבען אַליין נישט קיין צוטרויען צו זייערע שאַפונגען? אויב יענע אַלערליי דיכטער און שרייבער וואָס קלאָגען זיך אויף דעם שלעכטען צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור וועלען ווערען באַוואוסטזיניג ביי זיך פאַר וואָס פאַר אַ קלאַס לעזער זיי שריי־בען, און וועלען זיך איינגעוואוינען צו שרייבען קלאָהר און דייט־ליך וואָס זיי האָבען צו זאָגען דער וועלט, דאַן וועלען זיי אויפ־הערען צו קלאָגען זיך און קרעכצען ווי אַלטע ווייבער. זיי וועלען זיך זיכער פאַראייניגען מיט מיר און מיר קענען נאָך דערלעבען צו זעהן אַ נייע צייט אויף דער אידישער גאַס. אויב אָבער זיי וועלען געהן מיט דעם אַלטען וועג פון שרייבען אויף גאָט'ס באַראָט און וועלען וואַרטען די קריטיקער און די ליטעראַרישע גדולים זאָ־לען פאַר זיי אויסזוכען לעזער, דאַן וועלען זיי זינקען נאָך טיעפער אין דעם זומפּ פון דעם ליטעראַרישען באַנקראָט.

וועגען יונגע שרייבער און אַלטע אויף דער אידישער גאַס.

וואָס איז דער חילוק צווישען יונגע שרייבער און אַלטע? ווי אַזוי מען זאָל וועלען איינטיילען דעם חילוק צווישען יונגע שרייבער און אַלטע; ווי אַזוי מען זאָל וועלען מאַכען אַ מחיצה צווישען דיזע צוויי סאָרטען שרייבער, קען מען עס נישט טון. ביי מיר איז דער חילוק דיזער: אַלטע שרייבער הייסען ביי מיר יענע, וואָס האָבען געהאַט דעם מזל צו געפינען אַ פּלאַץ, אַ שטיקעל פּרנסה אין אַ טעגליכער אָדער וועכענטליכער צייטונג, און יונגע זיינען ביי מיר יענע, וואָס שטרעבען אויף אירגענד וועל־כען אופן אריינצוקריגען אַזאַ מין שטיקעל שרייבערישע פּרנסה. דער חילוק איז נאָר דער וואָס די לעצטע האָבען נישט קיין מזל צו דעם. איך וויים פון פיעלע פאַלען וואָס גאָר יונגע חברה האָ־בען געהאַט אַ שטיקעל מזל צו קריגען אַ „דזשאָב" אין איינער פון די צייטונגען און רופען זיך שוין דערפאַר אַלטע געניטע שרייבער; און מאַנכע, וואָס מעגען זיך שוין רופען זיידעס, דרעהען זיך אַרום צווישען די „זוכערס" און רופען זיך „יונגע". עפּעס אַ חילוק אין דעם שרייבען גופא קען מען אַפילו מיט דעם גרעסטען פאַרגרעסערונגס־גלאָז נישט געפינען. און דאָך ווערט אויף דער אידישער גאַס אַלע מאָל גערעדט פון יונגע שרייבער און פון אַלטע.

און די פּערזענליכע באַציהונגען צווישען דיזע צוויי סאָרטען שרייבער זיינען אויך אַזוי. דאָס הייסט: די אַלטע שרייבער וואָס זיינען געוועזען מזל'דיג „אריינצוקריגען" אַ „דזשאָב" אין די צייטונגען האַלטען זיך שטאָלץ און פרעך אָקעגען די יונגע, אַלס קלוגע און גליקליכע, און די יונגע, פאַרקעהרט, פיהלען זיך אַלס אונגליקליכע. אַלס אַ שטילער און זייטיגער צושויער אין די קאַפע־הייזער, וואו דיזע אַלע שרייבער קומען זיך צונויף, אַלס אומבאַקאַנטער מענש, האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן די באַציהונגען צווישען דיזע צוויי סאָרטען שרייבער. די אַלטע

האַלטען זיך הימעל הויך אַקעגען די יונגע, קוקען מיט פאַראַכטונג אַרונטער אויף די לעצטע אַלס שרעקליכע קאַליקעס און קרענקס. אַט דיזעס באַטראַכטען די יונגע אַלס קאַליקעס און קרענקס איז נישט אָהן אַן אורזאַך, הגם נישט קיין באַרעכטיגטע, וועלכעס איך וועל אַן אַנדער מאָהל מוזען באַטראַכטען ווייטער אין דיזע אָב־האַנדלונגען. נאָר אַזוי ווי עס איז, קוקען די אַלטע שרייבער אויף די יונגע אַלס אָנשיקעניִשען, פון וועלכע מען קען נישט פּטור ווערען און מען מוז זיי דולדען, אַלץ צוליעב פּרנסה, ווען מען קומט זיך צונויף פּנים אל פּנים אין די קאַפּע־הייזער אָדער אויף אַ שרייבער־שמחה.

און דאָ, ביי אַזעלכע באַגעגענישען, קען מען זעהן אַ וועלט מיט איראָניע אין די אויגען פון די „גליקליכע" אַלטע שרייבער און אַ וועלט מיט שפלות אין די אויגען פון די יונגע. צו די צונויפטרעפונגען אין די קאַפּע־הייזער ברייננגען מעהרער מאָהל מיט די יונגע זייערע פּראָדוקציאָנען. דאָס זיינען נייע זשור־נאַלען, ביכלעך פון געזאַמעלטע לידער אָדער שריפטען, אָדער גלאַט אַזוי מאַנוסקריפּטען, וואָס די „יונגע" לייענען זיך פאָר איינע די אַנדערע און מען האָפט צו קריגען די אויפמערקזאַמקייט פון די אַלטע שרייבער. און דיזעלבע מאַניערליכע העפליכקייט זעהט זיך אָן צווישען די „גליקליכע" שרייבער פּונקט ווי אין דער בירגערליכער היפּאָקריטישער וועלט. צי מען איז צופרידען זיך צו טרעפען מיט די יונגע שרייבער, צי נישט, אָבער מען באַגריסט גאַנץ העפליך די יונגע שרייבער. און קוים טרעפט זיך דאָס צוויי אַלטע שרייבער ריידען צווישען זיך און איינער פון די אַלטע קען נאָך נישט אַן אַריינגעקומענעם יונגען שרייבער, דאַן געהט געוועהנטליך אַרויס פון דעם מויל פון איינעם פון די אַלטע שריי־בער אַ פאָרשטעלונג אויף אַזאַ מין נוסח:

„קענט איהר זיך?"

„אַט דאָס איז דאָך דער גוט־באַקאַנטער יונגער דיכטער" דער און דער. אָדער „דער גוט באַקאַנטער שריפטשטעלער" יענער און יענער.

און די „יונגע“, ביי אזא מין פאַרשטעלען זיך, פרעגלען זיך פון נחת. און אזוי האלטען די יונגע שטענדיג אין איין שמעקען און זוכען, טאָמער וועט דער אָדער יענער אלטער שרייבער העלפען דערגרייכען דעם ציעל. און וואָס פאר א ציעל איז עס? איז עס אפשר צו ווערען א גוטער שרייבער? ניין! דאָס דוקא נישט! נאָר עס איז א ציעל דאָס עפּעס פון די שריפטען זאָלען ערגעץ געדרוקט ווערען אָדער דער אלטער שרייבער זאָל העלפען דעם יונגען אריינצוקומען אלס ארבייטער אין אירגענד וועלכער צייטונג. און אזוי האלטען אלץ די „יונגע“ אין איין האָפען און האָפען, שרייבען אויף רעכטס און אויף לינקס, געהען אין די קאַפע־הייזער און אויף אלע שרייבערישע שמחות און דאָס לעבען געהט דער־ווייל אוועק אויף פוסטע נארישקייטען. און אזוי טרעפט אויך דאָס אמאָהל ווערט א לידעל דאָ אָדער דאָרט געדרוקט, פון וואַנען די יונגע זאמלען צונויף די שריפטען און גיבען זיי ארוים אין א ביכעל.

דאָס קאַפע־הויז, אָדער די ליטעראַרישע „קיבעצאַרניע“, וואָס מיר קומט אוים צו שטודירען פון צייט צו צייט, איז איבערהויפּט נישט קיין זעהר גינסטיגער פלאץ פאר נייע שרייבער. די באַ־שעפטיגטע שרייבער זיינען נישט מעהר ווי מענשען, און אין קאַפע־הויז געהט מען אריין זיך זעהן מיט דעם אָדער יענעם באַקאַנטען פון דעם שרייבער־פאַך. אמאָהל געהט מען אין קאַפע־הויז פשוט פארטרייבען די לאַנגוויילינע צייט. אָבער אָפט געהען אהין באַשעפטיגטע שרייבער צו כאַפּען א מין גייסטיגען נאַש, א שטיקעלע נייעס פון דער ליטעראַרישער וועלט כדי דאָס אוים־צונוצען אין דער פּראָפעסיע. דערפאַר איז דאָס קאַפע־הויז, די „קיבעצאַרניע“, די אייגענטליכע עפענטליכע מיינונג פאר דער אידישער ליטעראַטור. און דערפאַר איז די אידישע ליטעראַרישע וועלט אזוי קליין, אָרים און שפל, ווייל מען אינטערעסירט זיך נישט וואָס דאָס פאָלק, דער לעזער, וועט דיינקען וועגען וואָס מען שרייבט, נאָר אלע שרייבער אינטערעסירען זיך הויפּטזאַכליך וואָס דיזע קליינע וועלט, די קאַפע־הויז־וועלט, וועט

זאָגען וועגען די אָנגעשריבענע לידער, אַרטיקלען, ביכער, זשור־נאַלען און אַלעס וואָס די ליטעראַרישע וועלט שאַפט. און דער־פאַר ווייל דער בעסערער שרייבער אינטערעסירט זיך נישט מיט דער מיינונג פון דעם פאָלק (די אינטעליגענטערע פון פאָלק מיין איך דאָ), אינטערעסירט זיך אויך נישט דאָס פאָלק מיט אַזאַ מין עפענטליכער מיינונג און לייענט נישט די אַזוי גערופענע בעסערע ליטעראַטור. אָבער אַ שלעכטע ווירקונג אויף דער אידישער ליטעראַטור האָט דיזע קליינע וועלט, דיזע באַשרענקטע עפענטליכע מיינונג. און זייענדיג נישט מעהר ווי מענשען, נישט האָבענדיג מאַנכעם מאָהל פון וואָס צוריידען, זאָגען זיך די באַשעפטיגטע שרייבער געוויסע מיינונגען גלאַט אין דער וועלט אַריין איבער דיזען אָדער יענעם זשורנאַל פון די „יונגע“ שרייבער, אָדער איבער דיזען אָדער יענעם ערשיענענעם בוך. אויף דיזען אופן קען בלויז איין־איינציג וואָרט, אַ גוטס אָדער שלעכטס אין אַ פּאַרקעהרטען זין, האָבען אַ ווירקונג אויף די קריטיקער. און די קריטיקער, צוליעב העפליכקייט און פריינדליכקייט צו די פאַך־קאָלעגען, זוכען צופרידענצושטעלען אָט דיזע קליינע עפענטליכע מיינונג. אויך ווילען די קריטיקער אין דערזעלבער צייט זיין גוט־ברודערליך מיט די „יונגע“. דערפאַר קומט טאַקע אַרויס די קריטיק אָדער רעצענזיע איבער אַ נייעם זשורנאַל אָדער בוך אַזוי נישט אהין און נישט אהער, נישט גוט און נישט שלעכט. און די „יונגע“, די נישט־באַשעפטיגטע שרייבער וואַרטען מיט אונגעדולד אויף אָט דיזען סאָרט קריטיק אָדער רעצענזיע. און ווען דיזע יונגע שרייבער קומען זיך צונויף אין זייער אייגענעם ביליגערען קאַפע־הויז, קען מען צווישען זיי הערען אַזאַ מין דעבאַטע:

„האָסטו געלייענט די רעצענזיע פון דעם און דעם קריטיקער איבער יענעם אָדער יענעם ביכעל?“

„געלייענט!“

„וואָס זאָגסטו אויף דעם ווי ער האָט יענעם שרייבער אַרונ־טערגעריסען?“

„וואָס? ארונטערגעריסען? ער האָט דאָך איהם גאָר גע־הויבען ביז אין הימעל!"

„געה שוין געה! דו פאַרשטעהסט נישט! ער האָט פון איהם געמאַכט בלאָטע שבבלאָטע!"

און אַזוי קענען זיך די יונגע שרייבער ארומרייסען ביז שפּעט אין דער נאַכט און קענען נישט קומען צו קיין שלום, ווייל זיי ווייסען נישט וואָס דער אָדער יענער קריטיקער האָט געזאָגט, אָדער געוואָלט זאָגען איבער אַ זשורנאַל אָדער בוך לידער.

אין מיטען פון אָט אַזאַ דעבאַטע, צו וועלכער איך האָב מיך פון וויטען צוגעהערט, האָב איך אַמאָהל געזעהן ארייגלויפען אַ יונגען דיכטער מיט אַ געוויסער אויסגאַבע אין דער האַנט און כמעט אָנגעהויבען צו טאַנצען פאַר שמחה און געהאַלטען אין איין ריידען וואָס זיין נאָמען איז דערמאָהנט געוואָרען אין יענער אויס־גאַבע. זייענדיג שטאַרק פאַראינטערעסירט צו זעהן וואָס מיט יענעם יונגען דיכטער איז עס אַזוינס געווען די שמחה, האָב איך ביי איהם געבעטען ער זאָל מיך לאָזען אַ קוק טון, כדי צו זעהן וואָס דאָרטען איז געווען אָנגעשריבען. איך מוז מודה זיין, דאָס איך בין שטאַרק צוטומעלט געוואָרען פון דער ערשיינונג, ווייל איך האָב געזעהן דאָס דער שרייבער פון יענער אויסגאַבע האָט פּשוט חוזק געמאַכט פון דעם יונגען דיכטער. אויף אירגענד וועלכען אופן האָב איך געפּרואווט אויסצוגעפינען די אורזאַך פון זיין שמחה. צווישען מיר און יענעם יונגען דיכטער איז פאַר־געקומען אַן ערנסטער שמועס און אויף אַ זעהר דעליקאַטען אופן האָב איך איהם געזוכט אויפצוקלעהרען דאָס עס איז נישטאָ קיין שום אורזאַך צו פרעהען זיך.

אָבער יענער יונגער דיכטער האָט אַזוי ערנסט געענטפערט, דאָס ער ווייסט אַז מען מאַכט פון איהם חוזק, און דאָס ער איז פון דעם צופרידען, דאָס איך האָב איהם געמוזט גלויבען. ער האָט מיר געגעבען צו פאַרשטעהן דאָס עס איז בעסער אויסגעלאַכט צו ווערען אין דער עפענטליכקייט איידער פאַרשוויגען צו ווערען אינגאַנצען. פריהער, האָט ער געזאָגט, לאַכט מען אויס, און

שפעטער בייט מען איבער די מיינונג. און אזוי געהט עס ביז מען ווערט אנערקענט פאר א טאלאנט.

אזא מין חוזק מאכען פון א דיכטער, אדער דעם דיכטער און שרייבער גאר אינגאנצען צו פארניכטען, ווי מאנכע גראב־יאנסקע שרייבער האבען זיך געמאכט א מאדע צו טון מיט יעדען שרייבער, מאכט דעם איינדרוק אזוי ווי א מיאוסע שפין וואלט געפרעסען א שמעטערלינג, אדער ווי א חזיר וואלט צע־דריקט אויף טויט א נאכטיגאל. אבער דאך זיינען די יונגע שרייבער צופריעדען דערמאהנט צו ווערען צום שלעכטען איידער אינגאנצען פארשוויגען צו ווערען צום טויט.

אט דאס איז די באציהונג צווישען די אלטע שרייבער און די יונגע, און דאס איז די קללה פון דער עפענטליכער מיינונג פון דער אידישער גאס וואס ווערט געשאפען אין די דלת אמות פון דעם קאפע־הויז. עס איז א קללה וואס פארניכטעט די גאנצע אידישע ליטעראטור אין אמע־ריקע.

וועגען באגייסטערונג פאר דער אידישער ליטעראטור אויף דער אידישער גאס.

באגייסטערונג איז זעהר א גוטע זאך. ווען עמיצער קען באגייסטערט ווערען פאר עפעס א וויכטיגע זאך, דאן קען מען האפען דאס ער וועט זיך נעמען צו דער ארבייט דיזע גוטע זאך צו פארווירקליכען. ווען מען ווערט אבער באגייסטערט פאר פוסטע זאכען, דאן ווייזט דיזע באגייסטערונג אליין די נארישקייט פון אזעלכע מענשען. אזוי ווערען יונגע שרייבער באגייסטערט ווען עלטערע שרייבער שטעלען זיי פאר פאר פרעמדע מענשען אלס גוט באקאנטע דיכטער אדער שריפטשטעלער, ווען אין דער וויר־קליכקייט מאכט מען גאר פון די יונגע חוזק. און אזוי, אונטער געוויסע אומשטאנדען, ווערען אלטע און יונגע שרייבער באגייס־טערט פאר דער אידישער ליטעראטור, וועלכע איז אין דער

ווירקליכקייט אין אַ זעהר טרויעריגען צושטאַנד. אַט אַזאַ מין נאַרישקייט איז ווערטה דאָ פאַרצייכענט צו ווערען. אַ וואונ־דערליכע באַגייסטערונג האָב איך אַמאָל בייגעוואוינט צוליעב אַ קליינינקייט, צוליעב אַ זייטיגע זאַך וואָס האָט גאַרנישט צו טון געהאַט מיט דער אידישער ליטעראַטור.

פון דער אידישער פּרעסע קען מען גאַרנישט געוואָהר ווע־רען וואָס עס קומט פאָר אין דער ליטעראַרישער וועלט. עס איז שוין אַן אַלטע צרה וואָס די אידישע פּרעסע פאַרשווייגט יעדע זאַך וואָס האָט צו טון מיט דעם אידישען בוך, מיט דעם אידישען זשורנאַל, מיט דעם אידישען דיכטער און שריפטשטעלער: קורץ, מיט אַלעם וואָס האָט צו טון מיט דעם אידישען וואָרט. ווען מען וויל עפּעס וויסען מוז מען איבערזיפּען אַלע אידישע צייטונ־גען ביז מען דערלעבט צו דערבליקען עפּעס וועגען דער אידישער ליטעראַטור. און אַזוי ווי עס איז אונמעגליך פאַר אַ מענ'ש צו לייענען אַלע צייטונגען, האָט מען נישט קיין אַנדערע ברירה ווי טאַקי ווידער אָנצוקומען אין די ד' אמות פון דער אידישער עפענטליכער מיינונג. ווען איך בין אַמאָהל אריינגעקומען אין דער ליטעראַרישער „קיבעצאַרניע", האָב איך געזעהן ווי די אי־דישע שרייבער, יונגע אַזוי גוט ווי אַלטע, האָבען מיט באַגייסטע־רונג זיך געקאָכט און דעבאַטירט וועגען אַ פּאַסירונג דאָס די פראַנצויזישע פּרעסע זאָל האָבען געלויבט די אידישע ליטעראַ־טור. אַלס זייטיגער צושויער האָב איך מיט אַ שמייכעל פון באַ־דויערען זיך צוגעקוקט ווי אַזוי די שרייבער האָבען זיך געהיצט אויף אַלע כלים און באַוואונדערט די גרויסקייט פון דער אידישער ליטעראַטור דאָס זי האָט אַזש דערגרייכט צו די גוים. ווי גע־זאָגט, האָב איך דאָ אין דער אידישער פּרעסע גאַרנישט געזעהן וועגען דעם. אויך האָב איך נישט געזעהן קיין שטיקעל נייעס וועגען דעם און איך קען דערפאַר מיר נישט געבען קיין שום מיינונג וואָס די פראַנצויזישע פּרעסע האָט אייגענטליך געקענט ריידען וועגען דער אידישער ליטעראַטור. אָבער לויט דעם היצען זיך פון די שרייבער, קען מען וועטען צעהן צו איינס, דאָס איינע,

אָדער אפשר א פּאָר צייטונגען האָבען יאָ געשריבען וועגען אידישע שרייבער וואָס זיינען געוועזען אין פּאריז און דערביי אויך דערמאָהנט די אידישע ליטעראטור. אָבער וואָס איז דאָ באגייסטערט צו ווערען פון א שטיקעל נייעס וואָס א פרעמדע צייטונג האָט גע־קענט אָנשרייבען? פאר אינטעליגענטע מענשען דארף די באנאלי־טעט פון א שטיקעל נייעס אין א טעגליכער צייטונג נישט אויס־מאכען ווען עס ברייננגט נישט קיין פּראקטישע רעזולטאטען. אונז דארף דער זין פון נייעס אין די גוי'שע צייטונגען זיין גוט באַ־קאנט. לאָמיר, למשל, נעמען די נייעס אין די ענגלישע צייטונגען, ווי אלע אידישע ימים טובים ווערען באשריבען מיט אלע קלי־פּערלעך. ווערט דען דער יום טוב מעהר הייליג ווען אן ענגלישע צייטונג, למשל, זאָגט אָן די נייעס דאָס פון דעם טאָג אָן נאָך זון אונטערגאנג וועט דער שופר, אָדער דער האָרן פון א באראן דורך א בלאָז לאָזען וויסען דאָס דער אידישער ניי יאָהר וועט זיך אָנהויבען? קען דען די אידישע ליטעראטור דאָ אין אמערי־קע בעסער ווערען ווען פרעמדע צייטונגען אין אייראָפּע וועלען זאָגען עטליכע באנאלע ווערטער וועגען איהר? צו וואָס טויג, אָדער וואָס קען העלפען א פרעמד שטיקעל נייעס, ספּעציעל גע־שריבען פאר עטליכע ד אָ ר ט י ג ע אידישע לעזער, כדי זיי זאָלען דאָרט קויפען די צייטונג, ווען מיר דאָ ווייסען אין דער־ווירקליכקייט, אז די אידישע ליטעראטור איז אין א שלעכטען צושטאנד? קען א דאָרטיג שטיקעל נייעס עפּעס דאָ העלפען, ווען די אידישע שרייבער דאָ ווילען נישט שרייבען פאר דעם פּאָלק און דאָס אינטעליגענטע פּאָלק אינטערעסירט זיך נישט מיט דער אידישער ליטעראטור? צו וואָס טויג אָט דיזע פּוסטע באגייס־טערונג? אזא פּוסטע באגייסטערונג קען נאָך אָנטון שאָדען ווען מען וועט נישט זעהן אין דער ווירקליכקייט צו שאפען אי א גע־זונטע ליטעראטור, אי א געזונטען באָדען פאר איהר.

און אזוי ווערט מען באגייסטערט פאר יעדער קליינינקייט אין די אידישע ליטערארישע קאפע־הייזער וואָס שאדט דירעקט דער אידישער ליטעראטור און אמאָהל אויך דעם גאנצען אידישען

פאָלק. אזא מין באגייסטערט ווערען האָב איך געזעהן אין די ליטעראַרישע „קיבעצאַרניעס" ווען יונגע און אַלטע שרייבער האָבען מיט היץ דיסקוטירט די פּאַסירונג דאָס אַ פּוילישער באַאַמטער האָט איינגעלאַדען צו זיך אַפּאַטאַשאָו'ן ווען דיזער איז געווען אין ווארשע. און דיסקוטירט האָט מען די פראַגע פון דעם שטאַנדפּונקט וואס יענער הויכער באַאַמטער זאָל האָבען דיזען שרייבער איינגעלאַדען אלס פאָרשטעהער פון דער אידישער ליטעראַטור. פון וואס די אידישע שרייבער זיינען באַגייסטערט געווארען קען איך גאָר נישט פארשטעהן. סטייטש, טענה'ן זיי, די פּוילישע רעגיערונג האָט דורך דעם אַנערקענט די וויכטיגקייט פון דער אידישער ליטעראַטור! איצטער שטעלט זיך אַ פראַגע: ווער איז די פּוילישע רעגיערונג? זיינען דען נישט די איצטיגע פּוילישע רעגיערער דיזעלביגע וואָס האָבען נאָך אונטער דעם צאַר'ס הערשאַפט אָרגאַניזירט דעם באַקאַנטען שרעקליכען חרם אַקעגען די אידישע געשעפטסלייט, וואָס האָט געהאַט אַזעלכע שרעקליכע פאָלגען, און אידען אין אַלע לענדער וואָס וואוינען אין שכנות מיט פּאָליאַקען ליידען נאָך איצטער אויך פון דעם? זיינען דען נישט די איצטיגע פּוילישע רעגיערער דיזעלביגע וואָס האָבען באַאיינפלוסט אַזאַ וויכטיגע וועלט־אינסטיטוציע ווי די „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ"? ווי זשע איז עס מעגליך דאָס דיזעלביגע פּוילישע רעגיערער זאָלען פּלוצים קריגען דרך־ארץ פאַר אַ אידישען שרייבער און פאַר דער אידישער ליטעראַטור?

די „פּוילישע וועלדער", קען מען מיר זאָגען, איז אזא וויכטיג ווערק, דאָס אפילו די גרעסטע אַנטיסעמיטען מוזען איינזעהן די גרויסקייט פון דעם. מיר אָבער דאַרפען זיך אַליין נישט נאַרען. די „פּוילישע וועלדער" איז אין ב ע ס ט ע ן פ א ל אַ גאַנץ מיטעלמעסיג ווערק. ווער עס איז נאָר נישט בלינד, דער וועט באַלד מוזען איינזעהן דאָס די „פּוילישע וועלדער" איז אַ געמישעכץ פון אַלערליי אונזיניגע פלוידערייען צונויפגעסטריגעוועט מאַשינמעסיג אָהן אַ שום צוזאַמענהאַנג. אפשר, ווען אַפּאַטאַשו זאָל געווען מעהר האָבען געזאָרגט צו מאַכען פון דיזען ווערק

א גוט שטיקעל ליטעראטור, וואלט זיך דאן געלוינט צו טראכטען פון דעם אלס א גוטע זאך. אבער וועגען דעם, ווייזט אויס, האט אפאטאשו נישט זעהר געזארגט. ווי־זשע קומט עס, פרעג איך, וואס די פוילישע רעגיערער זאלען באגייסטערט ווערען פאר אזא מיטעלמעסיג אידיש ביכעל און דורך דעם פאר דער גאנצער אי־דישער ליטעראטור? האבען דען נישט די פאליאקען בעסערע אייגענע דיכטער און שריפטשטעלער?

די „פוילישע וועלדער”, קען מען מיר ווייטער זאגען, איז א ווערק וואס שילדערט דאס לעבען פון פוילען, דאס אידישע, אזוי גוט ווי דאס קריסטליכע. אבער אויף ווי ווייט איך קען די אידישע ליטעראטור האבען אנדערע שרייבער פיעל בעסער גע־שילדערט דאס אידישע לעבען אין פוילען ווי אפאטאשו. און וועגען דעם ווי ער האט געשילדערט דאס קריסטליכע לעבען האבען די פאליאקען נישט פון וואס צו ווערען באגייסטערט. אין די עטליכע פלוידעריען פון דעם פוילישען קריסטליכען לעבען ווע־רען די פאליאקען אזוי געשילדערט, דאס זיי זעהען זיך ארויס אלס פייגלינגע. און עס איז א באקאנטער פאקט דאס א רעגיע־רונג ווערט נאר באגייסטערט פון אזא ליטעראַרישע ארבייט, וועלכע שילדערט איהר פאלק, איבער וועמען זי רעגיערט, אלס העלדען און נישט אלס פייגלינגע. אלזא, אויך פון דיזען שטאנד־פונקט האבען די פוילישע רעגיערער נישט געהאט פון וואס באגייס־טערט צו ווערען. ווי־זשע האט עס געטראפען, דאס זיי, די פוילישע רעגיערער, זאלען פלוצים אפגעבען כבוד א שרייבער פון א מיטעלמעסיג ביכעל און איהם איינלאדען אלס פארשטעהער פון דער אידישער ליטעראטור? דער ענטפער אויף דעם איז א גאנץ אנדערער.

די פוילישע רעגיערונג, פונקט ווי די רעגיערונגען פון אלע אנ־דערע אידען־פיינדליכע לענדער, נויטיגט זיך אין אויסלענדיש געלד. און כדי מען זאל קענען קריגען אויך אידיש קאפיטאל און די אויסלענדישע רעגיערונגען זאלען פאר דעם גאראנטי־רען, האט מען פון דרויסען שטילערהייט א ווינק גע־

געבען דאָס זי, די פּוילישע רעגיערונג, מוז זיך ווייזען פאַר די אידען מיט אַן אָנשטענדיג פּנים. און קיין בעסער מיטעל האָט די פּוילישע רעגיערונג נישט געקענט געפינען ווי איינצולאַדען צו זיך אַ שרייבער (און אפשר נאָך מיט איהר געלט?) פון אַ מיטעל־מעסיג ווערק און איהם אָפּגעבען כבוד אַלס פאַרשטעהער פון דער אידישער ליטעראַטור און פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק. איך האָב קיין שום צייטונג נישט געזעהן מיט דעם באריכט וועגען אָפּאַטאָשו'ס באזוך צום אָדון הגדול, צום פּריץ, צום שררה; אָבער מען קען וועטען דאָס וועגען ליטעראַטור איז ביי יענעם באַזוך גאַנץ ווינציג גערעדט געוואָרען. גערעדט ביי יענעם באַזוך האָט מען מן־הסתם מעהר פון דעם, וואָס די פּוילישע רעגיערונג האָט אין זין געהאַט צו ווייזען איהר נייע פריינדליכקייט צו אידען. אָבער וועגען יענעם באַזוך האָט מען צווישען אידען און אין די איירא־פּעאישע צייטונגען מן־הסתם פיעל דיסקוטירט און די נייעס האָט דערגרייכט אַהער, צו אונז. און דיזע דיפּלאָמאַטישע קונסט האָט געווירקט. אַ אידישער שרייבער דאָ ביי אונז אין אַמעריקע, באַ־איינפלוסט מן־הסתם פון יענעם באַזוך, אָדער אפשר פון אַן אַנדער סאָרט פריינדליכקייטס־באַווייזע פון דער פּוילישער רעגיערונג, האָט געזוכט זי, יענע רעגיערונג, ריינצוואַשען פון איהר אַנטיסע־מיטיזם. ווי לאַנג די „אידען־פריינדליכקייט" פון דער פּוילישער רעגיערונג וועט אָנהאַלטען וועט מען ערשט זעהן ווען די פינאַנ־ציעלע לאַגע אין איירא־פּע וועט זיך אויסגלייכען.

אָבער וועגען יענעם באַזוך האָבען די שרייבער דאָ אין אַמע־ריקע זיך געקאָכט אויף וואָס די וועלט שטעהט. און אויך דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער קליינער עפענטליכער מיינונג פון דעם קאַפּע־הויז. וואָלטען זיך די אידישע שרייבער באַצויגען מיט מעהר ערנסט צום גאַנצען אידישען פאָלק און צו דער אידי־שער ליטעראַטור, וואָלט אָפּאַטאָשו נישט געווען באַטראַכט גע־וואָרען אַלס דער ווי כ ט י ג ס ט ע ר פאַרשטעהער פון דער אידישער ליטעראַטור. וואָלט אַן אַנדערער שרייבער געווען אויף אָפּאַטאָשו'ס אָרט וואָלט יענער שוין געוועזן געוואוסט וואָס צו

ענטפערען אויף אזא מין דיפלאמאטישער איינלאדונג, און די פוילישע רעגיערונג וואלט געווען געהערט דעם אמת און וואס זי זאל ווירקליך קענען טון צו קענען קריגען דעם נאמען פון א ציוויליזירטער רעגיערונג וואס וויל זיך ווייזען אנשטענדיג פאר דער וועלט.

אויף יעדען שריט און טריט, וואו נאר מען קעהרט זיך און מען ווענדט זיך, זעהט מען די טרויעריגע רעזולטאטען פון דער־שטיקען די בעסערע אידישע טאלאנטען און פון דער קללה פון דער דלת־אמות'דיגער עפענטליכער מיינונג. אבער סוף כל סוף פאלט עס אויף די קעפ אויך פון יענע וואס פארמירען דיזע קליינע עפענטליכע מיינונג אויף דער אידישער ליטערארישער גאס אין אמעריקע. איבערהויפט ווערט מען דא ביי אונז אין אמע־ריקע באגייסטערט פאר יעדער קלייניגקייט און זייטיגער זאך און נישט פון קיין ערנסטער ערשיינונג. אזוי איז מען מיט יאהרען צוריק באגייסטערט געווארען פון א ליטערארישער ערשיינונג, פון וועלכער מען איז ערשט שפעטער געוואהר געווארען פון וואנען זי האט געשטאמט. איך מיין דא די ערשיינונג פון א גרויסען ליטערארישען פארלאג, וואו פיעלע שריפטען פון אונזערע היינטיגע גדולים, טויטע און לעבעדיגע, זיינען געדרוקט געווארען. די שריפטען פון גארדין, דר. זשיטלאווסקי, קראנץ און פון אנדערע גדולים זיינען ארויסגעגעבען געווארען פון איינעם, וועמען א קאמיטע האט אויסגעפונען צו זיין א שטילער אנגעשטעלטער אין דער רעגיערונג פון דעם צאר.

וועלען ערנסטע שרייבער איינזעהן, אויב זיי ווילען ווירקליך זיין פארשטעהער פון ערנסטער ליטעראטור, דאס זיי מוזען ווייזען פאר דעם פאלק די אמת'ע ליטעראטור? וועלען די אידישע שרייבער אמאהל איינזעהן, דאס זיי מוזען איינמאהל פאר אלע מאהל אויפהערען מיט דער טאקטיק פון אויפהויבען אין הימעל אריין צווייפעלהאפטע שרייבער און גוטע טאלאנטען דערשטיקען צום טויט דורך פארשווייגען זיי אדער פארלאכען? ערנסטע מענשען דארפען באגייסטערט ווערען פון ערנסטע ערשיינונגען,

נישט קוקענדיג וואָס זיי קען זיך פאַר דעם מאָמענט אויסדראַכטען, דאָס די ערשיינונג איז נישט ערנסט. ווען די שרייבער וועלען נעמען ערנסט יעדע וויכטיגע ערשיינונג, דאַן וועט דאָס פאָלק זיי שיינקען זייער צוטרויען און יעדער וועט זיך צוהערען וואָס זיי, די שרייבער, האָבען צו זאָגען דער וועלט. אויב אָבער זיי וועלען ווייטער האַנדלען ווי ביז איצט, דאַן וועל איך איבער־חזר'ן צום טויזענדסטען מאָהל מיין נביאות, דאָס עס קען נאָך זיין ערגער ווי איצט.

ווענען דעם גרויסען טעות דאָס עס זיינען נישטאָ קיין לעזער אויף דער אידישער גאַס.

עס איז אמאָהל געווען א צייט — יענע צייט ווען איך האָב אָנגעשריבען דאָס פּראָסטע ביכעלע „ווערטער פון א ליטעראַרישען קרענק" — ווען מען האָט אויף א ציניִשען אופן באַהויפּטעט דאָס עס זיינען נישטאָ קיין טאַלאַנטען אויף דער אידישער גאַס, און דערפאַר ערשיינען נישט קיין נייע אָריגינעלע ביכער, און דערפאַר איז די אידישע ליטעראַטור אַזוי אָרים. אָבער א דאַנק טאַקע דעמזעלבען ביכעלע, וועלכעס מען האָט אויף א גראָביאַנסקען אופן פאַרשווייגען אָדער אין א טעות אויסגעלאַכט, וואו איך האָב אויפ־געוויזען דעם ליגען פון דיזער באַהויפּטונג, רעדט מען שוין נישט מעהר היינטיגען טאָג פון אַזא זאַך דאָס עס פעהלען אידישע טאַלאַנטען. טאַלאַנטען האָבען זיך באַוויזען אויף יעדען שריט און טריט — און אויך טאַקע באַאיינפלוסט שטילערהייט פון דעמזעלבען ביכעלע — און דוקא גוטע דיכטער און שריפטשטעלער אויך. דערפאַר אָבער האָט זיך איצט דאָס רעדעל איבערגעדרעהט, און היינטיגען טאָג שרייט מען דאָס עס זיינען נישטאָ קיין אידישע לעזער פאַר גוטער אידישער ליטעראַטור. און אָט דיזע באַהויפּ־טונג איז פונקט אַזוי אונזיניג און שעדליך ווי יענע.

לאָמיר זיך נאָר נעהנטער צוקוקען צו דיזער לעצטער אונ־זיניגער באַהויפּטונג. מילא, פון דער פּראָסטער מאַסע וויינציג־דיינקענדיגע ברואים רעדט מען נישט. אַזעלכע ברואים זיינען

דאָ אויך ביי די נישט־אידישע פעלקער. אָבער לאָמיר נאָר אויף א מינוט א טראכט טון פון די פיעלע אידישע ארבייטער־פיהרער, פון די אַלערליי שרייבער, פון די דאָקטוירים, דענטיסטען, אדוואָ־קאַטען און פון די אַלע אַנדערע אידישע פּראָפעסיאָנאַליסטען; לאָמיר צורעכענען צו דיזע שטודירטע אידען א גרויסען טייל פון די ארבייטער גופא וואָס זיינען מעהר דיינקענדיג ווי די איבעריגע גרויסע מאסע: איז עס דען מעגליך דאָס דיזע מענשען זיינען טאקי אזוי ווילד ווי מען שטעלט זיך פאָר, דאָס זיי ווילען נישט לייענען א גוט אידיש וואָרט וואָס איז ווערטה געלייענט צו ווע־רען? איז עס דען מעגליך דאָס דיזע מענשען זאָלען נישט גע־פינען עפּעס אין זייער אייגענער שפּראַך, למשל, פּונקט ווי מיר אַלע זוכען עפּעס א גוטע זאַך אין די נישט אידישע שפּראכען? און דאָך זעהען מיר ווי גראדע דיזע אינטעליגענטע מענשען האָבען מורא צו נעמען אין דער האנט אריין א אידישע אויסגאַבע, וואו אַן ערנסט און שעהן וואָרט איז אָנגעשריבען. נישט אַנדערש, דאָס פּיעלע אורזאַכען האָבען זיך דאָ צונויפגעטראָפען וואָס האָבען בייגעטראָגען צו דער ערשיינונג וואָס דיזע אינטעליגענטע מענשען האָבען פאַרלוירען דעם צוטרויען צום אידישען וואָרט. די מיינונג דאָס דיזע אינטעליגענטע מענשען זיינען מעהר אָדער ווינציגער געבילדעט און דערפאַר לייענען זיי די שריפטען פון אנדערע שפּראַכען אין אָריגינאַל און נישט אין אידיש, קען זיין נאָר גע־ציעלט אקעגען די שלעכטע איבערזעצונגען. אָבער וואו האַלט עס מיט די אָריגינעלע אידישע שריפטען וואָס זיינען שוין דאָ און וואָס וואָלטען געקענט ערשיינען? אָט צו דיזען פאַרלוירענעם צוטרויען וויל איך מיך צוקוקען.

איידער די אמעריקאַנער אידישע ארבייטער־באוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען קען מען נישט ריידען פון אירגענד וועלכער ליטע־ראַרישער ערשיינונג, גאָר פּשוט ווייל דער באָדען איז נישט געווען גינסטיג פאַר דעם, ווייל עס איז נישט געווען קיין צו גרויסע אידישע באַפעלקערונג. דערפאַר אָבער קען מען מיט זיכערקייט זאָגען דאָס מיט דעם אָנהויב פון דער אידישער ארביי־

טער־באוועגונג האָט די אידישע ליטעראַטור גאָר פון אָנהויב אָן זיך פאַרנומען אויף אַ שלעכטען וועג, ווייל זי איז אריינגעפאַלען אין דער מאַכט פון צוויי שלעכטע מענשען. אָט דיזע צוויי מענשען זיינען געווען יאַנאָווסקי און אב. קאַהאַן. די היינטיגע שרייבער וואָס זיינען באַקאַנט אויף דער אידישער גאַס, און אפילו פיעלע וואָס אַרבייטען היינטיגען טאָג אין די צייטונגען וואָס זיינען נישט דירעקט אונטער דעַם איינפלוס פון דער אַרבייטער־באוועגונג, שטעהען איינגאַנצען אונטער דעם דירעקטען איינפלוס פון דיזע צוויי ליטעראַרישע דיקטאַטאָרען. עס וועט נאַטירליך אויסקוקען קאָמיש אין די אויגען פון מאַנכע ליטעראַרישע פאָרשער אָט דיזע באַהויפּטונג — איבערהויפּט ווען יאַנאָווסקי'ן רעכענט מען שוין אַריין צווישען די טויטע, און אויך קאַהאַן'ען באַלד צווישען די אָפּגעשלאָגענע הושענות. און ווען מען זאָל ביי די היינטיגע שרייבער אַ פרעג טון אויב זיי שטעהען אונטער דעם איינפלוס פון דיזע צוויי ליטעראַרישע דיקטאַטאָרען, וואָלטען זיי זיך זיכער אויסגעלאַכט און וואָלטען גאַנץ נאַאיוו באַהויפּטעט דאָס זיי זיינען אָריגינעלע דיכטער און שריפטשטעלער, און שטעהען נישט אונטער אירגענד וועלכען איינפלוס. נו, וועגען דיזער נאַאיווער באַהויפּטונג פון די היינטיגע שרייבער דאַרף מען דאָ נישט פיעל ריידען, און פיעלע עלטערע אינטעליגענטען ווייסען גלייך מיט מיר ווי פיעל אמת עס איז דאָ אין דיזער באַהויפּטונג. ווען מען זאָל דעם פלאַטערענדיגען שמעטערלינג זאָגען דאָס ער שטאַמט פון אַזאַ זאַך וואָס איז ענליך צו אַ וואָרים וואָלט ער, פונקט ווי די היינטיגע שרייבער, זיך אויסגעלאַכט פון דעם. עס איז אָבער אַ באַקאַנטער פאַקט דאָס אויף די שפּאַלטען פון דער „פרייע אַרבייטער שטימע" אונטער יאַנאָווסקי'ס באַלעבאַטעווען האָבען זיך אַ גרויסער טייל פון די היינטיגע שרייבער אויסגעחאָוועט. און אויב קאַהאַן האָט נישט באַשאַפען אַזוי פיעל שרייבער ווי יאַנאָווסקי, האָט ער אָבער געהאַט אַ גרעסערען איינפלוס אויף די היינטיגע שרייבער ווי דער לעצטער, און האָט עס נאָך עד היום הזה.

און אַלס ליטעראַרישע מלמדים האָבען דיזע צוויי ליטעראַרישע דיקטאַטאָרען פּשוט צעשטערט דעם גוטען אָנהויב פון דער אידישער ליטעראַטור. עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, ווי איך האָב עס מיט פאַקטען באַוויזען אין דעם דערמאָנטען ביכעלע, אַז יאַנאָווסקי איז געווען דער יעניגער וואָס האָט פריער פראָקלאַמירט דעם געדאַנק, דאָס די גרויסקייט פון אַ שרייבער באַשטעהט נאָר אין דער פעהיגקייט צו קענען ווייט און ברייט אַנאָנסירען דעם נאָמען. פון אַזאַ פאַלשער מיינונג איז גאַנץ נאַטירליך צו ציהען אַ שלום, דאָס די ליטעראַטור אַליין, מעג זי זיין גוט אָדער שלעכט, איז עפּעס אַ זייטיגע זאַך, און האָט גאָר נישט צו טאָן מיט דער גרויסקייט אָדער קליינקייט פון דעם שרייבער. אמת'דיג ווי דיזע טרויעריגע רעגעל מעג זיך זיין אין דער געשעפטס־וועלט און גוט ווי זי קען אַמאָהל אויספּאַלען פאַר אַ מיטעלמעסיגען שרייבער וואָס פאַרשטעהט די קונסט ווייט און ברייט באַקאַנט צו מאַכען זיין נאָמען, און דורך דעם קריגען מאַטעריעלען געווינס, טאָר זי אָבער נישט זיין קיין מאָס צו וועגען און מעסטען די גוטקייט פון ליטעראַרישע ערשיינונגען. דער איינפלוס פון דיזער פרעכער באַהויפּטונג אויף די היינטיגע שרייבער איז אָבער אַזוי שטאַרק, דאָס נישט נאָר געהט יעדער איינציגער פון די שרייבער אין דיזען וועג, נאָר דיזעלבע באַהויפּטונג ווערט אונטער אַלערליי פאַרשטעלטע פאָרמען אַרויסגעבראַכט אין פיעלע פון די נייערשיענענע זשורנאַלען. דאָס מיינט דאָס כמעט יעדער איינציגער פון די היינטיגע שרייבער האָט נישט אין זין קיין אַנדערע זאַך ווי באַקאַנט צו מאַכען דעם נאָמען און ווייטער גאָרנישט.

און קאַהאַן'ס איינפלוס אויף די אידישע שרייבער איז דיזער: ער איז עס דער יעניגער וואָס האָט פראָקלאַמירט דעם געדאַנק דאָס די ליטעראַטור איז אַ בלינדע זאַך. און דיזע מיינונג האַלט ער אין איין פאַרשפּרייטען אויף אַלע אופנים און אונטער אַלערליי פאָרמען פון ליטעראַרישע שאַפונגען שוין מעהר ווי אַ פערטעל יאָהרהונדערט. וואָס מען קען אייגענטליך מיינען אונטער דעם בלינדקייט באַגריף אין דער ליטעראַטור, צי די לעזער

ווייסען נישט וואָס זיי לייענען אָדער די שרייבער ווייסען נישט וואָס זיי שרייבען, קען איך נישט פאַרשטעהן. ביי מיר אָבער איז עס איינע און דיזעלביגע שלעכטע פּראָקלאַמירונג ווי יאַנאָווסקי'ס, נאָר אונטער אַ גאַנץ העפליכען און פאַרשטעלטען נאָמען. קוים אָבער איז דיזע אונזיניגע און פאַלשע מיינונג פאַרשפּרייט אין אַלע קרייזען פון אונזער אידישער שרייבערישער גאַס, דאַן איז עס גרינג פאַר אונזערע זעלבסט-געקרוינטע ליטעראַטור-קענער צו כאַפּען פיש אין מוטנע וואַסער. דורך אַזאַ שלעכטער און פאַלשער מיינונג איז איינעם גאָר גרינג צו ווייזען דאָס דיזער אָדער יענער שרייבער, מעג ער אַפּילו זיין ווי גרויס אַלס קינסטלער, אַלס דיינקער, און אַלס שריפטשטעלער, איז אין אמת'ן נישט קיין קינסטלער, נישט קיין דיינקער און נישט קיין שריפטשטעלער. און פאַרקעהרט: דער אונוויכטיגסטער שרייבער, אויב ער האָט נאָר געהאַט די פעהיגקייט צו האָבען ערפאָלג מיט זיין צוויפעלהאַפטען שרייבען, קען פּראָקלאַמירט ווערען אַלס דער גרעסטער גאון אין הלכות שרייבעריי.

וואָלט דיזע מיינונג געבליבען נאָר ביי קאַהאַן'ען אַליין וואָלט עס נאָך געווען אַ האַלבע צרה. דער אומגליק איז אָבער וואָס דיזע פאַלשע מיינונג וועגען דער בלינדקייט פון דער ליטעראַטור איז פאַרשפּרייט צווישען די שרייבער זעלבסט, אַפּילו צווישען יענע וואָס זיינען אַליין די קרבנות פון קאַהאַן'ס סיסטעם פון פאַררײדען, ארונטעררייסען, אונטערדריקען און פאַרשווייגען. און אָט דיזע מיינונג פון דער בלינדקייט פון דער ליטעראַטור, איינ־איינעם מיט דער פּראָקלאַמירונג דאָס די גרויסקייט פון אַ שרייבער באַשטעהט אין דער פעהיגקייט צו אַנאָנסירען זיך, איז עס איינע פון די אורזאַכען פון דער אָרימקייט פון דער אָריגינעלער ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס. אויב די ליטעראַטור איז בלינד און אין זיך אַליין איז זי גאָרנישט, נאָר מען דאַרף באַראַבאַנעווען מיט דעם נאָמען אַליין, דאַן בלייבט נישט קיין אַנדערע זאַך איבעריג פאַר דעם שרייבער ווי צו שטרעבען באַקאַנט צו מאַכען דעם נאָמען און פאַר דעם שרייבען גופא זאָל זיך דער

רבונו של עולם אליין זאָרגען. דער יונגער שרייבער, וואָס ווייזט אַרויס סימנים פון טאַלאַנט, אָנשטאָט צו שטודירען די וועלט כדי זי גוט צו קענען — און, קענענדיג זי, זי גוט און אויפריכטיג צו באַשרייבען אויף אַזוי פיעל ווי זיינע פעהיגקייטען ערלויבען איהם, זוכט זיך גאָר צוצו'חנפה'נען טאַקי צו דיזעלביגע צווייפעלהאַפטע שרייבער און קריטיקער. חניפה צו יענע וואָס קענען אַמאָהל אין אַ יובל זאָגען אַ צווידייטיגען וואָרט, פון איין זייט; און אליין אויף אַלע ביליגע אופנים באַקאַנט צו מאַכען דעם נאָמען פון דער צווייטער זייט — אָט דאָס איז דער רעזולטאַט פון די ליטעראַרישע טעטיגקייטען פון די צוויי פערזענליכקייטען וואָס האָבען געהאַט דעם שטאַרקסטען איינפלוס אויף די היינטיגע שרייבער. דערפאַר זעהט מען ביי די איצטיגע שרייבערס אַזוי פיעל פוסטקייטען, אויבערפלאַכליכע געדאַנקען און מיט אַ גרויסען אָנשטעל פון שריפטשטעלעריי אָהן אַ שום ערנסט און פאַראַנטוואָרטליכקייט. און מיט דיזען סאָרט ליטעראַטור זיינען אָנגעפילט כמעט אַלע איצטיגע ביכלעך אָדער די זשורנאַלען און זשורנאַלעכלעך, מעגען זיי זיך האַלטען אַ לייננגערע צייט אויף דער ליכטיגער וועלט, אָדער זיי מעגען ערשיינען און אונטערגעהן קקיון דיונה.

אָט דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס דער אינטעליגענטערער לעזער האָט פאַרלוירען דעם צוטרויען צום אידישען וואָרט. און די שרייבער פאַרשטעהען נישט זייער אייגענע לאַגע און לעגען אַרויף די אורזאַך אויף דער פאַלשער איינבילדונג דאָס עס זיינען נישטאָ קיין אידישע לעזער. און דאָס וואָס איך האָב דאָ געבראַכט איז בלויז אַ קליינע אורזאַך. אָבער יעדע קליינע אורזאַך באַזונדער פיהרט צו דעמזעלבען באַקאַנטען אַלגעמיינעם ליטעראַרישען באַנקראָט וואָס איך האָב שוין אָנגעוויזען און עס וועט מיר נאָך אויסקומען צו ווייזען ווייטער. ער, דער אידישער לעזער, איז שוין אַזוי צוגעוואוינט צו דער טרויעריגער לאַגע פון דער אידישער ליטעראַטור, דאָס ער ווייסט שוין פון פריהער אַז יעדער נייער זשורנאַל און יעדער בוך וועט האָבען אין זיך דיזעלביגע

פּוסטע ווערטער, אָהן ערנסט און מיט דיזעלביגע שטילע אָדער אָפּענע קלאַגען אַקעגען זיך. און די צרה ווערט נאָך שטאַרקער, דאָס דורך דיזען טרויעריגען צושטאַנד ליידען אויך יענע שרייבער וואָס קומען אַרויס מיט אַ געפיהל פון ערנסטקייט אין זייערע געדאַנקען פאַר דער וועלט. דער רעזולטאַט מוז אַזוי נאַטירליך אויספאַלען. ווען דער לעזער זעהט ווי שלעכטע ארבייטען ווערען פאַרשריגען אַלס גרויסע געניאַלע ווערק און אַלעס וואָס ער קריגט אַריין אין דער האַנט דורך אַ צופאַל איז פּוסט און אונפאַר־שטענדליך; ווען ער זעהט אַז פון יעדער איינציגער זאַך מאַכט מען חוזק: דאַן בלייבט פאַר איהם נישט איבעריג קיין אַנדערע זאַך ווי אי צו איגנאָרירען די קריטיקער, אי די שרייבער, אי די גאַנצע אידישע ליטעראַטור. אין דעם מאָמענט אָבער ווען יענע וואָס קענען האָבען אַ שטיקעל איינפלוס אויף דעם אידישען לעזער וועלען זיך באַציהען ערנסט צו זייער אויפגאַבע, אין יענעם מאָ־מענט וועט די אידישע גאַס באַקומען אַן אַנדערען ליטעראַרישען פּנים. אין דעם מאָמענט ווען די ליטעראַרישע קריטיקער וועלען אָנהויבען אָפּשאַצען עהרליך און אויפריכטיג יעדע ליטעראַרישע ערשיינונג, צו זאָגען אַ גוט וואָרט, און אַ האַרציגע מיינונג פאַר יענע שאַפונגען וואָס זיינען ווערטה מען זאָל עפּעס זאָגען פאַר זיי, מעגען די קריטיקער אַליין נישט אַזוי זיין איינפאַרשטאַנען מיט דעם אופן פון דעם שריפטשטעלערישען אָדער דיכטערישען שאַפען; אין דעם מאָמענט ווען די קריטיקער וועלען זאָגען אַ שלעכט וואָרט פאַר יענער שאַפונג מיט לאָגישע באַווייזע וואָס מוז געזאָגט ווערען, נישט אַכטענדיג פון דער פערזענליכער פריינדשאַפט צווישען דעם פאַרפאַסער און קריטיקער: אין יענעם מאָמענט וועט דער לעזער מוזען באַאיינפלוסט ווערען פון דער ערנסטקייט פון דעם קריטיקער און ער, דער לעזער, וועט זיך צוהערען אויפריכטיג צו די ווערטער פון דעם ערשטען.

זאָל מען מיר נישט דערצעהלען דאָס ביז איצט האָט מען אַזוי געטון, ווייל דאָס וועט נאָר זיין צו פאַררעדען די צייט און עס וועט ווידער בלייבען ביים אַלטען. די קריטיקער מוזען

זיך רעכענען מיט דער ערנסטקייט פון דיזע ווערטער וואָס קומען פון הארץ און גוט דורכגעטראכט און זיי מוזען פיהלען די שלעכטע רעזולטאטען פון דער אידישער ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס אין אַמעריקע. די שלעכטע רעזולטאטען זיינען נישט נאָר געפאַלען אויף די קעפּ פון די שרייבער, נאָר אויך אויף די קעפּ פון די קריטיקער זעלבסט — חוץ טאַקע נאָר דיזע צוויי פּערזענ־ליכקייטען. יאַנאָווסקי פייפט איצט אויף דער אידישער גאַס, לאַכט פון די „יאָלדען" און קאַסירט זיך איין זיין וועכענטליכען פעטען לוין, און קאַהאַן טוט דאָסזעלבע. און אויב אויף דער אידישער גאַס וועט אַנדערש ווערען בין איך זיכער דאָס יעדער אינטעליגענטער מענש וועט ערנסט און ריכטיג אָפּשאַצען די קריטיקער, וואָס קענען מאַכען אַ חילוק צווישען גוטער ליטעראַטור און שלעכטער און וועט העלפען שאַפען אַ באָדען פאַר אַ געזונטער עפענטליכער מיינונג און פאַר אַ געזונטער אידישער ליטעראַטור, וועלכע וועט זיין אַ כבוד פאַר דעם אידישען פאָלק.

ווענן דעם באַגריף פון ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס.

וואָס קען הייסען גוטע ליטעראַטור און וואָס שלעכטע? ווען מען בלעטערט דורך מאַנכע טעגליכע צייטונגען פון דער אידישער גאַס אין אַמעריקע, אָדער די וועכענטליכע צייטונגען, און מען גיט אַ קוק אריין אין די מאָנאַטליכע אויסגאַבען — די נייע וואָס ערשיינען נישט מעהר ווי איין־איינציג מאָהל, אַזוי גוט ווי אין יענע וואָס ערשיינען מעהרער מאָהל; ווען מען זעהט די פיעלע אויסגאַבען מיט קורצע און לאַנגע אָבהאַנדלונגען ווענן ליטעראַטור; ווען מען גיט אַ קוק אריין אין מאַנכע הקדמות צו איבערזעצטע שריפטען אַזוי גוט ווי צו אָריגינעלע; ווען מען הערט זיך צו אין די ליטעראַרישע קאַפע־הייזער, אין די היימען פון די יונגע דיכטער און שרייבער וואָס איז אויך נישט מעהר ווי אַ פּאַרטזעצונג פון די ליטעראַרישע „קיבעצאַרניעס", ביי

אַלערליי באַנקעטען און שרייבערישע שמחות — יאָ, ווען מען הערט זיך צו צו די היציגע דעבאַטען וועגען ליטעראַטור: דאַן דאַכט זיך אויס דאָס די אידישע גאַס איז אַזוי אינטעליגענט און געלערענט, באַוואָפּענט מיט וויסען און פאַרשטענדניש וועגען ליטעראַטור, דאָס זי קען זיך רעכענען פאַר דעם ליטעראַרישען צענטער פון דער גאַנצער וועלט. און דאָך דאַכט זיך מיר אויס דאָס אין דער גאַנצער וועלט ווערט ליטעראַטור נישט אַזוי ווינציג פאַרשטאַנען ווי דוקא אויף דער אידישער גאַס פון אַמעריקע. נאַטירליך רעדט יעדער איינציגער פון גוטער ליטעראַטור און פון שלעכטער: אָבער די צומישעניש אין די מוחות פון די דעבאַטאַנטען ווייזט זיך ערשט אַרויס דעמאָלט ווען אויף דאָס וואָס איינער זאָגט גוט, זאָגט דער אַנדערער שלעכט. עס פעהלט די פאַרשטענדניש פאַר דאָס וואָס קען אָנגערופען ווערען גוטע ליטעראַטור אָדער שלעכטע. דערפאַר, ווען אַזוי פיעל טינט און פאַפּיער ווערט פאַרנוצט אויפצוקלעהרען דעם לעזער וואָס ליטעראַטור איז און אַזוי פיעל ענערגיע ווערט פאַרשווענדעט אין די היציגע דעבאַטען, און דאָך קומט מען נישט צו קיין שום שלום, און דער לעזער וויל זיך נישט צוהערען צו דעם וועגען וואָס מען קלעהרט איהם אויף און די ליטעראַטור בלייבט אָרים און שפּל — אַט טאַקע דערפאַר, גלויב איך, וועט עס זיין אַ גוטער בייטראַג צו די פיעלע דעבאַטען און שריפטען, ווען איך וועל קענען אריינברייגנען אַ שטיקעל אָנהויב פון קלאָהרקייט אין דיזען וויכטיגען ענין.

און אָנהויבען אויף דער אידישער גאַס מוז מען דוקא פון אלף־בית. ליטעראַטור, אין דעם איינפאַכסטען זין פון וואָרט, מיינט נישט קיין אַנדערע זאַך ווי אויסצודריקען די מענשליכע געדאַנקען דורך ווערטער. אָבער מענשליכע געדאַנקען זיינען ענג פאַרבונדען מיט מענשליכע טעטיגקייטען. נעמט טאַקי דערפאַר דיזער וואָרט, אָדער דיזער באַגריף, אַרונטער אונטער זיינע פליגלען אַלעס אין דער וועלט וואָס האָט אַ שייכות צו דעם אָנגעשריבענעם וואָרט. אָבער אַזוי ווי צווישען די מענשען זיינען די

טעטיגקייטען פאַרשידענאַרטיג, מאַכט מען דערפאַר אַ חילוק צווי־שען איין סאָרט שרייבען און אַ צווייטען, אין איינקלאַנג מיט דיזע טעטיגקייטען. אָבער ווי פיעל איינטיילונגען די ליטעראַטור מעג האָבען אונטער איהר אַלגעמיינעם באַגריף, קען מען אין קיין פאַל פון איהר נישט אוועקנעמען דעם פונדאַמענט דאָס זי מוז ענטהאַלטען אין זיך דעם אויסדרוק פון דעם מענשליכען געדאַנק. אויב מיר מאַכען אַן אונטערשיעד צווישען איין סאָרט ליטעראַ־טור און אַ צווייטען — צווישען יענעם סאָרט, למשל, וואָס ווערט גענוצט פאַר אַנאָנסען, באַריכטען, טעכניק און אַזוי ווייטער, ביז צו יענעם סאָרט פיינער ליטעראַטור וואָס שטעלט צונויף וויסענ־שאַפט, געשיכטע, פילאָזאָפיע און אַלערליי דיכטערישע קונסט־ווערק, מיינען מיר דאָך נישט קיין אַנדערע זאַך דאָס די לעצטע, די פיינערע ליטעראַטור, דאַרף וואָס מעהר אויסדריקען די אינ־טעלעקטועלע פעהיגקייטען פון דעם וואָס שרייבט עפּעס אָן. איבערהויפּט דאַרף זיך די אינטעלעקטועלע פעהיגקייט פון דעם קינסטלערישען שרייבער ארויסווייזען מעהר ווי ביי פּראָסטע בשר ודם׳ס, דוקא ווייל מען דריקט אין קורצען אויס דעם באַגריף פון שעהן געשריבענע קונסט־ווערק מיט דעם נאָמען ליטעראַטור.

אַלזאָ, אויב מיר ווילען דערקענען אַן אָנגעשריבען וואָרט צי עס איז גוט, מוזען מיר פריהער זעהן צי האָט עס אַ פונדאַמענט אונטער זיך: ווייל אָט דיזער פונדאַמענט דריקט אויס די אינ־טעליגענץ פון דעם שרייבער. די ערשיינונגען אין דער ליטע־ראַטור דאַרפען אַלזאָ פונקט אַזוי באַטראַכט ווערען ווי די טעטיגע ערשיינונגען אין דעם מענשליכען איינפאַכען לעבען. אויב מיר זעהען אַ מענשען האַנדלען קלוג און גוט, דאַן זאָגען מיר דאָס ער איז אַ גוטער אָדער קלוגער מענש. אויב מיר זעהען אין דעם מענשליכען טעטיגען לעבען אַ מענשען וואָס טוט אָב אַ נאַרישע זאַך, געהט אַרום און פּלוידערט גלאַט אין דער וועלט אריין אָדער שטעקט אריין די האַנד צו יענעם אין קעשענע, זאָגען מיר תיכף דאָס דיזער מענש איז אַ נאַר, איז אַ פּשוט׳ער משוגע׳נער אָדער

אַ גנב. פאַרוואָס זאָלען מיר נישט מעסטען די ליטעראַרישע טעטיגקייט לכל הפחות פונקט אַזוי ווי מען מעסט די מענשליכע האַנדלונגען אין דעם טעטיגען לעבען? אויף דער אידישער גאַס אָבער זעהען מיר דווקא, ווי נאַרען, פּלוידערזעק און גלאַט גייסטיגע קעשענע גנבים ווערען באַטראַכט פאַר מעהר אָדער ווינציגער ליטע־ראַרישע גרויסקייטען. חוץ דעם, דאַכט זיך מיר האָט די אידישע גאַס ספּעציעלע ליטעראַרישע אויסדרוקען וואָס האָבען נישט קיין אַנדערע כונה ווי צוצוטומלען די מוחות פון די אידישע לעזער. מען דאַרף זיך נאָר גוט צוקוקען צו די זיך אין די אויגען וואַרפענדיגע אויסדרוקען וועגען אַ טאַלאַנטפאָלען שרייבער און זיינע אַרבייטען — אָדער פּשוט וועגען אַ טאַלאַנט, וועט מען תיכף זעהן די מאָדנע ערשיינונג אויף דער אידישער ליטעראַרישער גאַס.

די פראַגע וועגען ליטעראַטור ברייגנט אַלזאָ אַרויף אויף'ן מוח די פראַגע וואָס אַ טאַלאַנט איז. דער פּראָסטער טייטש פון דיזען וואָרט מיינט איינפאַך אינטעלעקטועלע פעהיגקייט, אָדער, טאַ־לאַנט האָבען, מיינט האָבען מעהר פאַרשטאַנד ווי דער דורכשניט־ליכער מענש. אויף דער אידישער גאַס מיינט אָבער טאַלאַנט, צו האָבען אַ געטליכען געפיהל צו טון עפּעס אַ זאַך, צו וועלכען מען דאַרף נישט האָבען קיין שכל. אויב איינער איז אַ דיכטער, למשל, דאַן, נאָך דער מיינונג פון דער אידישער גאַס, מיינט עס אַז ער דאַרף אָנשרייבען זיינע לידער אָדער זיינע אַנדערע שאַפונגען אין פּראָזאַ אויף אַן אינסטינקטיווען אופן, ווי די ביהן מאַכט איהרע צעלען, די שפּין איהר געוועב, אָדער ווי יעדע חיה טוט איהר אַר־בייט זעהר גוט אָבער פאָרט אָהן שכל. אַזוי, למשל, האָב איך גע־זעהן אַ רעצענזיע איבער יהואש'ם דיכטונגען וואו דער רעצענזענט, פאַרגלייכענדיג זיי צו מאָרים ראָזענפעלד'ס פּאָעזיע, האָט צוגעגע־בען דאָס זיי שטעהען פיעל העכער פון דעם לעצטענ'ס. דער רעצענ־זענט האָט זיך אָבער נישט צופרידען געשטעלט מיט דיזער מיי־נונג, ווייל — יאָ, ווייל, מאָרים ראָזענפעלד האָט איין מעלה וואָס איז וויכטיגער פון יהואש'ם דיכטונגען, וואָס זיין, ראָזענפעלד'ס, פּאָעזיע איז געזונגען פון האַרץ און דערפאַר שטעהט זי העכער פון

יהואש'ס. נאָך דיזען רעצענזענט קומט אַלזאָ אויס אַז וואָס ווינציגער שכל אַ דיכטער האָט אַלץ אַ בעסערער דיכטער איז ער. און מען דאַרף נישט האָבען קיין גרעסערע מוח צוטומלעניש ווי דיזע. אין דער פאָלקס שפּראַך ווערט גערעדט פון אַ מענשען וואָס רעדט פון „הארץ”. דאָס מיינט אַז ער איז אַן ערנסטער מענש און ווייטער גאָרנישט. אָבער אין דער מיינונג פון דער אידישער גאַס ווערט גערעדט פון דיכטונג — נישט אלס ערנסטע דיכטונג, נאָר אַ דיכטונג וואס קומט אינסטינקטיוו, אָהן דער מיטווירקונג פון שכל. און פיעלע דיכטער אויף דער אידישער גאַס מיינען טאַקי דאָס זייערע ליעדער קומען דירעקט פון הארץ, אינסטינקטיוו און זיי באַמיהען זיך אפילו נישט נאָכצודיינקען וועגען וואָס זיי שרייבען. אַזוי האָט מיר איינמאָהל אַ יונגער דיכטער געוויזען זיינס זעהר אַ שלעכט ליעד: ווען איך האָב ביי איהם אַ פרעגע געטון ווי אַזוי אַ מענש קען אָנשרייבען אַזאַ זאַך, האָט ער, נישט פאַרשטעהענדיג דעם זין פון מיין פראַגע, פאַרגלאָצט די אויגען צום הימעל, פאַרצויגען דאָס פּיסקעל ווי אַ שייגעצעל צום פייפען און געענטפערט:

„מיין פריינד, טאַלאַנט איז אַ געטליכע זאַך! ליעדער קומען אַליין פון דעם הארץ: מען ווייס נישט ווי אַזוי מען שרייבט זיי אויף!”

נו, געהט טענה'ט מיט איהם, אַז אַ דיכטער דאַרף צום ערשטען האָבען אַ פיינערען שכל ווי דער דורכשניטליכער מענש און אַז מיט אינסטינקט אַליין קען ער גאָרנישט אויפטון, וועט אייך אַזאַ דיכטער באַטראַכטען ווי אַ ווילדע בריאה. אָט דאָס איז דער רעזולטאַט פון אַ שטאַרק פאַרשפּרייטער פאַלשער מיינונג. און דיזער טעות האָט געפיהרט די אידישע גאַס צו נאָך מעהר מוח צוטומלענישען. אַזוי גלויבען פיעלע פערזען שרייבער דאָס זייער דיכטונג קומט פון דער געטליכקייט אַליין און אויב איינער שרייבט, חוץ געדיכטע אין פערזען, אויך פּראָזאַ, איז ער נישט קיין ריכטיגער דיכטער. און אַזוי, ווען איהר זאָלט מיט דיזע יונגע דיכטער פון דער אידישער גאַס אפילו איינ'טענה'ן אַ גאַנץ יאָהר דאָס אַ דיכטער, אויב ער האָט נאָר טאַלאַנט, דאָס הייסט אויף פּראָסט לשון מעהר שכל ווי אַ

דורכשניטליכער מענש, קען אויך אָנשרייבען אַנדערע גוטע זאכען, און אַ פּראָזא שרייבער, אויב ער זאָל זיך נאָר איבען צו שרייבען פערזען, וועט אויך קענען אָנשרייבען אַ שעהן ליעד, וועלען זיי אייך נישט גלויבען. זיי וועלען זיך האַלטען ביי איינס, דאָס ליעדער קומען פון הארץ און נישט פון שכל. אָבער די געשיכטע פון דער ליטעראַטור באַווייזט דעם טעות פון דיזע מענשען. ערגאַר עלען פּאו, אין זיינער אָן אבהאַנדלונג איבער זיין באַריהמט ליעד, „די רייוועו", באַשרייבט מיט אַלע איינצעלהייטען ווי אזוי צום וואָרט „נישט מעהר" האָט ער צוגעפּאסט דאָס גאַנצע ליעד, און דערביי טאַקי האָט ער ווייטער באַוויזען דאָס די בעסטע ליעדער און דיכ־טונגען ווערען געמאַכט מיט'ן שכל און נישט געשריבען גלאַט אין דער וועלט אַריין. און מיט זיינע פיעלע שריפטען, חוץ די ליעדער, האָט ער באַשטעטיגט זיינע געדאַנקען.

דאָס וואָס איינער קען שרייבען נאָר ליעדער אליין און אַ צווייטער קען שרייבען נישט מעהר ווי פּראָזא, האָט מיט דעם „הארץ" גאָרנישט צו טון. איבונג און געוואוינהייט פאַר איין־איינציגער זאַך שוואַכט אָפּ די פעהיגקייט פאַר אַ צוויי־טער זאַך. דאָס וואָס איך דערמאָהן דאָ איבונג און געוואוינהייט איז נאָר גערעדט וועגען דער פאָרם פון שרייבען אָבער נישט וועגען טאַלאַנט גופא. אויב איינער האָט טאַלאַנט און רעכענט זיך פאַר אַ שרייבער דאַרף ער צום ערשטען האָבען מעהר שכל ווי דער דורכ־שניטליכער מענש, און דאַן קען ער שוין שרייבען אַלעס וואָס ער דיינקט פאַר גוט און קען אויך שרייבען אין יעדער פאָרם.

איבערהויפּט קען אַ דיינקענדיגער מענש אויפטון אזוי פיעל מיט זיין שכל דאָס ער בלייבט אַ וואונדער פאַר גאַנצע יאָהר־הונדערטע. פּלאַטאָ האָט זיך געשאַפען אָן אייביגען מאָנומענט מיט זיין שכל. די געלערנטע וועלט איז איבערראשט מיט דעם צווייפעל וואָס פּלאַטאָ האָט אריינגעבראַכט צווישען דיכטונג און ווירקליכקייט: דאָס פּלאַטאָ'ס פילאָזאָפיע איז איינע פון די וואונדערליכסטע וועלט־ערשיינונגען, און מען רופט דערפאַר דעם פּארפאַסער „דער געטליכער פּלאַטאָ", אין דעם צווייפעלט קיינער

נישט: אָבער דער צווייפעל איז דאָ אויב אַ סאָקראַטעס האָט ווירקליך עקזיסטירט. הגם מען גיט אָן דעם ערך ווען סאָקראַטעס זאָל האָבען געלעבט און געבוירען געוואָרען, גלויבען אָבער פיעלע געלערענטע דאָס סאָקראַטעס איז בלויז אַן אויסגעטראַכטע פּערזענליכקייט, דורך וועמעס מויל פּלאַטאָ האָט אַרויסגעגעבען זיינע געדאַנקען. די מאַכט פון שכל איז אַזוי שטאַרק, דאָס זי קען באַאיינפלוסען און אַריינברייינגען אין טעות די וועלט־געשיכטע אַליין. אַלע דיאַלאָגען וואָס פּלאַטאָ האָט געשריבען ווערען אַרויסגערופען כמעט דורכאויס דורך דעם מויל פון סאָקראַטעס. די ליטעראַטור פון יענער צייט ווייזט אָן דייטליכע סימנים דאָס סאָקראַטעס איז בלויז געווען אַן אויסגעטראַכטער נאָמען. אַריסטאָטעל, דעבאַטירענדיג אין זיין „פּאָליטיקס" מיט פּלאַטאָ'ס „רעפּובליק", דערמאָהנט באַלד דעם נאָמען פּלאַטאָ און באַלד דעם נאָמען סאָקראַטעס — בשעת די גאַנצע רייהע וואונדערליך שעהנע געדאַנקען פון דער „רעפּובליק" ווערען אַרויסגעבראַכט בלויז דורך סאָקראַטעס'עס מויל. דאָס באַווייזט אַז אפילו אַריסטאָטעל אַליין איז געווען אין צווייפעל אויב סאָקראַטעס זאָל האָבען עקזיסטירט. חוץ דעם, אין איינער פון אַריסטאָפאַנעס'עס קאָמעדיעס ווערט סאָקראַטעס אַזוי פאָרגעשטעלט, דאָס עס איז אַ צווייפעל אויב אַזאַ מאַן האָט ווען עס איז געקענט עקזיסטירען. סאָקראַטעס ווערט פאָרגעשטעלט הייגענדיג ערגיץ אין דער לופט און קיינער זעהט איהם נישט. און פון דער לופט לערנט ער אַלע פילאָזאָפישע תורות מיט זיינע תלמידים. אין קסענאָפאָנ'ס „אַנאַבאַסיס" ווערט גאָר סאָקראַטעס דערמאָהנט אַלס סאָלדאַט.

און אָט דאָס איז די מאַכט פון שכל און נישט פון אינסטינקט אָדער פון „האַרץ" ווען מען וויל ריידען פון אַ טאַלאַנט. מען וואָלט געקענט ברייינגען באַווייזע אין די הונדערטער דאָס ווען אַ טאַלאַנט האָט נאָר דעם געבוירענעם נויטיגען שכל קען ער שרייבען דיכטונג אין פערזען און אין פּראָזאַ, פּונקט ווי ער קען אַרויסגעבען אַלע זיינע געדאַנקען אין אַלע פאָרמען פון שרייבען. דאַנטע האָט געשריבען וועגען שטאַאַטס אַנגעלעגענהייטען, חוץ זיין „געטליכע

קאָמעדיע". געטהע, חוץ זיינע וואונדערליכע ליעדער און זיינע שטאַרקע דראַמאַס, האָט זיך אויך באַשעפטיגט מיט וויסענשאַפט און אָנגעשריבען אַ בוך וועגען דעם. שילער, חוץ זיינע ליעדער און פאַר אונז אידען גוט באַקאַנטע דראַמאַס, האָט אויך געגעבען דער וועלט באַדייטענדע אַרבייטען וועגען פילאָזאָפיע און געשיכטע. איך וויל דאָ איבערהויפּט נישט שרייבען קיין געשיכטע פון טאַלאַנטען און זייערע אַרבייטען: דאָ וויל איך נאָר ווייזען דאָס די ווירקליכע פאַקטען פון דעם לעבען אַליין זיינען אַנדערש ווי די רייד וואָס מען רעדט אויף דער אידישער גאַס. וואָס פאַר אַ שלום קענען מיר ציהען פון אַזעלכע לעבעדיגע פאַקטען? דאָס נישט דאָס „הארץ" איז דער עיקר פאַר אַ שריפטשטעלער, נאָר דער מוח. ביים שרייבען אירגענד וועלכע זאַך איז די געבוירענע אינטעליגענץ די הויפּט זאַך. און אויב אַ שרייבער ווערט געבוירען אַ דומקאָפּ, מאַכט עס גאָר נישט אויס וואָס פאַר אַ ריכטונג ער קלויבט זיך אויס אין שרייבען — מעג עס זיין פּאָעזיע, פילאָזאָפיע אָדער וויסענשאַפט — אַ דומקאָפּ וועט ער בלייבען זיין גאַנץ לעבען; דאָס „הארץ" און דער אינסטינקט וועלען אַזעלכען גאָרנישט העלפען.

צווישען אַנדערע טעות'ן אויף דער אידישער גאַס קען אויך דערמאָהנט ווערען דער טעות פון אַ שעהנע ליטעראַטור מיט ווערטער. פיעלע שרייבער גלויבען באמת דאָס אַזוי שנעל ווי איינער קען אָנשרייבען אַ זאַך אין שעהנע ווערטער קען ער שוין באַטראַכט ווערען פאַר אַ גרויסען טאַלאַנט. און דיזער טעות איז אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט אויף דער אידישער גאַס דאָס ווען איינער שרייבט אָן די גרעסטע פּוסטקייט, נאָר ער קעהרט איבער די ווערטער פּונקט קאַפּויר ווי מען דאַרף זיי שרייבען און ווי מען רעדט זיי ארויס, יענער ווערט באַטראַכט פאַר דעם גרעסטען גאון. ביי די צעדרעהטע מוחות פון דער אידישער גאַס מאַכט נישט אויס אויב אַן אָנגעשריבענע זאַך האָט נישט קיין שום אינהאַלט. נאַטירליך ריידען נישט די צעדרעהטע מוחות וועגען אַ פּוסטקייט אין דער ליטעראַטור אָהן אַן אינהאַלט, נאָר מען פאַרשענערט עס, מען זאָגט: „איך בין שוין זאַט פון אידעען אין דער ליטעראַטור!" דאָס וואָרט

„אידעע” אין דער ליטעראטור ווערט פאלש פארשטאנען. א אידעע אין דער ליטעראטור מיינט נישט קיין אנדערע זאך ווי דאס וואס מען שטעלט דורך דיזען באגריף די פראגע: האט דער שרייבער געגנוג שכל עפעס אנצושרייבען? ווייסט דער שרייבער וואס ער וויל זאגען מיט זיינע ווערטער? און דא, צו ענטפערען אויף דיזער פראגע, קען מען באלד זעהן דאס די הויפט זאך ביי א שריפט איז דער געדאנק פון דעם פארפאסער. שעהנע ווערטער קענען נאר דעם געדאנק געבען מעהר חן און ווייטער גארנישט. די שעהנסטע ווער־טער אהן אירגענד וועלכען געדאנק האבען גארנישט קיין ווערטה, פונקט ווי די שענסטע קליידער וועלען קיין מענש ניט מאכען פון א חזיר, אדער פון א מיאוסער פרוי א שעהנקייט. די הויפט שעהנ־קייט אין א שריפט ליגט נאר אין דעם געדאנק פון דעם פאר־פאסער וואס וויל עפעס זאגען פאר דער וועלט.

אויך פארגלייכט מען אויף דער אידישער גאס א טאלאנט מיט א חזן. אבער אויך דא זעהט מען דעמזעלביגען טעות, אויף וועלכען איך האב פריהער אנגעוויזען. פונקט ווי ביי א זינגער איז די הויפטזאך די שטימע וואס איז אנדערש ווי ביי דעם דורכשניט־ליכען מענש און נישט די ווערטער פון דער געזונגענער זאך, אזוי איז דער אינטעלעקט, דער שכל, ביי א שריפטשטעלער די הויפט זאך און נישט די בלויזע ווערטער.

אין דעם מאמענט ווען די אידישע גאס וועט איינמאהל פאר אלעמאהל קומען צום פעסטען באשלוס דאס די הויפטזאך ביי א שרייבער איז נישט קיין פוסטע שעהנע ווערטער, נאר אמת׳דיגער טאלאנט, אינטעלעקטועלע פעהיגקייט, שכל צו באטראכטען די וועלט אין איהר אמת׳דיגער געשטאלט — אין יענעם מאמענט וועט זיך דער פארכמארעטער הימעל פון דער ליטעראטור אויסלייטערען. עס וועט זיכער געבוירען ווערען א נייע ליטעראטור, קלענער אפשר אין קוואנטיטעט ווי זי איז איצט, דערפאר אבער וועט זי זיין קרעפטיגער און לעבעדיגער אין קוואליטעט. און ווען אזא צייט וועט קומען וועט יעדער אינטעליגענטער לעזער זי זיכער לייענען, עס מאכט נישט אויס צו וועלכער פארטיי אדער גרופע ער איז

פּערזענליך צוגעשריבען. צו פּוסטע ווערטער, געשריבען פון מענ־
שען אָהן אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען, קען דער אינטעליגענטער
לעזער נישט האָבען דעם מינדעסטען צוטרויען. דער פאַרשטענדיגער
לעזער פון דער אידישער גאַס, מיט זיין נישט לייענען די איצטיגע
ליטעראַטור, מאָהנט שטילערהייט קלאָהרען פאַרשטאַנד, אָפּענ־
האַרציגקייט, מוטה צו קעמפען פאַר אַ גערעכטער זאַך און נישט
קיין אָנגעבלאָזענע נאַרישקייטען וואָס זיינען אָנגעשריבען מיט קלינ־
גענדיגע ווערטער.

ווענען דער צוריקווירקונג פון דער אידישער גאַס אין אמעריקע אויף דער אידישער גאַס אין איראָפּע.

דאָס די אידישע אַזוי גערופענע ליטעראַרישע גאַס פון אַמע־
ריקע איז דורכגעדרונגען פון בלויז פאַרגרעבטען מסחר איז שוין אַן
אַלט באַקאַנטע זאַך. קיינער האָט דערווייל נאָך אַזוי שאַרף נישט
פּראָטעסטירט ווי איך האָב עס געטון אין מיין ביכעלע „ווערטער
פון אַ ליטעראַרישען קרענק” מיט אַזוי פיעל יאָהרען צוריק. מיר
דאָ אין אַמעריקע האָבען כאָטש געהאַט אַ מין גייסטיגען שפּיגעל
אין אייראָפּע, וואו מען האָט געקענט אָנווייזען דאָס די דאָרטיגע
אידישע גאַס איז איידעלער, ריינער און עהרליכער אין באַציהונג צו
פאַרגרעבטען מסחר. ווערט אָבער דיזע שעהנע אילוזיע פאַרשוואונ־
דען פון טאָג צו טאָג. נישט נאָר געהט אויך דאָרט די אידישע לי־
טעראַטור באַרג אַראָפּ אין קוואַליטעט, ווי אַ דאָרטיגער ליטעראַט
האָט אונז דאָ באַריכטעט, נאָר די גאַנצע אידישע ליטעראַרישע גאַס
שטרעבט מיט אַלע כחות נאָכצולויפען אונזערע מעטאָדען. אַזאַ
איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער פאַקט וואָס איך האָב געזעהן
אין דער „ביכער וועלט” אַן איבערגעדרוקט אַרטיקעל פון לעיע־
לעס'ען זייט ביי זייט מיט אַן אַרטיקעל פון ניגער'ן.

עס טוט באמת וועה דאָס האַרץ ווען מען זעהט אַזאַ זאַך. מען
מעג נישט זיין איינפאַרשטאַנען מיט ניגער'ס מעטאָדען פון דיינ־

קען, מיט זיינע קריטיקען און אפילו נישט מיט זיין פּערזענליכען האַנדלען. ווען עס האַנדעלט זיך וועגען פרנסה קען מען נישט פאַרלאַנגען פון יעדען איינעם צו זיין אן אולטרא רעוואָלוציאָנער אַקעגען צו געהן דעם שטראָם. אַ מענש וואָס דיינקט צו לעבען פון דער פּען מוז זיך אַלע מאָהל רעכענען מיט אַלע פּאַרטייען און גרופּען, ווייל באַלד קען ער מוזען אָנקומען צו דיזער אָדער יענער גרופּע צו האָבען פון וואַנען צו ציהען זיין חיונה. אָבער דאָך מוז מען צוגעבען דאָס צווישען ש. ניגער און א. לעיעלעס איז דער חילוק אַזוי ווייט ווי הימעל פון ערד. ניגער ווייסט וואָס ער וויל זאָגען, ווייסט ווי אַזוי אַלעס צו זאָגען, שרייבט קלאָהר און דייטליך אויב ער באַשליסט נאָר איבער עפּעס צו ריידען און האָט אַ קלאָהרע פאַרשטענדניש פון דעם וואָס איז ליטעראַריש גוט און קלוג, אָדער שלעכט און נאַריש. קען מען אָבער זאָגען דאָסזעלבע וועגען לעיעלעס? און דאָך האָט מען דעם לעצטען געשטעלט אויף איין שטופּע מיט ניגער'ן ווען מען האָט איהם אַוועקגעשטעלט אַלס גרויסען שרייבער, וועמעס אַרטיקלען זיינען ווערטה איבערגעדרוקט צו ווערען אין איין נומער מיט ניגער'ס אַן אַרטיקעל. און דאָס איז נאָר די קללה פון דער דלת־אמות'דיגער עפּענטליכער מיינונג וואָס ווערט געשאַפען אין דער אַמעריקאַנער אידישער „קיבעצאַרניע”. וואָלט אָפּאַטאַשו ערנסט און ריכטיג אָבגעשאַצט געוואָרען לויט זיין אמת'דיגען ווערטה גאָר פון אָנהויב אָן, וואָלט ער, מיט זיין גאַנצער פעהיגקייט זיך צו רעקלאַמירען, קיינמאָהל נישט געהאַט די חוצפה פאָרצושטעלען לעיעלעס'ען פאַר דער אייראָפּייאישער אידישער גאַס אַלס איינעם פון די טיעפסטע דיכטער פון דער אידישער גאַס פון אַמעריקע. אַזוי אָבער ווי ער, אָפּאַטאשו, האָט עס יאָ געטון, זעהען מיר דעריבער אָט דיזע קאָמישע שטעלונג פון די אַרויסגעבער פון דער „ביכער וועלט”. יענע הערען דאָרט, מיט דעם זוכען צו געפעלען די ליטעראַרישע פיינשמעקערס פון דער גאַנצער אידישער וועלט, מוזען זיכער דיינקען דאָס לעיעלעס איז דאָ ביי אונז ווירקליך פאַררעכענט פאַר דעם גרעסטען אידישען דיכטער פון אַלע צייטען.

דאָס לעיעלעס אַליין האַלט זיך פאַר דעם גרעסטען אידישען

דיכטער פון אַלע צייטען, אין דעם צווייפעלט קיינער נישט. מען דאַרף נאָר נעמען איינינגע נומערן פון דעם זשורנאַלכעל „אין זיך" קען מען תיכף דערזעהן לעיעלעס'עם פערלדיגע געדאַנקען, אין וועלכע עם פאַרקערפּערען זיך אַלע טעות'ן פון דער אידישער גאַס, חוץ חוצפּה און נאַרישקייט. מען קען אין דיזען זשורנאַלכעל באַלד זעהן ווי ביז צו די אינזיכיסטען איז גאָר קיין אידישע דיכטונג נישט געווען און באַלד קען מען זעהן ווי די גאַנצע וועלט ציהט זיך צו דער אינזיכיסטישער תורה. אָבער דעם הויפּט טעות קען מען זעהן אין דעם געדאַנק דאָס אַ דיכטער קען מיט זיין פעהיגקייט פון שעהנע ווערטער שעהן מאַכען אַלעס וואָס איהם פאַלט נאָר איין צו זאָגען. ווערטערליך איבערצוגעבען לעיעלעס'עם נאַרישקייטען איז נישט נויטיג; אָבער דער לעזער וועט זיך זיכער דערמאָהנען ווען ער האָט באַהויפּטעט אין „אין זיך", דאָס אַ דיכטער, ווען ער וויל אפילו באַשרייבען אַ רעטאַך, וועט ער, דער רעטאַך הייסט עס, אויך אַרויסקומען שעהן. ביי מיר אָבער איז אַלעס וואָס לעיעלעס שרייבט נישט מעהר ווי ביטערע רעטאַכער. דערפאַר איז וויכטיג, ווייל מען האָט עס נישט געטון ביז איצט, צוצוקוקען זיך צו איינעם פון לעיעלעס'עם רעטאַכער כדי צו זעהן די גרויסקייט און טיעפקייט פון דיזען דיכטער.

שוין ביי דעם ערשטען „אונאָבהייגיגען" אַרויסטריט, אין יאַנואַר, 1920, האָט מען באַלד געקענט זעהן מיט וועמען מיר האָבען צו טון. און דאָך איז מען געווען אונגערעכט אי צום דיכטער אַליין, אי צום לעזער אין אַלגעמיין. צום דיכטער אַליין איז מען געווען אונגערעכט וואָס מען האָט זיך באַנוצט מיט דער אַלטער גוט באַקאַנטער מעטאָדע פון איגנאָרירען און חוזק מאַכען, ווען מען וואָלט אפשר מיט מעהר איינזעהעניש איהם געקענט אַרויספיהרען אויף אַ גלייכען וועג פון דיינקען, אויב אין איהם איז פאַראַן אביסעל שכל. צום לעזער איז מען געווען אונגערעכט, ווייל מען גיט אַ געלעגענהייט אַזעלכע נאַרישע דיכטער זיך פאַרצושטעלען פאַר דער וועלט אַלס די גרעסטע גאונים פון אַלע צייטען. נאַטירליך טוען מיר נאָך מיט איגנאָרירען אַ נאַרישען דיכטער די גוים; מיר טאָרען אָבער

נישט נאָכטון די גוים צו איגנאָרירען יעדע זאַך וואָס איז נאַריש. זיי, וואָס האָבען אַ רייך־ענטוויקעלטע ליטעראַטור, קענען זיך אַלעס פאַרגינען: שאַטען וועט עס זיי נישט. מיר אָבער זיינען אָרים, מוזען מיר דערפאַר זיך רעכענען מיט יעדער ערשיינונג און ערנסט און אויפריכטיג זיך צוקוקען צו יעדער קליינינקייט כדי באַצייטענס אָבצוריינינגען דאָס גוטע פון דעם שלעכטען. און דאָס וויל איך איצט טון, הגם עס איז שוין שפּעט, כדי די אידישע גאַס זאָל אַליין זעהן צו וואָס איהר מעטאָדע פון איגנאָרירען, פאַרשווייגען און חוזק מאַכען האָט געפיהרט און זי זאָל פון איצט אָן און ווייטער זיך אַרויפנעמען אויף אַ נייעם, גערעכטען וועג.

אין דעם דערמאָהנטען ערשטען אַרויסטריט האָט לעיעלעס אַ ליעד וואָס טראָגט דעם נאָמען „צו דער, וואָס איך טאָר ניט ליבען". נאַטירליך מעג אַ דיכטער אויסגיסען זיין ביטער האַרץ אין פערזען צו אַ פרוי וואָס ער האָט ליעב און זי ענטפערט נישט אויף זיין ליעבע. מיר דאַכט זיך אָבער אַז דאָס איז נישט קיין ליעד צו אַ פרוי וואָס מען האָט ליעב און מען קען זי נישט קריגען נאָר דאָס איז אַ ליעד צו דער געטין פון אַ נ אָ נ י ע. און אָט אין דעם באַשטעהט די נאַרישקייט פון איינעם וואָס רעדט זיך איין דאָס ער איז אַ געוואַלדיגער דיכטער און דיינקער, בשעת אין אמת'ן פעהלט איהם פשוט דער אינטעלעקטועלער כח צו אונטערשיידען פון דעם וואָס איז קלוג און נאַריש.

„בלויז אין דעם זילבער־טייך פון מיין וואונש און געבאָט", זינגט לעיעלעס,

„שוימט דער מאַרמאָר פון דיין לייב", און אַזוי ווייטער.

און אַזוי באַזינגט לעיעלעס דעם גאַנצען געצען־דיענסט צו דער געהיימניספאָלער געטין מיט אַלע קליפּערלעך.

„און דערטראָגט זיך צו דיר אַ וואַסער־פליעסקען",
זינגט ער ווייטער,
„איז עס ניט דעם נאָזירם טייך,
נייערט דאָס באָד־צימער פון אַן אָדאַליסקע."

נו, דאָס וואָרט „נייערט" אָדער דאָס קלינגענדיגע וואָרט

„אַדראַליסקע" אַנשטאַט ביישלעפעריז בין איך איהם שוין מוחל. נאַר טאָמיר קענען מיר האָבען אַ טעות און מיינען דאָס אַנשטאָט יענער פרוי וואָס ער טאָר נישט ליעב האָבען טרייסט ער זיך מיט אַן אַנ־דערער ביישלעפעריז, זינגט ער אָבער ווייטער:

„דאָך ביזטו די,
ווי דו ערשיינסט אין מיר.
איך וויל,
און דו מוזט פאָלגען."

און אַזוי זינגט ער טאַקי ווייטער ביז ער זינגט זיך אויס זיין וואונדערליכע פאַנטאַזיע מיט אַ באַדייטענדיגען אַליין שטעהענדי־גען פערז:

„עס איז געשעהן."

וואו ער וויל דוקא דער לעזער זאָל איהם ריכטיג פאַרשטעהן וואָס ער האָט צו זאָגען.

מעגליך דאָס דער דיענסט צו דיזער געטין איז שטילערהייט אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט צווישען די זינדיגע מענשען־קינדער, דאָס עס איז געקומען די ריכטיגע צייט מען זאָל איהם דערהויבען צו פּאָעטישער הויכקייט, ווי מען האָט אַמאָהל אין אַסטאַרטאַ'ס צייטען דערהויבען די פּאַסקודנע פּראָסטיטוציע צו רעליגיעזער הויכקייט. אָבער אויף וואָס פאַר אַן אופן האָט לעיעלעס באַזונגען דיזען מיאוסען געצען דיענסט? האָט ער דיזען דיענסט כאָטש באַטראַכט אַלס אַ מענשליכע שוואַכקייט? האָט ער אין איהם געזעהן אַ נאַ־רישען חלום? ניין! לעיעלעס האָט זיך גאַר באַטראַכט אַלס קעניג, אַלס הערשער וואָס טוט אויף אַ געוואַלדיגע גרויסע זאַך.

„אין מיין קיניגרייך מוז איך דיך האָבען אַלס געקרוינטע," זינגט לעיעלעס,

„און אָהן מיין קרוין ביזטו גאַרנישט."

אין איינעם פון די „אין זיך" נומערן ווינשט זיך לעיעלעס צו זיין אָריגינעל, עס מאַכט נישט אויס וועגען וואָס ער וועט שריי־בען. נו, איך וועל איהם טון אַ טובה און צוגעבען אָפענהאַרציג דאָס ער איז דער א ר י ג י נ ע ל ס ט ע ר דיכטער פון די ג ר ע ס ט ע

נאַרישקייטען. עס רעדט זיך אָבער נאָר אַזוי דאָס ער איז אָריגינעל. אין דער אמת'ן וויל ער נאָכטון וואָלט וויטמאַנ'ען, נאָר ער ווייסט נעבעך נישט וואָס, ווער און וועו מען דאַרף דערהויבען די מענש־ליכע חלומות און שוואַכקייטען צו פּאָעטישער הויכקייט. וואָלט וויטמאַן, קען מען זאָגען, איז דער דיכטער פון קאָנקרעטען געשלעכטס־טריעב. אין זיין ליעד „איי סינג די באָדי עלעקטריק", למשל, באַשרייבט ער דעם מענשליכען גוף, דעם מאַן מיט דער פרוי, מיט אַלע קליפּערלעך פון די רמ"ח אברים. אין זיין ליעד צו אַ פּראָסטיטוטקע הייסט ער זיך אָנגרייטען דאָס בעט, למשל. אין זיין ליעד פון אַ גרויסער שטאָדט, צום ביישפּיעל, געדיינקט ער גאָרנישט, חוץ ווי אַזוי ער האָט פאַרבראַכט די צייט מיט אַ ליעבליכער פרוי, מיט אַלע איינצעלהייטען. און דאָך שוועבט איבער דיזע ליעדער דער אייביגער חלום פון דער מענשליכער ליעבעס שוואַכקייט. און לעיעלעס, וואָס האַלט זיך פאַר דעם גרעסטען און טיעפסטען אידישען דיכטער, זינגענדיג נישט פון קאָנקרעטער געשלעכטס־ליעבע, נאָר פון דעם שאָטען פון דער ליעבע, האָט נאָר אויסגעשריגען מיט גרויס פּאַטאָס צו דער געליעבטער וואס איז געווען ווייט אַוועק פון איהם, דאָס ער איז „געוואָרען איהר האר". לעיעלעס זעהט נישט דעם חלום פון דער וועלט, כאָטש ער דראַפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט נאָכצוזינגען אַנדערע גרויסע דיכטער.

און אָט וועגען אַזעלכע דיכטער מאַכט מען עס אַ צימעס שטילערהייט אין די דלת אמות פון דער אידישער עפענטליכער מיינונג. ווען מען זאָל אָבער אין דער עפענטליכער פּרעסע ערנסט און אויפריכטיג נאָכזעהן יעדע ערשיינונג, מיט ליעבע אָן עצה געגען דעם אָדער יענעם דיכטער און שרייבער צו זיין פאָרזיכטיג מיט זיינע טעמאַס, ווי אַנדערש די אידישע ליטעראַרישע גאַס וואָלט אויסגעזעהן. ווען מען זאָל ערנסט אָפּשאַצען יעדע ערשיינונג נאָך איהר אמת'דיגען ווערטה, נישט קוקענדיג וואָס ביי אַנדערע פעלקער ערלויבט מען זיך צו איגנאָרירען זאַכען וואָס דאַרפען איגנאָרירט ווערען, דאַן וואָלט זיך נויטווענדיגער ווייזע אָבגעזונדערט דאָס

גוטע פון דעם שלעכטען און די אידישע גאַס וואָלט באַקומען אַן אַנדערען ליטעראַרישען אויסזעהן. דער לעזער וואָלט געמוזט זיך צוקוקען צו דיזער גוטער ערשיינונג און ער וואָלט צוריקגעקראָגען דאָס צוטרויען צום בעסערען וואָרט. און נישט נאָר וואָלט די אידישע ליטעראַרישע גאַס דאַ באַקומען אַן אַנדערען אויסזעהן, נאָר די בעסערע אידישע גאַס וואָלט צוריקגעווירקט אויף דער אידישער גאַס פון אייראָפּע אויך צום בעסערען און נישט צום שלעכטערען.

אַ וואָרט וועגען אַ קלוגען שרייבער.

Fate, Show thy force. Ourselves we do not owe:
What is decreed, must be; and be this so!
Twelfth Night, Act I, Scene V.

צווישען די ווינציגע פריינד וואָס איך האָב האָט מיר איינער אַמאָהל פאָרגעוואָרפען דאָס איך בין אַזוי האַרטהאַרציג אַקעגען די אידישע שרייבער אַז איך געפין אפילו נישט קיין איין גוטען צווישען זיי. אָט דיזער פאָרוואורף איז געווען אונגערעכט. ווער עס איז אַ גוטער שריפטשטעלער וועט קיין שום זאַך אין דער וועלט מיך נישט צוריקהאַלטען אַזוי צו זאָגען, און ווער עס איז אַ שלעכטער, זאָלען דיזע און מיינע פריהערדיגע שורות זאָגען עדות אויף מיין מיינונג. האָב איך דאָך אין מיין ערשטען ביכעלע אוועקגעשטעלט יהואש׳ם אַ ליעד פון אויבען אָן אַלס אַ מין מאָטאָ. און אין מיין פאָרלעזונג איבער קונסט וואָס איז אַבגעדרוקט אין מיין צווייטען בוך האָב איך דאָך איהם אַריינגערעכענט צווישען די גרעסטע קינסטלער פון דער וועלט. און קען דען עמיצער זאָגען אַ שלעכטע מיינונג וועגען רייזין׳ען אַלס שעהן־שרייבער וואָס שרייבט אַזוי שעהן און אין דערזעלבער צייט אַזוי קלאָהר און דייטליך אַלס קאָנטראַסט אַקעגען יענע וואָס וויסען נישט וואָס זיי האָבען צו זאָגען? נאַטירליך האָב איך נישט קיין צייט און קיין פּלאַץ אויסצוקלייבען דאָס וואָס איז גוט אין דער אידישער ליטעראַטור כדי עס צו קענען אָבטיילען פון דעם שלעכטען. איך קען

מיך אָבער נישט צוריקהאַלטען פון נישט זאָגען א גוט וואָרט וועגען א. ראַבאָי.

אָבער אויך איהם האָט מען דערווייל נישט ריכטיג אָפּגעשאַצט אויף דער אידישער גאַס. מען האָט אקעגען איהם געהאַנדעלט אזוי ווי מען האַנדעלט אקעגען אַלע אידישע שרייבער פון דער אידישער גאַס, גוטע אזוי גוט ווי שלעכטע. פון איין זייט האָט מען איהם פאַרשוויגען, פון א צווייטער זייט האָט מען איהם געמאַכט צו גאָרנישט, פון אַ דריטער זייט האָט מען איהם באַטרכאַט, ווי געוויינטליך ,אהין און אהער (וואָס דאָס מיינט אין דער אמת'ן, נישט אהין און נישט אהער) און אפילו דאָרט וואו מען האָט געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגען איהם האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף קליינינקייטען. איך אָבער, ווען איך באַטראַכט אַן ארבייט, מעג זי זיין א גרויסע אָדער א קליינע, פרעג איך נישט צי דער שרייבער האָט דיזע אָדער יענע סצענע ריכטיג געשילדערט, נאָר איך שטעל מיר די פראַגע: איז דער שרייבער קלוגער פון דעם דורכשניטליכען נאָרמאַלען מענשען? ווייסט דער שרייבער וואָס ער וויל ארויס־ברייגגען און האָט ער וואָס צו זאָגען? און פון דיזען שטאַנד־פונקט, דאַכט זיך מיר, איז ראַבאָי אַ גרויסער טאַלאַנט. ראַבאָי'ס ראָמאַן „דער פּאַס פון ים", מעג דיענען אַלסביישפּיעל פון מיין מיינונג.

די פראַגע וועגען דעם שיקזאַל פון דעם איינצעלנעם מענש איז זעהר אַן אַלטע און א וויכטיגע: פיעלע פילאָזאָפען האָבען זיך מיט איהר באַשעפטיגט. און, ווי עס ווייזט אויס, גלויבט ראַבאָי אין דער מאַכט פון דעם באַהאַלטענעם שיקזאַל וואָס פיהרט דעם איינצעלנעם מענש צו פריידען אָדער צו ליידען. און גלויבענדיג אין דיזער געהיימניספאָלער מאַכט האָט ער דיזע טעמאַ זעהר ריכטיג דורכגעפיהרט אין „דעם פּאַס פון ים". מען זעהט, אַלזאָ, אַ קלוגע טעמאַ פון אַ קלוגען שרייבער, הגם איינער מעג דווקא נישט גלויבען, ווי ראַבאָי, אין דיזער באַהאַלטענער מאַכט. אין דעם ראָמאַן „דער פּאַס פון ים" זעהט מען קלאָהר ארויס דאָס דער בורא האָט ספּעציעל באַשאַפען טשייפּעל־היל, מיט די וועלדער,

פאַרשיקט די ערשטע ערד־אייגענטימער ווייטער אין אַנדערע גע־גענדען, כדי דער אַלטער וויינבוים זאָל זיך דאָרט באַזעצען, ווערען צוגעוואַקסען צו דער ערד, אויסגלייכען די וועלדער און ווערען אַ בכבוד'ער „פּאַרמער" מיט אַן אָנגעשטאָפּטער באַלעבאַטישקייט, כדי דאָס אַלעס איבערצוגעבען צו אַ יורש. און ווער איז עס דער יורש? איינער דוד וואַלדען וואָס האָט גאָר קיינמאָהל נישט גע'חלום'ט צו ווערען ווען עס איז אַ „פּאַרמער". אָבער דוד וואַלדען, וועמעס פּאָטער האָט גאָר גע'חלום'ט אַלע זיינע יאָהרען צו ווערען אַ „פּאַרמער" ביז ער האָט זיך ווי עס איז דערשלאָגען צו אַ שטיקעל צרה'דיגער „פּאַרם", ווערט היפּנאָטיזירט פון אַ ווייט שטיקעל פּאַס פון ים, לאָזט מעהר נישט אַנטלויפען דעם פּאָטער פון דער אָפּגענאַרטער „מציאה" און העלפט איהם גאַר איינצופיהרען אַ שטיקעל ערדישע באַליבאַטישקייט, כדי זיך שפּעטער צו פאַר־ליעבען אין דעם אַלטען וויינבוים'ס איינציגער טאָכטער, ביז ער איז אויף דיזען אופן געוואָרען דעם אַלטען'ס נאַטירליכער יורש. און אַזוי פיהרט דער פאַרבאָרגענער מזל זיין וועלט מיט יעדען איינציגען מענשען באַזונדער.

אָבער אויף דער אידישער גאַס רעבענט מען זיך נישט מיט די טעמאַס אַלס גאַנצע, נאָר מען קוקט אויף קליינינקייטען. און ווען מען קוקט אויף קליינינקייטען פאַרגעסט מען שוין צו קוקען אויף דעם שרייבער'ס אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען, און אַ שרייבער מיט שוואַכע אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען, נאָר מיט אַ סך חוצפה און קלינגענדיגע ווערטער מיט ים'ען אונזין קען האָבען דעם מזל באַטראַכט צו ווערען אַלס אַ בעסערער שרייבער און אַ געוואַלדיג גרויסער טאַלאַנט. וועט אויף דער אידישער גאַס אַמאָהל אַנדערש ווערען? וועט מען אַמאָהל זיך נעמען די מיה אָבצוטיילען דאָס גוטע פון דעם שלעכטען כדי דער גוטער שרייבער זאָל נישט זיין שפּל ביי זיך אַקעגען דעם ערפאָלג פון דעם שלעכטען?

נאָך א וואָרט וועגען דר. זשיטלאָווסקי.

דער היינטיגער וועה־געשריי פון פיעלע שרייבער וועגען דעם שלעכטען צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור אין אמעריקע, איז דאָך נישט מעהר ווי א טרויעריגע באַשטעטיגונג — נאָר אין אַנדערע ווערטער — אויף דעם באַנקראָט, אויף וועלכען איך האָב מיט אזוי פיעל יאָהר צוריק אָנגעוויזען. און אזוי ווי מען זוכט אורזאַכען וועגען דעם, לעגט מען אַרויף די שולד אויף דעם לעזער וואָס וויל נישט קויפען די ווינציג אַרויסגעגעבענע ביכער. דאָס דער לעזער האָט פארלוירען דעם צוטרוי צום בעסערען געדרוקטען וואָרט, ווייל שרעקליכער אונזין איז פאַרטיידיגט געוואָרען אַלס געניאלע געדאַנקען — פון דעם האָט גאָר ביז איצט קיינער נישט געוואָלט טראַכטען. בשעת איך שרייב דיזע שורות איז דר. זשיט־לאָווסקי אין אייראָפּע און הערט גאָר נישט פון די היגע וועה־געשרייען; אָבער זיינע ביכער ליגען דאָ ווי א גרענעץ און לאָזען שטילערהייט נישט צו דעם לעזער צו דער אידישער ליטעראַטור. און איצט, אפילו מען זאָל שוין אויף אירגענד וועלכען אופן דרוקען די בעסטע ביכער, וועט עס אויך מוזען נעמען צייט און שווערע מיה צוריק צו געווינען דעם לעזער פאר דעם בעסערען וואָרט. אָבער ווייסט כאָטש די אידישע גאס איצט וואָס פאר א חלק עס האָט אונזער דר. זשיטלאָווסקי אין דעם ליטעראַרישען באַנקראָט? אָבער פון וואַנען קען די אידישע גאס וויסען, ווען מען האָט פארשוויגען די אָנגעוויזענע פאַקטען שוואַרץ אויף ווייס — פאַקטען, וואו מען קען זעהן דעם אונזין וואָס דיזער הער האָט געגעבען אָנשטאָט געדאַנקען און ווי ער, דיזער אונזין, פאַראַליזירט דעם מענשליכען מוח? אָבער וואָס זאָגען יענע אינטעליגענטען וואס ווייסען יאָ פון מיין בוך וועגען די פאַקטען וואָס איך האָב געבראַכט?

„וואָס איז א פאַקט?“ — פרעגט פראָפעסאָר אדאַמס לעראָי דזשאַנס, אין זיין בוך „לאָגיק“, זייט 13 — און ער ענטפערט: „אַ פאַקט איז יעדע זאַך וואס עקזיסטירט; עס איז דאָס וואס איז

ווירקליך, אַפּגעזונדערט פון סיי וואָס פאַר א מיינונג מיר מעגען האָבען וועגען דעם אָדער סיי וואָס פאַר א שטעלונג מיר מעגען נעמען צו דעם."

אָבער די אידישע גאַס האָט זיך נישט גערעכענט מיט פאַקטען; דאָס איז דאָך א זאַך וואָס נאָר גוים קענען זיך פאַרגינען צו טון, אָבער נישט קיין אינטעליגענטע אידען! אָבער ווי אַנדערש וואָלט די ליטעראַרישע אידישע גאַס היינט אויסגעזעהן ווען די אינטעליגענטען זאָלען מיך נישט געווען אזוי פאַרברעכעריש פאַרשווייגען און זיי וואָלטען נאָך דעמאָלט געווען אויפגענומען מיין ערנסטע קלאַגע. אויב דר. זשיטלאָווסקי איז ווירקליך א גרויסער מאַן, ווי פיעלע האַלטען איהם נאָך עד היום, האָבען די אינטעליגענטען מיט זייער פאַרשווייגען מיינע פאַקטען זיכער איהם קיין גוטס נישט געטון. חוץ דעם, האָבען זיי מיט דעם פאַרשווייגען אליין געהאָלפען ברייגנען די ליטעראַטור צו דעם היינטיגען קלעגליכען צושטאַנד. ווייל, וואָלט די ערנסטע פּרעסע דעמאָלט געווען אויפגענומען מיינע פאַקטען, נישט דיינקענדיג וועגען דעם צי וועל איך פאַרקויפען עטליכע ביכער מעהר אָדער ווינציגער, און וואָלט זי געקומען צום שלום דאָס פאַקטען בלייבען פאַקטען און דאָס איך בין גערעכט — וואָלט, פרעג איך, דר. זשיטלאָווסקי זיך ערלויבט אַליץ ווייטער און ווייטער צו זיין אזוי אונפאַרזיכטיג צו פּלוידערען גלאַט אין דער וועלט אריין פון זאַכען, וועגען וועלכע ער ווייסט נישט וואָס זיי זיינען? אזוי אבער ווי די אידישע גאַס האָט זיך נישט גערעכענט מיט די פאַקטען, נאָר האָט איהם געהויבען אַליץ ווייטער און ווייטער ביז אין הימעל אריין, איז ער זיך געגאַנגען זיין וועג פאָרווערטס, געשריבען ביכער און זיי געדרוקט, געקולטורעוועט מיט דער אידישער גאַס, געגעבען הקדמות און הסכמות צו אַנדערע שרייבער פון זיין גלייכען צו דרוקען ביכער — ביז ער האָט אויסקולטיווירט די אידישע גאַס צו דעם איצטיגען צושטאַנד.

און פאַרוואָס האַלט די אידישע גאַס דר. זשיטלאָווסקי'ן פאַר א גרויסען מאַן? די אורזאַך איז דיזע: זיינע שריפטען זיינען

פֿול מיט נאָכגעפּלאַפּעלטע געדאנקען און פּאָפּולאַריזאַציעס פֿון אַנדערע שריפֿטשטעלער, נאָר איבערגעגעבען אין א שלעכטער פֿאָרם. אָבער דיזער פֿאַקט אַליין איז נישט קיין פֿאַרברעכען. אויך ביי די גוים זיינען דאָ איבערשרייבערס און זיי טראָגען דעם ריכטיגען נאָמען ק אָ מ פּ י ל אַ ט אָ ר ע ן. אין דער ווירקליכקייט זיינען ווערק פֿון עהרליכע קאָמפּילאַטאָרען זעהר נוצליך. אָנשטאָט וואָס דער אינטעליגענטער לעזער אַליין זאָל זיך גריבלען אין צענדליגע שווערע ביכער איבער א געוויסען געגענשטאַנד, לאָמיר זאָגען אסטראָנאָמיע, אָדער אן אַנדערע וויסענשאַפֿט, טוען עס דיזע פֿאַרפֿאסערס, איבערגעבענדיג דעם תמצית פֿון פֿיעלע ביכער אין איין בוך, און עס קומט אַרויס אַ גוטע אַרבייט דערפֿון. עהרליכע און אינטעליגענטע קאָמפּילאַטאָרען שעהמען זיך נישט צו טון אַזאַ זאַך. גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער מיט דר. זשיטלאָווסקי׳ן. עס איז זעלטען צו זעהן ביי איהם ער זאָל זאָגען דאָס דיזען אָדער יענעם געדאנק האָט ער גענומען פֿון דעם אָדער פֿון יענעם שרייבער. ער גיט איבער פֿרעמדע פּאָפּולאריזאציעס פֿון גרויסע דיינקער אלס אייגענע פּאָפּולאריזירטע געדאנקען. און דאָס איז די אורזאַך וואָס מאַכט די אידישע גאס איהם צו האלטען פֿאר א גרויסען מאַן, פֿאַר א גרויסען גאון.

אָבער דאָס אליין, דאָס איבערגעבען פֿרעמדע געדאנקען אלס אייגענע, וואָלט געווען נאָר אַ האַלבע צרה. די הויפּט צרה איז ביי דיזען דאָקטאָר וואָס, איבערגעבענדיג ווי עס איז שלעכט פֿרעמדע פּאָפּולאריזירטע געדאנקען אלס אייגענע, ווארפֿט ער אין מיטען דערינען אריין א ווירקליך אייגענעם געדאנק וואָס קעהרט איבער פּונקט קאַפּויר דעם תמצית פֿון די געדאנקען פֿון גרויסע מענער. אָט דיזע פֿאקטען האָב איך דעמאָלט באוויזען און זיי זיינען נאָך דאָ איצט שוואַרץ אויף ווייס. איז דר. זשיטלאָווסקי היינטיגען טאָג פֿריי פֿון אזעלכע פֿלוידערייען? לאָמיר נאָר א קוק טאָן.

מיט אַ קורצע צייט צוריק איז די וועלט געוואָהר געוואָרען פֿון פּראָפֿעסאָר איינשטיין׳ס באריהמטע טהעאָריע פֿון רעלאַטיוויטעט. **און אזוי ווי דער רעדאַקטאָר פֿון דער „צוקונפֿט" האָט דווקא**

געוואָלט געבען דאָס סאַמע לעצטע וואָרט אין דיזער נייער טהעאָריע, האָט ער זיך געווענדעט צום גרעסטען פילאָזאָפישען „פּאַכמאַן" פון דער אידישער גאַס דאָס ער, דער גרויסער פאַכמאַן, זאָל מאַכען קלאָהר דיזע שווער פארשטענדליכע „רעלאַטיווויטעט". און דר. זשיטלאָווסקי, פאר גוטע מזומנים מן הסתם, האָט פּארקאַשערט די אַרבעל, געזאָגט דאָס נישט נאָר 12 מענשען וועלען פארשטעהן דיזע טהעאָריע, נאָר דאָס גאַנצע אידישע פאָלק. אָנגעהויבען צו קולטי־ווירען דאָס אידישע פּאָלק איבער דיזער וואונדערליכער טהעאָריע האָט ער מיט אַ סעריע אַרטיקלען, אויף זיין שטייגער; אָבער מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט דיזע סעריע קיינמאָהל נישט געענדיגט. אָבער צי ער האָט די סעריע געענדיגט, צי נישט, איך האָב זי נישט געענדיגט, ווייל איך האָב באַלד געזעהן דאָס ער איז דער־זעלבער „פילאָזאָף" וואָס ער איז געוועזען מיט יאָהרען צוריק. און ער האָט זיך אפילו אויף אַ האָר נישט געביטען. און די ערשטע פּאָר אַרטיקלען זיינען געגוג צו ווייזען ווי וויט עס האַלט מיט דער אידישער גאַס. איבערגעבענדיג פרעמדע פּאָפּולאַריזירטע געדאַנקען אַלס אַן אייגענע פּאָפּולאַריזאַציע איבער איינשטיין'ס טהעאָריע פון רעלאַטיווויטעט אין אַ שלעכטער פאָרם, האָט דר. זשיטלאָווסקי זיך אָט אַזאַ מין זאָג געגעבען אין דער „צוקונפט" פון יאַנואַר, 1922:

„איינשטיין געהט ניט אַזוי וויט אין זיין רעוואָלוציע פון די פיזיקאַלישע באַגריפען, ווי מאַך, ווייל זיין אויפגאַבע איז ניט קיין פילאָזאָפישע, נאָר אַ ריין וויסענשאַפטליכע."

פון אויוועזן אויף איז דיזער זאַץ, ווי אַלע שרייבערייען פון אויסשטודירטע מענשען, זעהר אַ שעהנער און אַן אונשולדיגער. עס איז אָבער וועדטה, איידער איך וועל באווייזען שוואַרץ אויף ווייס ווי אַזוי דר. זשיטלאָווסקי האָט דורך דיזע עטליכע אָבגערונדעטע ווערטער איבערגעקעהרט איינשטיין'ס געדאַנקען פונקט קאַפּויר, אויך אַ טראַכט צו טון אויף דער פּסיכאָלאָגישער זייט פון דיזען זאַץ. איבערגעבענדיג ווי עס איז די פּאָפּולאַריזירונג פון דער איינ־לייטונג צו איינשטיין'ס טהעאָריע וואָס ער האָט אַרויסגעקראָגען פון

אַ פּאָר פרעמדע ביכלעך און פיהלענדיג זיך נעבעך אומבאהאָלפען ווייטער צו קענען עפּעס זאָגען אַ באַשטימטע מיינונג וועגען דער טהעאָריע זעלבסט, האָט דר. זשיטלאָווסקי נישט מעהר ווי געזוכט אַ „געניאַלען״ איינפאַל ווי אַזוי ער זאָל זיך קענען אַרויסדרעהען פון דעם פּלאָנטער פון פּוסטע ווערטער. און דערפאַר האָט ער געגעבען אַ קנאַק אַריין אן אייגענעם געדאַנק דאָס אַיינשטיין׳ס טהעאָריע איז אַ וויסענשאַפטליכע און נישט קיין פילאָזאָפישע. און דיזער זאַץ מיינט נישט קיין אַנדערע זאַך ווי אָט דאָס: — וואָלט איינשטיין׳ס טהעאָריע געווען אַ פילאָזאָפישע, דאַן בין איך ביי מיר אין דער היים, ווייל איך בין אַ פילאָזאָף, און פילאָזאָפיע איז מיין פאַך. אָבער אַזוי ווי אַיינשטיין׳ס טהעאָריע איז אַ „ריין וויסענשאַפטליכע״, דעריבער איז דאָס נישט מיין פאַך און איך קען וועגען דעם גאָרנישט זאָגען. נו, ביי דער אידישער גאַס געהט אַלעס אָן ווי געשמירט. לייענט מען דאָך פון צייט צו צייט שטיקלעך נייעס ווי דיזע אָדער יענע גרופּע וויסענשאַפטס-מענער מאַכען עקספּערימענטען צו זעהן אויב דאָס וואָס אַיינשטיין האָט באַהויפּטעט אין זיין טהעאָריע וועט שטימען מיט די אויסגעפונענע פאַקטען. אַז אַ פילאָזאָף זאָל ברייגען *וויסענשאַפטליכע פאַקטען* *אַלס אַרגומענטען* (און מיט דעם באַשעפטיגען זיך די וויסענשאַפטס-מענער) אין זיינעם אַ פילאָזאָפישען ווערק, דאָס ווייסט נישט, נישט די אידישע גאַס און נישט דר. זשיטלאָווסקי. אָט, למשל, איז דער גרויסער אימאַנועל קאַנט נישט נאָר געווען אַ גרויסער פילאָזאָף, נאָר אויך אַ גרויסער אַסטראָנאָם. די אַסטראָנאָמיע האָט קאַנט׳ען זעהר פיעל אַרויסגעהאָלפען אין זיין וואונדערליכער פילאָזאָפיע. אָבער דאָס וויל די אידישע גאַס אויך נישט וויסען. נאָך מיט יאָהרען צוריק איז געווען געדרוקט מיינער אַן אויסצוג פון קאַנט׳ס אַ ווערק „די געשיכטע און טהעאָריע פון דעם הימעל״ אין דעם געוועזענעם „צייט גייסט״ וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט אַמאָהל אַרויסגעגעבען. אין דער ליטעראַטור וועגען אַסטראָנאָמיע איז קאַנט׳ס נאָמען פאַרבונדען מיט דעם נאָמען פון אַ פראַנצויזישען אַסטראָנאָם לאַפּלאַס און אינאיינעם איז דיזע טהע-

אָריע באַקאַנט אַלס די „קאַנט־לאַפּלאַסישע טהעאָריע פון דעם הי־מעל". און אַז שאָפּענהויער האָט שטודירט מעדיצין און ער האָט זיך מיט איהר גוט באַנוצט אין זיין פילאָזאָפיע, דאָס ווייסט נישט די אידישע גאַס און מן־הסתם נישט דר. זשיטלאָווסקי. און אַז כמעט אַלע גרויסע פילאָזאָפען האָבען זיך באַנוצט מיט וויסענשאַפטליכע אַרגומענטען צו באַווייזען די ריכטיגקייט פון זייערע פילאָזאָפישע טהעאָריעס, דאָס וויל די אידישע גאַס נישט וויסען. זי נעמט אָן אַלעם פאַר מזומן וואָס דר. זשיטלאָווסקי זאָגט.

אָבער צו וואָס וועלען נוצען גאַנצע פּעק מיט פילאָזאָפישע אויסצוגען און באַווייזען אַז דר. זשיטלאָווסקי פּלוידערט גלאַט אין דער וועלט אריין, ווען די אידישע גאַס וויל נישט גלויבען אַ פּראָס־טען אַרבייטער? דער אידישער גאַס דאַרף מען ברייגגען אַ קורצען און שאַרפען באַווייז און פאַרטיג. די בעסטע זאַך איז צו זעהן וואָס פּראָפעסאָר איינשטיין אַליין זאָגט וועגען זיין טהעאָריע, אויב זי איז אַ פילאָזאָפישע אָדער אַ ריין וויסענשאַפטליכע. לאָמיר אַ קוק טון.

ווען פּראָפעסאָר איינשטיין איז געווען דאָ אין אַמעריקע האָט ער געגעבען עפענטליכע ערקלעהרונגען אין די צייטונגען וועגען זיין טהעאָריע. אין איינער פון זיינע ערקלעהרונגען, אין דער „ניו יאָרק טיימס" פון מאָנטאָג, דעם 4טען אפּריל, 1921, וואו ער זאָגט אויסדריקליך דאָס דער וויסענשאַפטליכער טייל פון זיין טהעאָריע איז בלויז אַ זייטיגע זאַך, זאָגט ער צווישען אַנדערע זאַכען אַזוי:

„דער פּראַקטישער מענש דאַרף זיך נישט מצער זיין וועגען דעם. אָבער פון דעם פילאָזאָפישען אָנבליק האָט זי, יעדענפאַלס, וויכטיגקייט ווייל זי בייט איבער די באַגריפען פון צייט און אָרט וואָס זיינען נויטוועדיג פאַר פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס און באַגריפען."

איצט, מיין ליעבער אינטעליגענט, פאַרטיידיגער פון אייער גרויסען פילאָזאָף, פאַרגלייכט דיזע ביידע ערקלעהרונגען און זאָגט אַליין אויב ער האָט נישט איבערגעקעהרט איינשטיינ'ס געדאַנקען פונקט קאַפּויר? וואָס קען מען זאָגען אַנדערש אויף איינעם, וועל־

כער זאָגט קאַפּויר ווי דער, וועמעס געדאַנקען ער וויל ערקלערען, ווי מילד מען זאָל זיך באַמיהען צו זיין, דאָס ער ווייסט נישט וועגן וואָס ער פּלוידערט?

אין דער לעצטער צייט איז געקומען אַ שטיקעלע ענדערונג אויף דער אידישער גאַס. צו מיינע אויערען האָט דערגרייכט אַ שטיקעלע באַריכט דאָס הער ראובן בריינין זאָל האָבען געזאָגט אַז דר. זשיטלאָווסקי „קען נישט — נישט די היינטיגע און נישט די אַלטע אידישע ליטעראַטור". אויך האָב איך געזעהן אין אַ ביכעל „דיכטער און וועלטען" פון חיים ליבערמאַן באַווייזע שוואַרץ אויף ווייס דאָס דר. זשיטלאָווסקי ווייסט נישט וואָס ער רעדט אפילו וועגען נאַציאָנאַליזם. מעגליך אַז נאָך אַ פּאָר אַנדערע שרייבער האָבען אין דער לעצטער צייט באַמערקט דעם אונזין פון דעם גרויסען קולטור טרעגער. אָבער דיזע איינציגע שטימען, פּונקט ווי מיין בוך „בריעף פון אַן אונטערדריקטען שרייבער", ווערען דערטרונקען אין דעם קליינעם ברודיגען ים פון דער דלת־אמות'דיגער עפענטליכער מיינונג פון דער אידישער גאַס. איך זאָל וועלען איבערדרוקען אַלע לויבלידער וואָס מען האָט געזאָגט וועגען דיזען דאָקטאָר, און די אַלע רעקאָמענדאַציעס וואָס מען גיט נאָך היינטיגען טאָג אין די קליינע זשורנאַלעכלעך פון די יונגע שרייבער אַזוי גוט ווי אין די אַלטע אויסגאַבען פון עלטערע שרייבער צו לייענען זיינע שריפטען, וואָלט נישט געווען גענוג אַ גרויס בוך.

און אָט דאָס איז טאַקי איינע פון די הויפּט אורזאַכען פאַרוואָס דער אינטעליגענטערער לעזער האָט פאַרלוירען דעם צוטרוי צום געדרוקטען וואָרט. יאָהר איין, יאָהר אויס האָט מען דר. זשיטלאָווסקי'ס שריפטען פּראָקלאַמירט אַלס די בעסטע, און מען האָט געהאַלטען אין איין באַראַבאַנעווען וועגן זיי. איבערהויפּט איז אויף דער אידישער גאַס געוואָרען אַ היפּאָקריטישע מאָדע צו ריידען אין ליטעראַרישע אויסגאַבען איבער שריפטען, וועמעס אינהאַלט איז זעהר טונקעל, אַלס גוטע ליטעראַטור. און וואָס מעהר אונקלאָהר די שריפטען זיינען אַלץ מעהר ווערען זיי אויסגעטייטשט אַלס די בעסטע. די אייביגע גוטע מיינונג, דאָס אין איינפאַכקייט ליגט

דער שטעמפּעל פון אמת, אָדער אין איינפאַכקייט באַשטעהט די אייגענטליכע עלעגאַנץ פון אַ ליטעראַרישער ארבייט — אַט דיזע מיינונג ווערט גאַר היינטיגע צייטען פאַרדרעהט דאָס אין איינפאַכ־קייט און אין קלאָהרקייט דערקענט מען בלויז די טאַלאַנטלאָזיג־קייט. און וואָס מעהר אונזין אַן אַרבייט האָט ווערט זי אויסגע־טייטשט אַלס די שעהנסטע אין דער וועלט.

און דר. זשיטלאָווסקי האָט שוין אַ נאָכפאָלגער וואָס פאַר־פּלייצט די אידישע גאַס מיט פילאָזאָפישע ביכער. אין איינעם פון דיזע ביכער, ווי מיר שיינט, (ווייל איך וויל זיי אפילו נישט אָנקוקען) האָב איך גאָר געזעהן דר. זשיטלאָווסקי׳ן אריינגערעכענט צווישען די גרעסטע געלערענטע פון דער וועלט מיט אַן אויסצוג. עס פאַר־שטעהט זיך דאָס דער נייער אונזין איז פּונקט אַזוי שעדליך ווי דער אַלטער. און דאָך געפינען זיך שוין פּאַרטיידיגער פאַר דעם נייעם אונזין, ווען איינער זאָגט אַ וואָרט אַקעגען דעם. טאָמער איז נאָך דאָ אַ האָפנונג צו קענען ראַטעווען די אידישע גאַס פון ווייטערען זינקען, ווילען טאַקי די נייע פּאַרטיידיגער פון די נייע פלוידערייען די ליטעראַטור אין גאַנצען באַגראָבען.

ביי אַזוינע צושטאַנדען פון דער אידישער גאַס קומט מיר פאַר צום טויזענדסטען מאָהל וואָס פאַר אַ גוטע זאַך עס וואָלט געווען ווען מען זאָל געווען דיסקוטירען עפענטליך מיינע קלאַגען דעמאָלט ווען זיי זיינען ערשיענען אין דער ריכטיגער צייט. מעגליך דאָס ווען די פראַגע זאָל געווען באַשפּראָכען געוואָרען פון אַלע זייטען וואָלט דר. זשיטלאָווסקי ביז היינטיגען טאָג געוואָרען אַ בעסערער שרייבער — אָדער די אַלע לויב ליעדער פון גרויסקייט וואָלטען אויפגעהערט. אויב דאָס וואָלט געווען דער פאַל קענען די אינטע־ליגענטען איצט איינזעהן וואָס פאַר אַ שלעכטע רעזולטאַטען זייער פאַרשוויינען האָט געבראַכט.

אָבער לאָמיר לאָזען מיינע קלאַגען אָן אַ זייט. לאָמיר זיך פאַר אַ מינוט פאָרשטעלען דאָס אַזאַ „קרענק” ווי איך האָב גאָר קיינמאָהל נישט עקזיסטירט אויף דער וועלט און אַזעלכע שאַרפע ווערטער ווי איך האָב געשריבען זיינען קיינמאָהל נישט ערשיענען אויף דער

אידישער גאַס. וואו־זשע זיינען אונזערע אינטעליגענטען זיי זאָלען אַליין געווען איינזעהן זייער טעות? אָט האָבען מיר אַ אידישע גאַס, וואו מען באַריהמט זיך דאָס די אידען גיבען דער וועלט גרויסע מענשען פון אַלע סאָרטען און אַליין קענען זיי נישט איינזעהן און נישט אונטערשיידען צווישען זיך ווער עס איז אַ גוטער שרייבער און ווער נישט, און פוסטע נאַרישקייטען ווערען פראָקלאַמירט אַלס די גרעסטע חכמות.

ווען די אידישע גאַס וועט א י י נ מ אָ ה ל פ אַ ר אַ ל ע־מ אָ ה ל זיך נעמען די מיה צו אונטערשיידען ווער עס איז אַ גוטער שרייבער און ווער אַ שלעכטער, וועלכע שריפטען זיינען גוטע געדאַנקען און וועלכע זיינען בלויז פוסטע ווערטער, דאַן קען מען האָפען עס זאָל נאָך ווערען אַנדערש. ביז דעמאָלט מעגען דיזע ווערטער דיענען אַלס אַן ערנסטע איבערגע'חזר'טע וואַרנונג דאָס עס וועט נאָך ווערען ערגער ווי עס איז איצט.

וועגען אַב. קאַהאַן'ס פאַרניכטונג פון שעקספיער'ס גרויסקייט אויף דער אידישער גאַס.

די אידישע גאַס איז א שרעקליכער זומפ וואו עס לעבען און פלאָדיען זיך אַלערליי ליטעראַרישע ווערים, שרצים און אַלערליי ליטעראַרישע שאַרלאַטאַנעם. און ערשיינט אַ נייער ליטעראַרישער וואָרים אָדער שאַרלאַטאַן געפינט ער זיך באַלד ווי ביי זיך אין דער היים. און קומט אָן א נייער ליטעראַרישער פרנסה־זוכער פון אייראָפּע ווערט ער אין דיזער אַטמאָספערע אויפגענומען מיט אָפענע אָרימס און ער ווערט תיכף באַטראַכט פאַר א גרויסען שרייבער. און דערפאַר איז דאָ נישטאָ קיין אָרט פאַר עהרליכע, ערנסטע און ווירקליך גוטע שרייבער און ממילא איז שוין דער צוטרוי פון דעם בעסערען לעזער פאַרלוירען געגאַנגען פאַר א גוט וואָרט. ער, דער לעזער, ווייסט איבערהויפּט נישט וואס ער זאָל נעמען אין האַנד ווען מען רעקאָמענדירט איהם ש ל ע כ ט ע ליטעראַטור אַלס די ב ע ס ט ע. און אין דעם הייגטיגען קלאַנגען

זיך אויף די לעזער פון דער אידישער גאַס הערט מען, צווישען די קלאָג־ליעדער, אויך די קולות פון יענע צווייפעלהאפטע נייע ליטע־ראַטען. וואס דיזע נייע ליטעראטען האָבען צו קאהאן׳ען, וועלכער האָט פאר זיי אזוי גרויס געמאכט דיזען זומפּ און אזוי פּרוכטבאר, קען איך נישט פארשטעהן. קען דאָך קאהאן נישט אָנפּאַקען זיין רעדאקציע מיט אַלע שרצים פון דער אידישער גאַס.

דאָסזעלבע איז געוועזן דער פאַל מיט יאָהרען צוריק. אין מיינע „בריעף" האָב איך שוין איינמאָל אָנגעוויזען ווי אזוי דר. זשיטלאָוו־סקי האָט אָנגערופען קאהאן׳ען און יאַנאָווסקי׳ן (נישט דירעקט נאַטירליך) עמי־הארצים. דער באגריף עם־הארץ ווערט זעהר שלעכט פארשטאַנען אויף דער אידישער גאַס. עם־הארץ, אין דעם פּראָסטען זין פון וואָרט, מיינט נישט קיין אנדערע זאך ווי א פּאָלקס־מענש, א נאָרמאַלער מענש — אין געגענזאַץ צום אינטע־ליגענטערען מענשען, וואָס שטעהט אינטעלעקטועל העכער פון דעם דורכשניטליכען מענש. אויף דער אידישער גאַס אָבער ווערט אַן עם־הארץ באטראכט יענער וואס איז נישט אָפיציעל שטודירט. און מיר האָבען שוין געזעהן ווי דער שטודיום קען דעם פון דער נאַטור נאָרמאַלען מענשען נישט מאכען פאר איבעריג קלוג. און אונטער דיזען זין ווי דער וואָרט עם־הארץ דארף פארשטאַנען ווערען איז עס געוועזן העכסט קאָמיש צוצוזעהן, ווי דר. זשיטלאָוו־סקי, אַליין אַ שרעקליכער עם־הארץ, ווען מען האָט אויפגענומען מיט אָפענע אָרימס אויף דער אידישער גאַס, טאקע צוליעב די אָנגעגריפענע, האָט אָנגעוויזען אויף דיזעלבע מענשען וואס שטעהען ווירקליך אינטעלעקטועל העכער פון איהם צו זיין עמי־הארצים. און נאָך דעמאָלט האָב איך אָנגעדייטעט דאָס קאהאן איז פיעל קלוגער פון יענעם דאָקטאָר. און דאָס איז אויך ווירקליך דער פאַל. אונגליקליכער־ווייזע אָבער ווערט די קלוגשאפט אָנגעווענדעט צו נארען דעם עולם — און נישט דעם פּראָסטען עולם אַליין, נאָר דווקא אויך די בעסערע, די אינטעליגענטערע טיילען פון דעם אידישען עולם. די נארעריי, ספּעציעל די ליטעראַרישע נארעריי, איז ביי קאהאן׳ען ענטוויקעלט געווארען צו אַ העכסט וואונדער־

ליכער קונסט. נישט נאָר קען קאַהאַן געבען לעקציעס אין פאָלקס־נאַרעריי די גוים, נאָר ער דינט אויך אלס מוסטער פאר אלע ליטעראַרישע דעמאַגאָגען ווי אזוי מען קען אויף אַ קונציגען אופן נארען דעם עולם, און דאָך זאָל מען באטראכט ווערען פאר דעם גרעסטען צווישען פאָלק. און דערפאר טאקי וואס ער איז אזוי קלוג געהט ער ארויס א ריינער פון אלע אָנגריפען וואס מען מאכט אויף איהם, און קומט נאָך ארויס מיט אַ גרעסערער פּאָפּולאַריטעט.

אב. קאַהאַן ווייסט וואָס ער האָט צו טון. אזוי לאַנג ווי מען קען די אָנגרייפער פארשווייגען מאכט ער זיך פון זיי נישט קיין גרויסען צימעס. אזוי שנעל אָבער ווי די אָנגרייפער געווינען א שטיקעלע באָדען אונטער זייערע פיס, קומט ער באַלד ארויס מיט א געוואַלד: — ארבייטער! פלישתים עליך! אָט די אזוינע און אזוינע ווילען פארניכטען די ארבייטער באוועגונג. מיט דער ארבייטער באוועגונג שלאָגט ער אלע זיינע אָנגרייפער און מיט איהר ווערט ער גרויס און מעכטיג. דערפאר, ווייל איך אליין בין איינער פון די אָנגרייפער, מוז איך זאָגען א וואָרט וועגען זיך אליין. צו דער ארבייטער באוועגונג האָב איך גאר נישט: ווי אזוי קען איך זיין קעגען מיר אליין, ווען איך בין א פּראָסטער פאבריק ארבייטער? וואָס אַרט עס מיך דען ווען דער בעקער, דער שניידער, דער קאָפּען־מאַכער און די אַנדערע מאַכערס פון דער אידישער גאַס ווילען זיך פארבעסערען זייער לאַגע און ווילען דווקא אויסהאַלטען זייערע פיהרער בכבוד גדול? צי וואָס אַרט עס מיך ווען די פּראָסטע ארבייטער ווילען דווקא זיין גענאַרט פון קאַהאַן'ען ווען זיי דיינקען דאָס צוליעב איהם האָט זיך זייער לאַגע פאַרבעסערט? אויך בין איך נישט אזוי נאַריש צו חלום'ען דאָס אירגענד וועלכע מאכט וועט פון קאַהאַן'ען קענען אוועקנעמען די ממשלה איבער דער צעהן שטאָקיגער געביידע. מיך אַרט עס אפילו נישט ווען די געביידע זאָל זיין פינף מאָהל אזוי גרויס. אויך קען מען נישט האָבען קיין פאַראיבעל אויף די בעסערע שרייבער וואס זיינען באשעפטיגט אין „פאָרווערטס". ווי עס איז, זעהט מען דאָרט אַ גוט וואָרט און אַנדערע גוטע זאכען, וואס קיינעם טאָר נישט איינ־

פאַלען אַבצולייקענען. ווער קען עס זיין אזוי נאַריש דווקא צו וועלען זיין אקעגען א גוטער זאַך? אלזא, נישט אקעגען די גוטע זאַכען פון „פאָרווערטס" שרייב איך דיזע שורות, נאָר אקעגען דעם פאַקט וואָס די גוטע זאַכען ווערען געגעבען מיט דעם צוועק צו נאַרען דעם בעסערען עולם, ווי א גיפט מישער גיט זיין פּאָרציע צוקער אין א בעכער אָנגעפילט מיט סם. איך שרייב דיזע שורות אקעגען דעם סיסטעם פון אָבנאַרען, פון צעשטערען די אידישע ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס. איך שרייב דיזע שורות מיט דעם איינציגען צוועק, אויב מעגליך, אָבצוטיילען דעם סם פון דעם צוקער, אָבצוטיילען די דעמאַגאָגיע — די שרעקליכע נאַרעריי פון דער גוטער זייט פון „פאָרווערטס".

און איצט, איידער איך וועל ווייזען מיט וואָס פאַר א קונץ־מיטלען קאַהאַן האָט פארניכטעט (אָהן קאַוויטשקעס, ווייל עס איז איהם געלונגען אין דעם) שעקספּיער'ס גרויסקייט אויף דער אידישער גאַס, וועל איך פריהער ווייזען זיין וואונדערליכע קונסט פון נאַרעריי אין אַן ארטיקעל — איינער פון פיעלע עהנליכע אזעלכע ארטיקלען — פון דעם 16טען אפּריל, 1916, למשל, וואָס טראָגט דעם וויכטיגען נאָמען „וואָס איז טאַלאַנט?", זאָגט ער אזוי:

„פאַר דעם שרייבער פון דיזע שורות איז קיין אונטערשיעד ניט צו וועלכע „שוהלע" א שרייבער בעלאַנגט. — צי ער איז א רע־אַליסט, צי א ראָמאַנטיקער צי א דעקאַדענט. אויב ער האָט טאַלאַנט, דאָס הייסט, אויב ער האָט אמת'ע איינבילדונגס־קראַפט, האָט דער שרייבער פון דיזען ארטיקעל ליעב איהם צו לעזען. אויב, ווידער, ער איז ניט מעהר ווי א „פינגער מלאכות'ניק", מעג ער האָבען די העכסטע פאַנטאַזיעס און מעג ער זיך אָנרופען מיט די העכסטע נעמען, גרילצט ער מיר אין די אויערען, ווי א פאַלשער טאָן גרילצט א מוזיקאַלישען מענשען."

אָט אזעלכע ווערטער, און הונדערטער אנדערע, זיינען געוונג צו ווייזען די מאָטיוווען פון קאַהאַן'ס ליטעראַרישע צעשטערריי. איך וויל פרעגען: וואָס איז דער חילוק פון איינבילדונגס־קראַפט ביז

פאַנטאַזיע? נעמט וויפיעל ווערטער־ביכער איהר ווילט אליין און וויפיעל סינאָנים־ביכער, וועט איהר זעהן, אז דיזע ביידע ווערטער זיינען אייגענטליך איינער און דער זעלבער באַגריף — נאָר אַנדערש אויסגעדריקט. צו וואס־זשע האָט קאַהאַן געמאכט א חילוק צווישען דיזע צוויי ווערטער? נישט מיט קיין אַנדערען צוועק ווי צו קענען זאָגען אויף א שלעכטער ארבייט וואס ווערט געדרוקט אין „פאָרווערטס", דאָס דער פאַרפאַסער האָט אַיינבילדונגס־קראַפט, און אויך צו קענען זאגען אויף דער ב ע ס ט ע ר ארבייט וואס ווערט ארויסגעגעבען חוץ דעם „פאָרווערטס" דאָס דער שרייבער האָט בלויז „פאַנטאַזיעס", איז א „פינגער־מלאכות'ניק" אָבער קיין אַיינבילדונגס־קראַפט האָט ער נישט. אָט דאָס איז דער צוועק פון קאהאַן׳ס שרייבעריי, צו קענען שיסען אין אלע ריכטונגען ווען עמיצער וועט ביי איהם עפּעס וועלען פרעגען. מיר האָבען דאָ אלזא צו טון מיט א פּאָראַוים אויסגערעכענטען צעשטערער פון אידישע טאַלאנטען.

עס קענען זיך נאַטירליך געפינען פיעלע שרייבער אויף דער אידישער גאס, וואָס וואָלטען געוועזן ווילינ צו גלויבען דאָס קאַהאַן פלוידערט גלאַט אין דער וועלט אריין, אָדער דאָס ער האָט זיך ארויסגעכאַפּט מיט א נארישקייט. דאָס איז אָבער א גרויסער טעות. אַן אינטעליגענטערער לעזער קען נישט זעהן אין קאַהאַן׳ען קיין אַנדערע זאכען חוץ קאָנסעקווענטע אויסגערעכענטקייט אין זיין יעדער שורה וואס ער שרייבט אָן. פּונקט ווי א נאַטור וויסענ־שאַפטס־מאַן קען פון אן אבר אָדער פון א שטיקעל פארשטיינערטען ביין פון א חיה צונויפשטעלען די גאַנצע חיה, כאָטש זי האָט געלעבט מיט טויזענטער אָדער גאר מיט מיליאָנען יאָהרען צוריק; פּונקט ווי א דאָקטאָר קען פון בלויז א טראָפּען בלוט באַשטימען די נאַטור פון א געוויסער קראנקהייט; פּונקט ווי יעדער אינטעליגענ־טער וויסענשאפטליכער פאַכמאַן קען דורך א קליינער פּראָבע באַשטימען מיט זיכערקייט די גאַנצע נאַטור פון דער זאַך, וועלכע ער וויל וויסען: אָט פּונקט אזוי קען אן אינטעליגענטער לעזער מיט זיכערקייט באַשטימען פון בלויז א ווארט, א שורה אָדער א זאַץ די

מאָטיווען און די אינטעליגענץ פון דעם שרייבער. קאַהאַן אַליין האָט טאַקי אַלע זיינע יאָהרען געלערענט — אין אַזאַ פאָרם ווי דער אויסצוג פון דעם געוויזענעם ארטיקעל אָדער אין אַן אנדערער פאָרם — דאָס די ליטעראַטור איז בלינד. איך זאָג אָבער מיט זיכערקייט דאָס עס איז נישט ריכטיג. עס איז אַן אַלט באַקאַנטער פאַקט, דאָס יעדעס שטיקעל ארבייט גיט ארוים דעם אורטייל איבער זיין שאַפער. מיט לעיעלעס'ען און מיט דר. זשיטלאָווסקי'ן האָב איך באַוויזען דאָס אין זייערע שרייבערייען דערקענט מען באַלד דעם גראַד פון זייער אינטעליגענץ און אין קאַהאַן'ס שרייבערייען דערקענט מען באַלד די באַהאַלטענע מאָטיוועןֿ.

טאָמער אָבער גלויבט נאָך אַלץ נישט דער קריטישער לעזער דאָס קאַהאַן איז אויסגערעכענט מיט זיין יעדען וואָרט און צוליעב דיזער אויסגערעכענטקייט איז איהם, קאַהאַן'ען, געלונגען צו ווערען דער גרעסטער מאַן אויף דער אידישער גאַס, וועל איך איהם ווייזען אַ צווייטע זאַך.

אין „פאָרווערטס" פון דעם 16טען יולי, 1922, אין אַן ענטפער צו אַ נאַאיווען שרייבער וואָס האָט זיך ערלויבט צו צווייפלען אין דער אינטעליגענץ פון דעם דורכשניטליכען לעזער, זאָגט גענאָסע קאַהאַן בזה הלשון:

„פאַרוואָס דרוקט דער אידישער „פאָרווערטס" גוטע ליטעראַרישע זאַכען, וועלכע דער רייכסטער אמעריקאַנער זשורנאַל קען נישט „אפאָרדען" צו געבען? ווייל אונזער פובליקום איז צוגעגרייט ליטעראַטור צו פאַרשטיין, און דער אמעריקאַנער לעזע פובליקום — נישט. עס זיינען פאַראַן טויזענדע אידישע שניידער אין ניו יאָרק און אין אַנדערע אמעריקאַנער שטעדט, וועלכע זיינען אמת'ע מבינים אויף אַ סקיצע, אַ סך בעסערע מבינים, ווי די געבילדעטסטע לעזער פון די אמעריקאַנער זשורנאַלען."

פיעלע נאַאיווע אינטעליגענטען זיינען אַזוי שטאַרק איינגעגלויבט אין קאַהאַן'ס ליעבשאַפט צום פאָלק, ווי מאַגידאָוו, למשל, אין זיין „שפּיעגעל", דאָס זיי זיינען בארייט צו גלויבען אַז ער, קאַ-

האַן, צוליעב זיין ליעבשאַפט, פליהט אַוועק אַזש קיין בויבעריק מיט זיינע פאַנטאַזיעס, און דערפאַר האָט ער געמאַכט זיינע שניידערלעך פאַר גרעסערע מבינים אויף ליטעראַטור ווי די געבילדעטסטע אַמעריקאַנער. דאָס איז אָבער ווידער אַ גרויסער טעות. קאַהאַן, ווי דער אַמאָהליגער קלוגער רוימישער טיראַן טיבעריוס, איז אויסגערעכענט מיט זיינע ווערטער, ווייל ער שיסט אַלע מאָהל אויף *מעהר* ווי איין פּראָנט. פון איין זייט האָט ער פּשוט אַ קיצעל געטון אין זיין אונפאַרשעהמטער דעמאַגאָגיע די אידישע שניידערלעך, פון דער צווייטער זייט האָט ער פּשוט אַ סטראַשע געטון דעם געגנער וואָס איז אונטער זיין ממשלה צו האַלטען דאָס מויל אויב דער לעצטער וויל לעבען און האָבען וואו צו דרוקען זיינע שריפטען, און פון דער דריטער זייט האָט ער ווידער געשאָסען אין די אידישע אָרימע נייע טאַלאַנטען. און ווען עמיצער זאָל קאַהאַן'ען רופען צו פאַראַנטוואָרטליכקייט און ביי איהם אַ פרעג טון: ווי אַזוי וואַגסטו צו מאַכען פּראָסטע אונגעבילדעטע דורכשניטליכע אַרבייטער פאַר גרעסערע מבינים אויף ליטעראַטור ווי געבילדעטע אינטעליגענטע מענשען, למשל, קינסטלער, פילאָזאָפען, ליטעראַטור־קענער און קריטיקער? האָט אָבער קאַהאַן מיט דיזעלביגע ווערטער אָנגעגרייט אין רעזערוו פרישע קוילען צום שיסען — צו באַהויפּטען דאָס ער האָט *גאָר קיינמאָהל נישט געזאָגט* דאָס דער פּראָסטער אידישער אַרבייטער איז אַ גרעסערער מבין אויף ליטעראַטור ווי שטודירטע מענער. ווען קאַהאַן רעדט אין זיין דעמאַגאָגישער דיפּלאָמאַטיע פון *לעזער* קען איהם שוין קיינער נישט כאַפּען אין קיין ליגען, ווייל ער ווייסט גאַנץ זיכער דאָס געבילדעטע אינטעליגענטע מענשען לייענען נישט די אַזוי גערופענע שעהנע ליטעראַטור פון די אַמעריקאַנער זשורנאַלען און נישט די זשורנאַלען דרוקען ספּעציעלע בעלעטריסטיק פאַר העכסט געבילדעטע מענשען. און יענע לעזער וואָס לייענען יאָ די שעהנע ליטעראַטור פון די אַמעריקאַנער זשורנאַלען, שטעהען זיי אויף דער זעלבער אינטעלעקטועלער שטופע ווי די דורכשניטליכע לעזער פון דעם „בינטעל בריעף".

און אַזוי, הייסט עס, אַז ער האָט געזאָגט אַ פאַרשטעלטען אמת, אַז

ער האָט מיט זיכערקייט פאַרשטאַפּט דאָס מויל פון יעדען שרייבער וואָס וועט וואַגען עפּעס צו זאָגען אקעגען איהם אין זיין פיהרונג.

אָבער וואָס איז דער רעזולטאַט פון דיזער העכסט אויסגערע־כענטער נאַרעריי? אפילו דער בעסטער אידישער לע־זער פיהלט זיך גע׳חנפה׳ט ווען אזא גרויסער ליטעראַטור קענער און קריטיקער ווי קאַהאַן זאָגט אויף איהם דאָס ער, דער לעזער, איז אַ גרעסערער מבין אויף אַ סקיצע ווי דער געבילדעטסטער אַמעריקאַ־נער. נעמט אזא לעזער און צאָהלט איהם צו צעהן טאָלער, און שענקט איהם אַ בוך צום לייענען, וועט ער מיט אַ שמייכעל ביי אייך צונעמען די צעהן טאָלער, און נאָך אפשר מיט׳ן בוך אויך, אָבער לייענען דעם בוך וועט ער זיכער נישט. ווי אַזוי קען אזא לעזער לייענען אַ בוך פון עפּעס אַ אידישען שרייבער ווען קאַהאַן האָט מיט איהם יאָהרען און יאָהרען געקנעלט דאָס אַ חוץ אין „פאָר־ווערטס" איז אין ערגיץ נישטאָ קיין גוטע ליטעראַטור, אפילו נישט ביי די אַמעריקאַנער?

און אויסער דער צערשטערונג פון דער אידישער ליטעראַטור, וואָס יעדער פון צייטונגען אונאַבהייענגיגער שרייבער פיהלט עס שוין, קען נאָך אזא אונפאַראַנטוואָרטליכע דעמאַגאָגיע פיהרען צו מעהר ערנסטערע רעזולטאַטען פאַר דעם גאַנצען אידישען פאָלק אין אַמעריקע ווי מען קען זיך פאָרשטעלען. נארישע מענשען באַטראַכ־טען איהם פאַר דעם גרעסטען מאַן צווישען אידען און גיבען אַרויס זיינע שריפטען אין בוך־פאָרם. אויב מען זאָל דיזע דעמאַגאָגיע אַרויסגעבען אין בוך־פאָרם און זי זאָל, מיט נאָך אַנדערע אַזעלכע עהנליכע ווערטער, אַריינפאַלען אין די הענד פון אַ משומד, וואָלט ער, דער משומד, אויף איהר געקענט אַנווייזען און ציהען אַ שלוס, דאָס דער גרעסטער מאַן צווישען אידען באַהויפּטעט שוואַרץ אויף ווייס, אַז די אידישע שניידערס זיינען קלוגער פון די געבילדעטסטע אַמעריקאַנער. און דאָס, מיט נאָך אַנדערע אַנטיסעמיטישע העצעס וואָס פאַרברייטען זיך שנעל דאָ אין לאַנד, קען פיהרען צו שרעקליכע פּאָגראָמען אויף אידען. דערפאַר זאָלען די אידישע אינטעליגענטען,

אויב ביי זיי איז דאָ אַ ווייט־זעהענדיגער און פאָרזיכטיגער בליק, זיך אָנטון אַ כח און עפענטליך אָראָפּנעמען פון זיך און פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון קאַהאַן'ס נאַרעריי און צעשטערעריי.

נאָר וואָס שפּעטער קען אַרויסקומען קען מען נאָך באַצייטענס פאַרמיידען. דערווייל אָבער האָבען מיר שוין געפיהלט און מיר פיהלען נאָך שטאַרק די רעזולטאַטען פון קאַהאַן'ס קרענקליכען האַס צו די נייע ליטעראַטען, און אין דערזעלבער צייט זעהען מיר דאָס מיר האָבען צו טון מיט דעם וואונדערליכסטען און מעכטיגסטען ליטעראַרישען שוואַרץ־קינצלער אין דער וועלט. אויף דער אידישער גאַס איז ער דער מעכטיגסטער שוואַרץ־קינצלער, ווייל קיין גלייכען צו איהם איז נישטאָ און פיעלע כחות העלפען איהם מיט צו זיין דאָס וואָס ער איז. די ליטעראַרישע שוואַרץ־קינצלעריי האָט זיך ביי איהם אַזוי שטאַרק איינגעגעסען אין די ביינער ביז זי האָט דערגרייכט צו אַ מורא'דיגער ליידענשאַפט. מיט דיזער ליידענשאַפט באַפאַרבט ער אַלעס וואָס ער שרייבט אָן. און מיט דיזער ליידענשאַפט האָט ער אין 1916 פאַרניכטעט שעקספּיער'ס גרויסקייט אויף דער אידישער גאַס. עס קען אויסקומען זעהר קאָמיש אַזאַ מין באַהויפּטונג, ווייל שעקספּיער'ן קען מען נישט פאַרניכטען און דיזער דיכטער וועט בלייבען גרויס אַזוי לאַנג ווי די מענשליכע ציוויליזאַציע וועט עקזיסטירען. אָבער אויף דער אידישער גאַס קען מען דעם אידישען לעזער גרינג פאַרבלענדען די אויגען, ווייל, ווי מיר וועלען זעהן אויף אַן אַנדער אָרט, עס פעהלט אַן אינטעליגענטע עפענטליכע מיינונג. און דערפאַר קען מען מיט זיכערקייט זאָגען דאָס קאַהאַן האָט מיט זיין שוואַרץ־קינצלערישער פעהיגקייט פאַרניכטעט שעקספּיער'ן, ווייל פון דעמאָלט אָן זיינען אַלע האַלב־געבאַקענע אינטעליגענטען פון דער אידישער גאַס געוואָרען אַנטי־שעקספּיעריאַנער... איינציגע באַמקען שטילערהייט נאָך פון דעמאָלט אָן קאַהאַן'ס ווערטער וועגען שעקספּיער'ן; אַנדערע, הגם זיי זאָגען דאָס זיי האַסען קאַהאַן'ען שרעקליך, באַהויפּטען זיי אָבער אַז אין דעם זיינען זיי מיט איהם איינפאַרשטאַנען: און פיעלע

שרייבער האָבען זיך דירעקט באַצויגען אין זייערע שריפטען אויף דער וויכטיגקייט פון קאהאַן'ס מיינונג וועגען שעקספּיערן'ן. כמעט יעדער ניי־ערשיענענער זשורנאַל און זשורנאַלכעל האָט פון דעמאָלט אָן זיך געמאַכט צום פּרינציפּ דירעקט און אינדירעקט שעקספּיער'ן צו פאַרניכטען, אינאיינעם מיט אַלע אַלטע שרייבער. און דאָס איז די אורזאַך וואָס מאַכט מיך זיך אָבצושטעלען לענגער ביי קאהאַן'ען, ווייל אין זיין שטילער דיקטאַטור איבער די האַלב־געבאַקענע אינ־טעליגענטען האָט ער דעם גרעסטען חלק אין דעם טרויעריגען צו־שטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

עס האָט גענומען אַ גאַנץ לאַנגע צייט איידער קאהאַן האָט זיך איבערגעלעגט עפענטליך צו פאַרניכטען שעקספּיער'ס גרויסקייט. אָבער שטילערהייט, אין זיין קרענקליכען האַס צו יעדען פעהיגען שרייבער, האָט ער עס אַלע מאָל געטון. ווען ער האָט געוואָלט, למשל, ווייזען דאָס אַן אַקטיאָר שפּיעלט שלעכט האָט ער יענעם אַקטיאָר פאַרגלייכט מיט האַמלעט'ס דעקלאַמירען. און ביי יעדער געלעגענהייט ווען ער האָט געוואָלט ווייזען אַ שלעכטע דראַמאַ האָט ער זי פאַרגליכען מיט דעם גרויסען דיכטער'ס טראַגעדיען. און די צייט עפענטליך צו פאַרניכטען שעקספּיער'ס גרויסקייט איז גע־קומען, ווען מען האָט געפייערט שעקספּיער'ס אַ דריי הונדערט יאָהריגען יובל; ווען קאהאַן האָט געהאַט די געלעגענהייט צו באַ־שפּרעכען אַ צייט־פראַגע: דאַן האָט דער שטילער האַס צו אַ פעהי־גען מענשען אַרויסגעפּלאַצט. אין דעם גרויסען יום טוב האָט ער שוין אַרונטערגעריסען דעם אָרימען האַמלעט אינאיינעם מיט דעם פּראָפעסער. אָבער קאהאַן איז אַ העכסט קלוגער מאַן. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז שעקספּיער'ן קען מען נישט גלאַט אַזוי אַרונ־טעררייסען. מיט אַ טאַלאַנט פון דער אידישער גאַס דאַרף מען נישט מאַכען קיין צערעמאָניעס: מען פאַרשוויינט איהם צום טויט ווען ער באַווייזט זיך נאָר, אָדער מען רייסט איהם אַרונטער אָהן רחמנות ווען ער ווערט שוין אַביסעל אַנערקענט. אָבער צו אַזאַ גאון ווי שעקספּיער, אויב מען וויל איהם אַרונטעררייסען אפילו אויף דער אידישער גאַס, מוז מען שוין האָבען אַן אַנשפּאַר. און

אַנגעשפּאַרט האָט זיך קאַהאַן מיט זיין פאַרניכטען פון שעקספּיער'ס גרויסקייט אָן טאָלסטאָי'ן. דערפאַר בעט איך דעם לעזער צו האָבען נאָך אַביסעלע געדולד ביז איך וועל מיך אומקעהרען צוריק צו קאַהאַן'ען, ווייל איך וויל זעהן וואָס איז עס געווען מיט דעם גרויסען רוסישען גאון וואָס האָט זיך באַנאַרישט אויף דער עלטער.

דאָס נישט געפעלען די ווערק פון געניאַלע שרייבער, דאָס הייסט דער פאַקט וואָס איין גאון זאָגט אויף דעם צווייטען'ס אַר־בייטען שלעכטע מיינונגען, איז שוין אַן אַלטע צרה. די צרה ווערט נאָך גרעסער און דער פאַקט נאָך אויפפאַלענדער ווען עס וואָלט גאָר קיין צווייפעל נישט געדאַרפט זיין דאָס די ארבייטען פון די גרויסע מענשען זיינען ווירקליך פון די בעסטע. פון אויווען אויף באַטראַכט איז דיזער פאַקט זעהר גינסטיג פאַר קאַהאַן'ען מיט זיין אַלגעמיינער באַהויפּטונג דאָס די ליטעראַטור איז בלינד, ווייל ער קען אָנווייזען דאָס דעם געפעלט נישט דיזע ארבייט, יענעם געפעלט נישט אַ צווייטע זאַך און אַ דריטען געפעלט נישט אַן אַנדערע זאַך. אָבער די אורזאַך פון דיזען נישט איינשטימען איז נישט די בלינד־קייט פון דער ליטעראַטור, נאָר גאָר עפּעס אַנדערש, וועלכעס מען האָט גאָר אין גאַנצען פאַרזעהן. שולדיג אין דיזען נישט איינשטי־מען איז דער פאַקט וואָס יונגע קינדער מיט פאַרשפּרעכענדיגע טאַ־לאַנטען כאַפּען זיך צו לייענען די גרויסע געניאַלע ווערק, איידער זייערע מוחות זיינען רייף גענוג יענע טיעפע ווערק צו פאַרשטעהן. אָבער פּונקט ווי מען דאַרף געבען אַן עופּה'לע וואַסערדיגע מילך איי־דער דער מאָגען איז בכח די שטאַרק נאַרהאַפטע שפּייז צו פאַרדייען, אַזוי וואָלט מען געדאַרפט האַלטען אַן אויג אויף יונגע קינדער זיי נישט צו לאָזען לייענען די ווערק פון געניאַלע שרייבער איידער זיי־ערע, די קינדער'ס, מוחות זיינען רייף, איידער זיי קענען דאָס ווירקליכע לעבען. דער פאַקט איז אָבער פּונקט פאַרקעהרט. אינג־לעך פון צוועלף ביז פופצעהן יאָהר, ספּעציעל יענע וואָס זיינען גע־בוירען געוואָרען מיט נאַטירליכע פעהיגקייטען, כאַפּען זיך דווקא יאָ צו לייענען אַזעלכע טיעפע ווערק. אָט דאָס איז די אורזאַך און דאָס ענטשיידעט אויך די איינזייטיגע מיינונג פון דעם יונגען לע־

זער, און דיזע רויהע מיינונג בלייבט כמעט אויף דעם גאַנצען לעבען.

אָבלאָזענדיג אנדערע באווייזע פאר דיזער השערה אויף אן אנדערער צייט וועל איך מיך באשעפטיגען מיט טאָלסטאָי'ס געגענערשאפט צו שעקספּיער'ן אין פארבינדונג מיט דעם געבראַכטען געדאנק. א ווינק צו דיזען געדאנק גיט טאקע טאָלסטאָי'ס געגענערשאפט אליין וואס איז אבגעדרוקט אין א ספּעציעלער אבהאנדלונג. צו פינף־און־זיבעציג יאָהר האָט זיך טאָלסטאָי געכאפט צו באווייזען דער וועלט דאָס שעקספּיער'ס שריפטען זיינען שעדליך. אין יענער אָבהאנדלונג וואו טאָלסטאָי באווייזט די געגענערשאפט זאָגט ער אויסדריקליך דאָס ער האָט זי, די געגנערשאפט צו שעקספּיער'ן, מיט זיך ארומגעטראָגען גאַנצע פופציג יאָהר. נאָך זיין אייגענעם חשבון קומט אלזא אויס דאָס ער איז אלט געווען פינף־און־צוואַנציג יאָהר ווען ער זאָל דאָס ערשטע מאָהל האָבען געלייענט שעקספּיער'ס ארבייטען. ווען מיר זאָלען אָבער אָננעמען די מעגליכקייט דאָס ביי אזא זקן איז שוין דער זכרון און דער כח קלאָהר צו דיינקען, ווי איך וועל עס באלד באווייזען, אביסעל אָבגעשוואכט, דאן שפּיעלען שוין צעהן יאָהר קיין ראָלע נישט. מיר קענען אלזא זיכער באהויפּטען דאָס ער האָט געלייענט שעקספּיער'ן ווען ער איז געווען א אינגעל פון פופצעהן יאָהר. און מעגליך איז עס דאָס דיזער פאקט האָט פארדאָרבען די ווירקונג פון די ווערק אויף טאָלסטאָי'ס מוח פאר דעם גאַנצען לעבען. עס מאכט שוין נישט אויס ווי פיעל מאָהל ער זאָל זיך האָבען אומגעקעהרט צו שעקספּיער'ס ארבייטען אין פארלויף פון זיין לעבען — די ווירקונג איז געבליבען דיזעלביגע. אויב א מאָגען ווערט פארדאָרבען דורך א געוויסע שפּייז, מעג זי אַפילו זיין די נאַרהאַפטעסטע, פיהלט מען שוין צו איהר אַן עקעל דעם גאַנצען לעבען. פאַר אזא ערשיינונג קען מען זיך נישט באוואָרענען און זי טאָר נישט זיין קיין מאָס פאַר אונפּאַרטייאישע מענשען צו מעסטען די אונצווייפעלהאַפט גוטע ארבייט פון א גרויסען מענשען.

דאָס זיינען אָבער זעהר צווייפעלהאַפטע השערות און איך וויל

זיין אָפּענהאַרציג מיט דעם לעזער און איהם בעטען נישט צו בויען אויף זיי קיין שליסע פּאַרוואָס טאָלסטאָי איז געווען אַקעגען שעקספּיר׳ן. אָבער אַ גרויסע מעגליכקייט איז יאָ דאָ צו זעהן אין דיזער השערה ביי איהם, פּונקט ווי ביי אַנדערע גאונים. איך מאַך דיזע באַמערקונג, ווייל איך וויל ווייזען זיכערע באַווייזע דאָס טאָלסטאָי איז אונגערעכט, און נישט קיין צווייפעלהאַפטע. נאַטיר־ליך וועל איך נישט דעבאַטירען מיט טאָלסטאָי׳ן דאָס מיר געפעלען יאָ שעקספּיר׳ס אַרבייטען דווקא ווייל איהם זיינען זיי נישט גע־פעלען, ווייל אַזאַ דעבאַטע מיט אַ טויטען וואָס קען נישט ענטפערען איז לעכערליך און אויך נישט עהרליך. אָבער אויף די אונצווייפעל־האַפטע טעות׳ן וועל איך יאָ אָנווייזען.

טעות נומער איינס. טאָלסטאָי באַהויפּטעט אין זיין ספּע־ציעלער אָבהאַנדלונג דאָס גאַנצע פופציג יאָהר האָט ער געפיהלט אַן עקעל צו שעקספּיר׳ס אַרבייטען און איז געווען איבערצייגט דאָס דער גרויסער ענגלישער קינסטלער איז גאָר אינגאַנצען קיין קינסטלער נישט געווען. פּאַרוואָס־זשע האָט דער מוטיגער גאון, וואָס האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגען דער וועלט אַזעלכע אמת׳ן, וועלכע זי האָט נישט איבעריג ליעב געהאַט, געשוויגען זיין גאַנץ לעבען? איז דער תירוץ דאָס טאָלסטאָי אַליין איז די גאַנצע צייט נישט געווען גאַנץ זיכער ביי זיך מיט זיין עקעל און מיט זיין אי־בערצייגונג. נאָר ערשט צו פינף־און־זיבעציג יאָהר, ווען ער האָט איבערגעלייענט אַן אַרטיקעל פון אוירנסט קראָסבי וועגען שעקס־פּיער׳ס שטעלונג צו דעם אַרבייטער קלאַס, האָט ער זיך געכאַפּט אַז מען דאַרף עפּעס זאָגען אַקעגען שעקספּיער׳ן. און געטון האָט ער עס אין איילעניש, אונפאָרזיכטיג, גאָר אינגאַנצען נישט זייענדיג פאָרבאַרייט פאַר אַזאַ וויכטיגער אַרבייט. דאָס זעהט מען קלאָהר אַרויס פון דעם אויסצוג פון אַ בריעף, געשריבען פון בערנאַרד שאָאָ צו טשערטקאָוו׳ן, טאָלסטאָי׳ס פּאַרטרעטער אין לאָנדאָן. דער אויס־צוג פון דעם בריעף מיט דעם גענאַנטען אַרטיקעל זיינען אינאיינעם אָבגעדרוקט מיט דער אָבהאַנדלונג. יענע וואָס דיינקען דאָס שאָאָ און טאָלסטאָי זיינען איינשטימיג וועגען שעקספּיער׳ס אונוויכטיג־

קייט אַלס קינסטלער וועלען נעבאַך מוזען ענטוישט ווערען. דאָס וואָס קאַהאַן האָט אַזוי געשריבען זיינע אַרטיקלען צו מאַכען דעם איינדרוק דאָס שאָאָ און טאָלסטאָי זיינען ביידע איינשטימיג אין זייער מיינונג וועגען שעקספּיער׳ס אונוויכטיגקייט אַלס קינסטלער — דאָס איז בלויז איינע פון קאַהאַן׳ס מעטאָדען פון שוואַרץ־קינצלעריי. אין דעם דערמאָהנטען בריעף צו טשערטקאָוו׳ן זאָגט שאָאָ אויסדריקליך דאָס ער איז זיכער אַז אין טאָלסטאָי׳ס קומענדי־גער אָבהאַנדלונג וועגען שעקספּיער׳ן וועט ער, שעקספּיער, הייסט עס, מוזען שטעהן אָדער פאַלען אַלס ד י י נ ק ע ר. אָבער אין שעקספּיער׳ן דעם קינסטלער האָט שאָאָ נישט געצווייפעלט, הגם ער האָט איהם אַריינגעשטעלט אין דער צווייטער רייהע צווישען די קינסטלער און נישט צווישען די ערשטע. און אַלס קינסטלער האָט שאָאָ אויך שפּעטער שעקספּיער׳ן פאַרטיידיגט. אָבער וויכטיג איז דאָ נישט שאָאָ׳ס מיינונג וועגען שעקספּיער׳ן, נאָר דער פאַקט וואָס צו שאָאָ׳ן האָט זיך טשערטקאָוו געווענדעט נאָך מ א ט ע ר י א ל אַ ק ע ג ע ן ש ע ק ס פּ י ע ר ׳ ן. אָבער דאָס ווענדען זיך צו אַ פרעמדען נאָך מאַטעריאַל איז אין זיך אַליין נישט קיין פאַרברעכען. קיינער קען אָבער נישט לייקענען דעם פאַקט דאָס ערשט אויף דער עלטער האָט זיך טאָלסטאָי גענומען קלייבען דאָס מאַטעריאַל אַקעגען שעקספּיער׳ן און אין זיין אָבגעשוואַכטען מוח האָט דער אַלטער טאָלסטאָי נויטווענדיגער־ווייזע שוין געמוזט זעהן אַן אַנדערען שעקספּיער׳ן, נישט ווי ער, שעקספּיער, איז געווען אין דער ווירקליכקייט. דאָס אַליין, אינאיינעם מיט דער השערה פון טאָלסטאָי׳ס ערשטען צו־פריהען איינדרוק פון שעקספּיער׳ס שריפּ־טען, איז שוין גענוג אורזאַך זיך נישט צו שטיצען אויף דעם אַלטען׳ס מיינונג.

טעות נומער צוויי. דאָס מאַטעריאַל אַליין איז שלעכט צונויפ־געשטעלט און ערטערווייז פּשוט פאַלש און פאַרדרעהט. דיזער פאַקט ווייזט איינע פון די צוויי זאַכען: ענטוועדער טאָלסטאָי האָט צוגעשריבען דאָס מאַטעריאַל אין זיין אבהאַנדלונג. אַזוי ווי מען האָט עס איהם צוגעשיקט, נישט נאָכדיינקענדיג וועגען דעם,

אָדער זיך נישט גענומען די מיה איבערצוצייגען זיך אין דער ריכטיגקייט פון דעם; אָדער דער אַלטער האָט צוגעשיקט קיין לאָנדאָן שטיקלעך פון זיין אָבהאַנדלונג און דאָרט האָט מען געמאַכט די גאַנצע איבעריגע ארבייט. אין ביידע פאַלען איז עס א שרעקליכער באַנארישען זיך צו שטיצען זיך אויף שלעכטע אדער פאַלשע אויסצוגען וואס היילענדיגע אדער אונפּאַרזיכטיגע מענשען האָבען געקענט צונויפשטעלען צוליעב עטליכע שילינג. באַווייזען פון שלעכטע אויסצוגען, וואס איז א סימן אז די ארבייט איז געמאַכט פון אַן אונעהרליכען אָדער אינטערעסירטען מענשען, זיינען דאָ כמעט אויף יעדען בלעטעל. אויך זיינען דאָ פיעלע פּשוט'ע פאַלשקייטען צעשפּרייט איבער דעם גאַנצען ביכעל. דאָ וועל איך ווייזען בלויז צוויי ביישפּיעלען פון שלעכטע און פאַלשע אויסצוגען. אוים מאַנגעל אין פּלאַץ איז מיר אונמעגליך איבערצוגעבען אַלעס נאָך דער רייהע, ווי אַזוי דאָס ביכעל איז צונויפגעשטעלט. אויף זייט 14 פון דער באַריהמטער אָבהאַנדלונג, נאָכדעם ווי טאָלסטאָי האָט זיך געשטיצט אויף שלעכט אַרויסגענומענע שטיקלעך פון „קעניג ליער", זאָגט ער אַזוי:

„נישט צו דערמאָהנען די פּאַראַדנע, כאַראַקטערלאָזע שפּראַך פון קעניג ליער, דיזעלביגע ווי אַלע שעקספּיער'ס קעניגע ריידען, קען דער לעזער אָדער צושויער נישט באַגרייפען, דאָס א קעניג, ווי אַלט און אידיאָטיש ער מעג זיך זיין, וואָלט געקענט גלויבען די ווערטער פון די זינדיגע טעכטער, מיט וועמען ער האָט פאַרבראַכט זיין גאַנץ לעבען, און נישט צו גלויבען זיין געליעבטער טאָכטער, נאָר צו שעלטען זי און פאַרטרייבען; און דערפאַר קען דער צושויער אָדער לעזער נישט מיטפיהלען מיט די פּערזאָנען וועלכע נעמען אַנטייל אין דיזער אוננאַטירליכער סצענע."

צו דעבאַטירען מיט א טויטען, ווי איך האָב שוין באַמערקט, איז נישט עהרליך. מען קען אָבער דאָ גרינג זעהן דאָס טאָלסטאָי, אין זיין אַלטקייט, זיך שטיצענדיג אויף שטיקלעך אויסצוגען פון „קעניג ליער" אָהן א צוזאַמענהאַנג מיט דער גאַנצקייט פון דער טראַגעדיע, האָט דאָ פּשוט פאַרביטען די יוצרות. טאָלסטאָי, אין זיין ארגומענ-

טירען, שטיצט זיך אויף דעם פאַקט, דאָס עס איז אונמעגליך אז מענשען מיט אביסעל שכל זאָלען ליגנערס יאָ גלויבען און עהרליכע מענשען נישט. האָט טאַקי ליער קאָרדעליאַ'ן, זיין אינגסטער און גוטער טאָכטער, נישט געגלויבט וואָס זי האָט איהם געזאָגט? לאָמיר נאָר אַ קוק טון אויף דער טראַגעדיע אַליין. נאָכדעם ווי קעניג ליער פרעגט ביי קאָרדעליאַ'ן, גלייך מיט די אַנדערע צוויי טעכטער, אויב זי וועט נאָר איהם אַליין ליעב האָבען און זיין צו איהם צוגעבונדען, ענטפערט זי איהם אויף אַ נאַאיווען אופן דאָס זי וועט טיילען איהר ליעבע מיט דעם מאַן, מיט וועמען זי וועט חתונה האָבען. וואָס־זשע ענטפערט דער אַלטער קעניג ליער אויף איהרע ווערטער? אָט וואָס ער ענטפערט:

„זאָל זיין אַזוי; דיין אמת, דאַן, זאָל זיין דיין נדן...״

וואָס הייסט דאָס, לעזער? הייסט דאָס אז דער אַלטער קעניג ליער האָט קאָרדעליאַ'ן נישט געוואָלט גלויבען וואָס זי האָט איהם געזאָגט? זעהט מען דען נישט אז דער אַלטער קעניג האָט איהר געגלויבט יעדעס וואָרט וואָס זי האָט איהם געזאָגט, נאָר ער איז אין כעס געוואָרען פאַרוואָס זי האָט זיך מודה געווען אַז זי וועט איהם געבען בלויז אַ העלפט פון איהר ליעבע און די אַנדערע העלפט וועט זי געבען דעם צוקונפטיגען מאַן, און דערפאַר האָט ער זי פאַרשטויסען? אָבער אַזעלכע אויסצוגען וואָס גיבען גאַנצקייט שעקספּיער'ס אַן ארבייט האָט מען אין דער אבהאַנדלונג נישט געגעבען; געגעבען האָט מען נאָר שטיקלעך אויסצוגען וואָס מאַכען שעקספּיער'ן פאַר אַן אידיאָט. אָבער אפילו די ערגסטע געגנער וועלען מוזען מודה זיין דאָס שעקספּיער איז נישט געווען קיין אידיאָט. אָבער די גאַנצע טראַגעדיע „קעניג ליער״ איז אַזוי שלעכט איבערגעגעבען.

נאָך מעהר אויפפאַלענדיג ווערט עס ווען מען לייענט אויף זייט 65 פון דער אָבהאַנדלונג אַזאַ מין זאַץ:

„אָטהעלאָ, נאָך שעקספּיער'ן נאָך, איז אַ נעגער און נישט אַ מאָר״.

פון וואַנען האָט דאָס טאָלסטאָי גענומען? הייסט נישט די

דאָזיגע טראַגעדיע פון שעקספּיער'ן „אָטהעלאָ, דער מאָר פון ווענעדיג"? און ווערט דען נישט גערעדט אין דער גאַנצער טראַגעדיע פון אַ מאָר און נישט פון קיין נעגער? איך קען גאָר נישט פארשטעהן דיזע פאַלשקייט! עס איז פּשוט נישט צו גלויבען אויף דעם עהרליכען טאָלסטאָי ער זאָל איבערגעבען זאַכען אַזוי פאַלש און איינזייטיג. נישט אַנדערש, ווי איך האָב פריהער אָנגעדייטעט, דאָס עמיצער אַנדערש האָט פאַר איהם אָנגעשריבען דיזע אָבהאַנדלונג, אָדער דער אַלטער טאָלסטאָי איז שוין פּשוט געוועזען עובר בטל און נישט געוואוסט וועגען וואָס ער האָט געשריבען. און עס מאַכט שוין נישט אויס ווי אַזוי די אָבהאַנדלונג איז צונויפגעשטעלט: די שליסע, צו וועלכע טאָלסטאָי איז געקומען, זיינען פאַלשע, ווייל זיי זיינען נישט געבויעט געוואָרען אויף אַ געזונטען פונדאַמענט. אַזאַ געזעץ איז עס אין דער לאָגיק: ווען די פּרעמיסען זיינען שוואַכע אָדער פאַלשע זיינען די שליסע פון זיך אַליין פאַלש און האָבען נישט קיין שום ווערטה.

טעות נומער דריי. טאָלסטאָי'ס גאַנצע אויפפאַסונג פון „קעניג ליער" (ווייל צו דיזער טראַגעדיע האָט ער אָבגעגעבען דעם גרעסטען טייל פון דער אָבהאַנדלונג) איז אַ קינדערישע. צי דאָס איז געקומען פון איין אורזאַך אָדער פון א צווייטער איז שווער צו באַשטימען; אָבער עס איז וויכטיג צו באַשטימען די שטוינענדיגע שלעכטע אויפפאַסונג וואָס איז פּשוט געקומען פון אַלטקייט. טאָלסטאָי, ווענענדיג אויפווייזען דאָס שעקספּיער האָט איבערגעמאַכט „קעניג ליער" פון אַן עלטערער דראַמאַ וואָס טראָגט אַן עהנליכען נאָמען, זאָגט אויף זייט 63 אַזוי:

„די אַלטע דראַמאַ האָט אויך אַ מעהר נאַטירליכען סוף און איז מעהר אין איינקלאַנג מיט די מאָראַלישע פארלאַנגען פון דעם צושויער איידער שעקספּיער'ס, נעמליך, וואָס דער קעניג פון די גאַולס באַזיגט די מענער פון די עלטערע שוועסטער, און קאָרדעליא, אָנשטאָט צו ווערען דער'הרג'עט, קעהרט אום ליער'ן צו זיין פריהערדיגער לאַגע."

אין זיין אַלטקייט האָט טאָלסטאָי מעהר נישט געקענט באַגריי-

פון דעם פאקט, דאס א דראמא אדער ראמאן וואס קומט דווקא נאך די מאראלישע פארלאנגען פון דעם פובליקום און ענדיגט זיך מיט א גוטען און געווינשטען סוף, טראגט שוין אין זיך אליין דעם בעסטען סימן פון שוואכקייט. דאס אמת'דיגע לעבען איז נישט אזוי ווי טאלסטאי האט געוואונשען עס זאל זיין און נישט ווי אזוי דאס פובליקום פארלאנגט עס זאל זיין. און שעקספיער, ווען ער האט אפילו איבערגעמאכט אלטע ארבייטען, האט געגעבען דראמאס פון דעם לעבען ו ו י ע ס א י ז און נישט ווי עמיצער קען זיך ווינשען עס זאל זיין.

איז אבער דאס לעבען אנדערש ווי שעקספיער האט עס גע־געבען? אין דער אויפפאסונג אויף שעקספיער'ס טראגעדיע „קעניג ליער", אינאיינעם מיט אנדערע טעות'ן רעדט טאלסטאי פון דער גוטער אלטער דראמא, אהן שטורמס און ער לאכט זיך אויס פון דעם אופן ווי אזוי שעקספיער האט געענדיגט די דראמא. דער אלטער טאלסטאי האט נעבאך נישט געקענט וויסען דאס די נאטור אליין וועט באווייזען ווי גערעכט שעקספיער איז גע־ווען מיט זיין שילדערען דאס גרויזאמע לעבען אהן ווינשע און אהן זייטיגע קונצען. בלויז א קורצע צייט נאכדעם ווי טאל־סטאי האט זיך באנארעשט מיט זיין ביכעל איז ער אליין אנט־לאפען פון דער היים, וואו א שטורם האט איהם פארכאפט, און ער איז טאקי געשטארבען אונטערוועגס ערגיץ, אויף אן עהנליכען אופן ווי דער אלטער קעניג ליער.

טעות נומער פיער. אין דער אבהאנדלונג גיט טאלסטאי אב זעהר פיעל ארט וועגען כאראקטערע און ווייזט אויף ווי שלעכט שעקספיער האט זיי געשילדערט. אין מיין פארלעזונג איבער קונסט וואס איז אבגעדרוקט אין די „בריעף פון אן אונטערדריקטען שרייבער" בין איך געווען דער ע ר ש ט ע ר אנצואווייזען אויף דעם גרויסען טעות פון דער גאנצער וועלט וואס זי ווייזט אן דאס די הויפט וויכטיגקייט אין א קונסט־ווערק איז דער כאראקטער. איך האב מיט פאקטען באוויזען דאס דער כאראקטער אין א קונסט־ווערק שפיעלט בלויז א סעקונדערע ראלע. אויף דער אי־

דישער גאַס איז מען אָבער נישט געוואוינט זיך צוצוקוקען צו אָריגינעלע געדאַנקען. און אָט דיזען טעות באַווייזט טאָלסטאָי דורך דעם וואָס ער ווייזט אָן וואָס די וועלט דיינקט וועגען אַ כאַראַקטער און כאַראַקטערע אין אַלגעמיין, און דאַן באַווייזט ער דאָס נאָך איהר אייגענער מיינונג דאַרף שעקספּיער נישט באַטראַכט ווערען פאַר קיין קינסטלער. ווען טאָלסטאָי זאָל זיך אָבער געווען בעסער צוקוקען צו קונסט־ווערק און זיך אַליין נישט געווען איינגעלעבט אין דיזען וועלט־טעות, וואָלט ער געזעהן וואָס פאַר אַ פּלאָנטער די כאַראַקטער אַנשויאונג מאַכט אָן אין דעם אינטעליגענטען מענשען׳ס מוח. טאָלסטאָי איז שוין אָבער געווען צו אַלט זיך אַריינצוטראַכטען אין זיין אייגענעם טעות און אין דער וועלט׳ס טעות וועגען כאַראַקטערע. דערפאַר האָט ער זיך אַליין פאַרפּלאָנטערט אין לאַנגע שווינדעלדיגע זאַצען וועגען כאַראַקטער און כאַראַקטערע. דאָ איז אָבער נישט דער אָרט זיך אַרויסצופּלאָנטערען פון טאָלסטאָי׳ס טעות׳ן, ווייל דיזער פאַקט באַווייזט גאָרנישט שעקספּיער׳ס שוואַכקייט.

טעות נומער פינף. דער שלום פון דער אָבהאַנדלונג איז אָבער דער וויכטיגסטער, ווייל ער ווייזט אָן דאָס צוליעב איהם האָט ער זיך געמוטשעט אָנצושרייבען אַ זאַך, פאַר וועלכער ער האָט שוין מעהר קיין כח נישט געהאַט. דיזער שלום באַווייזט, דאָס אויסער רעליגיעז־פילאָזאָפיש געשטימט צו זיין, איז ער געווען פאַנאַטיש שטאַרק אונטער דעם איינפלוס פון פאַרגרעבטער רעליגיאָן. און דאָס איז שוין שולדיג טאָלסטאָי׳ס לעבען צווישען פאַרגרעבטע פויערען. דאָרט, אין יענער אָבהאַנדלונג, האָט טאָלסטאָי דוקא געוואָלט באַווייזען דאָס דער אורשפּרינגליכער צוועק פון דער דראַמא איז געווען צו פאַרשפּרייטען רעליגיאָן. און אָט דערפאַר איז ער געווען שטאַרק ברוגז אויף שעקספּיער׳ן, אויף געטהע׳ן, אויף שילער׳ן און אויף אַנדערע דראַמאַטורגען. און אויך פון דיזען פאַקט זעהט מען דעם גרויסען טעות פון דעם אַלטען. די אורשפּרינגליכע דראַמא איז געווען אַ **פ ר י י ע** **און נישט קיין רעליגיעזע. איך וויל מיך נישט באַווייזען פאַר**

קיין גרויסען קענער צו ברייגנען דאָ אַ סך נעמען, ווייל דער וואָס קען די אַלטע גריכישע און רוימישע וואונדערליכע דראַמא ווייסט ווי גערעכט דיזע באַהויפּטונג איז. אָבער ערשט שפּעטער, ווען דאָס קריסטענטום האָט געקראָגען די וועלט־מאַכט אין איהר האַנד, האָבען די גלחים פאַרשפּרייט דיזע פינסטערע מאַכט אויף אַלע געביעטען פון דעם לעבען. פילאָזאָפיע, קונסט און דראַמא איז נאָר אויף אַזוי פיעל געדולדעט געוואָרען אויף ווי פיעל זיי האָבען געדיענט די אינטערעסען פון דער קאַטוילישער קירכע. און אַזוי האָט די פינסטערע מאַכט געהערשט גאַנצע פופצעהן הונדערט יאָהר. ערשט ווען די רעפאָרמאַציע האָט זיך אָנגעהויבען און די וועלט האָט זיך ביסלעכווייז באַפרייט פון דער קאַטוילישער פינסטערער מאַכט, האָט פילאָזאָפיע, קונסט און דראַמא ווידער אָנגעהויבען צו בליהען. אָט דיזע צייט איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „רענעסאַנס", אָדער די אויפלעבונגס־צייט. און דאָס וואָס יעדער אינטעליגענטער מענש באַטראַכט פאַר דער בעסטער ערשיינונג אין דער וועלט, דאָס האָט טאָלסטאָי אין זיין אָבגעשוואַכטען אינטעלעקטועלען צושטאַנד באַטראַכט פאַר אַן אומגליק.

און אַ חוץ דיזע אַלע טעות'ן זעהט מען אין יעדער שורה פון דער אָבהאַנדלונג קינדערישע פאַרגלייכונגען. אָט האָט ער גאָר פאַרגלייכט שעקספּיער'ס פּאָפּולאַריטעט מיט דער דרייפוס־געשיכטע, למשל, מיט קאַרל מאַרקס און מיט אַנדערע ערשיינונגען וואָס פּאַסען זיך גאָר אינגאַנצען נישט. און דער שלום איז דיזער: טאָלסטאָי איז טאַקע געווען אַ גרויסער גאון, אַ טייערער שריפטשטעלער אין זיינע מיטעלע, קרעפטיגע יאָהרען, אָבער דאָס דאַרף אונז נישט אָבהאַלטען צו זאָגען דעם אמת ווען ער האָט זיך באַנאַרעשט אויף דער עלטער.

איצטער קענען מיר זיך אומקעהרען צוריק צו קאַהאַן'ען. איז עס נישט אַ מערקווירדיגע ערשיינונג וואָס קאַהאַן, זיך שטיצענדיג אויף דיזען שלעכטען און נאַרישען ביכעל, האָט געפונען אַ פּאַסענדיגע געלעגענהייט פּונקט צום יובל מיט איין קלאַפּ

שעקספיער׳ן ארונטערצורייסען? און דאך, וואלט קאהאן נאכ־געגאנגען טאלסטאי׳ן, וואלט מען אפשר זיין נארעריי נישט ארויסגעזעהן: קאהאן האט אבער אין זיין שרעקליכער לײדענ־שאפט צו שווארץ־קינצלעריי געוואלט ווייזען וואס ער קען. טאל־סטאי, זייענדיג אליין אין טעות וועגען שעקספיער׳ן, האט פון אנהויב אן געוויזען אז ער האט אן אנדערע מיינונג ווי די איבע־ריגע וועלט, האט דאן באוויזען מיט די טעות׳דיגע פאקטען דאס זיין מיינונג איז ריכטיג און עס האבען שוין געמוזט ארויסקומען דורך דעם פאלשע שליסע. אבער די אבהאנדלונג מאכט א לאָ־גישען איינדרוק און מען קען אפילו באוואונדערען טאלסטאי׳ס פעהיגקייט צו ארגומענטירען, הגם דיזע פעהיגקייט איז שוין געווען אבגעשוואכט אויף די עלטערע יאהרען. אויך זעהט מען פון יעדער שורה פון דער אבהאנדלונג דאס דער אלטער איז געווען עהרליך מיט זיין מיינונג. גאנץ אנדערש איז עס אבער מיט קאהאן׳ען. קאהאן איז צו קלוג פאר לאגיק. ער ווייסט גאנץ גוט דאס די אידישע גאס זוכט נישט קיין לאגיק, נויטיגט זיך נישט אין איהר און דאס מען קען איהר „נעמען“ מיט א קונץ־שטיק. און דערפאר האט ער אנגעהויבען זיין ארטיקעל אין „פארווערטס“ פון דעם 18טען יוני, 1916, וואס טראגט דעם נאמען „דער שעקספיער אבערגלויבען“, אט אזוי:

„שעקספיער איז געווים געוועז א גרויסער מענש“, און אזוי ווייטער...

דא קען מען זעהן ווי קאהאן האט זיך אוועקגעשטעלט ווי אן אמת׳דיגער שווארץ־קינצלער אויף דער ליטעראַרישער ביהנע מיט א שמייכעל אויף די ליפען. אט האט ער פאר דעם לעזער אוועקגעשטעלט שעקספיער׳ן אין זיין גאנצער גרויסקייט און אט איז ער דא פאר דעם לעזער׳ס אויגען אלס מענשען קענער. נאר פלוצים האט דער קלוגער שווארץ־קינצלער אנגעהויבען צו מאכען עפעס משונה׳דיגע הויות מיט די הענט און מיט די אויגען, און ביז מיר קומען צו צום סוף פון דעם ארטיקעל באגעגענען מיר דאס שעקספיער׳ס „מענשען־קענעריי ווערט אויסקומען רויה,

אויבערפלעכליך און אָפּט — קינדעריש", און דאַן קומט דער לעצטער קלאַפּ אַז שעקספּיער'ס דראַמען „זיינען זעהר לאַנג־ווייליג; זיי קלינגען פאַלש, געקינצעלט; די פּערזאָנען מוזען דעקלאַמירען, רעדען און אומגעהן ווי אויף פּרוזשינעס". שוין! שעקספּיער איז שוין מעהר נישטאָ פאַר דעם לעזער'ס אויגען, אוים גרויסער מענש! אָבער סטייטש! ווי אַזוי קען אַ גרוי־סער מאַן שרייבען נאַרישען שונד און זיין רויה און קינדעריש, וועלכעס איז בלויז דער שטעמפּעל פון קליינע מענשעלעך? אויף דעם איז קאַהאַן אַ העכסט קלוגער מאַן; ער האָט זיך באַצייטענס באַזאָרגט מיט אַ צויבער־שטעקעלע, פּונקט ווי דער ריכטיגער ביהנע שוואַרץ־קינצלער. דאָס צויבער־שטעקעלע, ווי מיר ווייסען, טראָגט דעם באַהאַלטענעם נאָמען: „ענטוויקלונג". און דאַן הייסט עס אַז אין זיין צייט איז טאַקי שעקס־פּיער געווען אַ גרויסער מענש, אָבער היינטיגען טאָג מעג ער שוין פּוצען די שטיוועל ביי קאַהאַן'ען, ביי יאַנאָווסקי'ן און ביי זייער גלייכען. און דער האַלב־געבאַקענער אינטעליגענט פון דער אידישער גאַס ווערט פון דיזען באַהאַלטענעם צויבער־וואָרט אַ פּאַרציטערטער: „גערעכט! ווי איך בין אַ איד!"

דערפאַר, איידער איך וועל שעקספּיער'ן צוריק אוועקשטע־לען אויף זיין אָרט אַלס גרויסען מאַן, מוז איך מיך פאַר אַ ווײלע אָבשטעלען ביי דעם געדאַנק פון ענטוויקלונג. קיינער קען נישט לייקענען דאָס ענטוויקלונג שפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין דער וועלט. אַלעס אין דער וועלט מאַכט פאָרטשריט און יעדע זאַך, פון דעם קלענסטען זעמדעלע ביז צום גרעסטען פיקסשטערען, פון דעם קלענסטען אָרגאַניזם ביז צום וואונדערליך דענקענדיגען מענש, געהט דורך דעם פּראָצעס פון ענטוויקלונג. עס זיינען אָבער פאַראַן געהיימניספאָלע זאַכען אויף דער וועלט וואָס זיינען נישט אונטערוואָרפען אונטער דעם פּראָצעס פון ענטוויק־לונג. אַלע אויסערליכע פאָרמען פון דעם לעבען, למשל, זיינען טאַקי אונטערוואָרפען אונטער דעם פּראָצעס פון ענטוויקלונג, אָבער דאָס לעבען אַליין בלייבט אונבאַ־

ריהרט פון יענעם פאָרטשריט: עס בלייבט אייביג און אייביג דאָסזעלבע. און אזוי זיינען דאָ פיעלע ערשיינונגען אין דער וועלט וואָס זיינען נישט אונטערוואָרפען אונטער דעם פּראָצעס פון ענטוויקלונג. די צופעלליגע העכערע אינטעלעקטועלע קראפט ביי אַ מענש איז איינע פון די זאַכען, וואָס איז נישט אונטערוואָרפען אונטער דעם פּראָצעס פון ענטוויקלונג, גלייך מיט לעבען אָדער מיט אַן אַנדערער קראפט. זי איז מחוץ פון רוים און צייט. דאָס הייסט, אונטער אַ געוויסער פאָרם פון דעם ענטוויקעלטען מענשליכען אויסערליכען לעבען אין אַלגעמיין ווערען צופעליג געבוירען איינציגע מענשען, וואָס שטעהען העכער פון אַלע איבעריגע מענשען פון אַלע צייטען וואָס ענטוויקלען זיך אויף אַ גלייכער שטופע. דיזע צופעליגע העכערע אינטעלעקטועלע פעהיגקייט איז עס וואָס מען רופט אָן גאונות. מיט דער בעסטער בילדונג און אין דער בעסט־ענטוויקעלטער געזעלשאַפט קען מען אזא גאונות נישט באַשאַפען. דערפאַר טרעפען מיר אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער צופעליג געבוירענע אינטעלעקטועלע ריעזען, וועלכע שטעהען פאַר אונז אַלס אייביגער וואונדער. איינער פון דיזע העכערע אינטעלעקטועלע קרעפטען איז געוועזן שעקספּיער, וועלכער האָט איבערגעלאָזט סימנים אַלס אַ ריעזיגען וואונדער פאַר אַלע צייטען, גלייך מיט האָמער, ווירדזשיל, דאַנטע, סערוואַנטעס, געטהע און אַנדערע. און אָט דיזען ריעז האָט קאַהאַן געוואָלט אומוואַרפען מיט אַ שוואַרץ־קינצלערישען שטעקעלע און פאַרדעקט מיט דעם געדאַנק פון ענטוויקלונג.

און חוץ די שוואַרץ־קינצלערישע פעהיגקייט צו פאַרבלענדען דעם עולם די אויגען, ווי שוין באַמערקט, פיהלט קאַהאַן אַ ספּעציעלען האַס צו יעדען טאַלאַנט, איבערהויפּט נאָך ווען יענער טאַלאַנט איז אַ גרויסער מענש. פון דעם ערשטען אַרטיקעל אין יוני, וואו קאַהאַן האָט פאַרבלענדעט די אויגען מיט שעקספּיער׳ס „גרויסקייט“ און „קליינקייט“, ביז דעם 17טען סעפּטעמבער, איז געשעהן אזוינס וואָס האָט קאַהאַן׳ען געצוואונגען

אינגאַנצען פון זיך ארונטערצואווארפען די מאַסקע. דריי חדשים איז אַ גרויסער מהלך ביי קאַהאַן'ען און פיעלע שטראַמען לויפען זיך זייער וועג אין ים אריין. אין פאַרלויף פון דריי חדשים האַט מען געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגען דעם גרויסען דיכטער און אַלגין און ראַגאַף האָבען געפּרואווט פּאַרטיידיגען שעקספּיער'ן אין „פאָרווערטס" גופא. דאָ האָט שוין קאַהאַן'ס געדולד געפּלאַצט. ווי קען דען זיין אויף דער וועלט אַ גרעסערער שריפטשטעלער ווי קאַהאַן? אין סעפּטעמבער איז שוין פון דעם גרויסען מאַן גאָרנישט צו זעהן, נאָר מיר זעהען שוין פאַר זיך אַ שעקספּיער, וועמעס ווערק זיינען אָהן ווערטה, לעכערליך און ענטהאַלטען אַן עקעלהאַפטען שונד און אונזין. מען וואָלט גענדאַרפט איבערדרוקען דעם גאַנצען אַרטיקעל פון יענעם טאָג צו ווייזען קאַהאַן'ס תורה. מיין פּלאַץ איז אָבער צו טייער דאָס צו טון. אָבער אַ שטיקעל פון זיין תורה מוז מען ווייזען דעם לעזער.

„אַלס דעם מערקווירדיגסטען שעקספּיער טיפּ", — זאָגט קאַהאַן — „שטעלט מען ארויס האַמלעטען. מען ציינט אויף איהם אָן אַלס אַ וואונדערבאַרען פּסיכאָלאָגישען בילד פון אַ מענשען, וועלכער האָט שטאַרקע געדאַנקען און בעגעהרען, אָבער אַ זעהר שוואַכען ווילען. אַ מענש וואָס טרוימט אַ סך וועגען טהאָן און האָט ניט קיין ענערגיע צו טהאָן; קיין קראַפט צו פאַרווירקליכען זיינע פּלענער און פערלאַנגען. טאָלסטאָי מאַכט חוזק פון דעם. (זעהט, לעזער, ווי ער שפּאַרט זיך אָן אָן טאָלסטאָי'ן). ער זעהט ניט קיין שום טיפּ אין האַמלעט; טאָלסטאָי שטעלט זיך לאַנג ניט אָב אויף דעם. ווען מען בעטראַכט אָבער די זאַך, זעהט מען אָבער דאָס פאָלגענדע:

„האַמלעט וויל טוידטען דעם מערדער פון זיין פאָטער. ער טהוט דאָס אָבער אַליץ ניט. ער לעגט דאָס אַליץ אָב. אָט דאָס און אייניגע ווערטער וואָס ער זאָגט, האָט מען אויסגעקנעלט אַלס אַ בילד פון אַ מענשען מיט אַ שוואַכען ווילען, פון אַ מענשען וואָס האָט קיין מאָל ניט קיין ענערגיע אויסצופיהרען זיין

וואונש. אין אמת׳ען אָבער טהוט האמלעט אויף זאכען זעהר „ענערגיש“ און שנעל. פּאָלאָניוס׳ען, צום ביישפּיעל, דערשטעכט ער איינס, צוויי דריי; ווען מען פיהרט איהם אויפ׳ן ים און ער איז אין געפאהר פונ׳ם קעניג׳ס שילוחים, דרעהט ער זיך אוים מיט דער גרעסטער ענערגיע, אויף וועלכער א העלד פון א שונד־ראָמאַן איז ווען עס איז געווען פעהיג.

„דער אמת איז א גאַנץ איינפאכער: די שונד־פּיעסע דאַרף האָבען 5 אַקטען; און האמלעט דערוויסט זיך, אז זיין אָנקעל האָט ערמאָרדעט זיין פאָטער, אום צו הייראַטען זיין מוטער, אין דעם ערשטען אַקט. ווען ער זאָל ערפילען זיין נקמה דורשט אויפ׳ן שטעל „ענערגיש“, וואָלט דאָך גלייך געווען א סוף פון דער פּיעסע. הייסט וואו וואָלט מען נעהמען נאָך פיער אַקטען? אַלזאָ, האָט שעקספּיער געהייסען האמלעט׳ען ציהען דעם עסק אויף נאָך פיער אַקטען און האמלעט נעבעך איז א געהאַרכזאמער פּרינץ און פאָלגט „ענערגיש“.

פּאָלאָניוס׳ען אָבער דאַרף מען ניט האָבען ביז צום סוף פיעסע; אַלזאָ האָט שעקספּיער געקענט „אפּאַרדען“ צו מאכען, אז זיין האמלעט זאָל איהם ערמאָרדען ווי א מענש מיט א שטאַר־קען ווילען — נאָך מיט א צו שטאַרקען, ווייל די גאַנצע גע־שיכטע מיט פּאָלאָניוס׳עס טוידט איז איינפאך א לעכערליכער קוואַטש“.

אָט דאָס איז קאהאַן׳ס מעטאָדע צו באהאנדלען א גרויסען מאַן, וועמעס יובל די אינטעליגענטע וועלט האָט געפייערט און האָט אויך איהם, קאהאַן׳ען אַליין, אָנגעטון דעם כבוד אריינ־צונעמען אין דער מיט צו העלפען פייערען דיזען 300 יאָהריגען יום־טוב. איך וועל באַלד פּרואווען איבערצוגעבען דעם אינ־האַלט פון דער האמלעט־טראַגעדיע כדי דער אינטעליגענטער לעזער זאָל זעהן אויב דאָס איז „קוואַטש“. דאָ וויל איך מיך אָבער צואיילען און ווייזען ווי קאהאַן, אזוי שנעל ווי ער האָט ארונטערגעוואָרפען פון זיך די שמייכעלדיגע מאסקע פון שוואַרץ־קינצלעריי, האָט ער זיך באַלד ארויסגעוויזען אַלס איינפאכער

ליטעראַרישער רשע מיט זיין איבערגעבען „האַמלעט" אין אַ פּאָר פאַלשע ווערטער. איבערגעבענדיג דאָס האַמלעט דער־שטעכט פּאָלאָניוס'ען אָהן אַן אורזאַך, מאַכט עס דעם איינדרוק אַז שעקספּיער איז געווען אַזאַ גרויסער דומקאָפּ, דאָס אַפילו אַ נאַרישע פּיעסע האָט ער נישט געקענט אָנשרייבען. דער אמת איז, אַז האַמלעט האָט קיינמאָהל נישט אין זיין געהאַט צו טויטען „ענערגיש" פּאָלאָניוס'ען, און פּאָלאָניוס'ען איז קיינמאָהל נישט איינגעפאַלען דאָס ער קען אַליין פאַלען אַ קרבן פון זיין אייגע־נער חניפה'דיגער נאַטור. האַמלעט טראַכט פון נקמה אָן דעם נייעם קעניג, ווייל דיזער זאָל האָבען ערמאָרדעט דעם אַלטען קעניג און חתונה געהאַט מיט דעם טויטען'ס פרוי. דער פּרינץ קען זיך אָבער נישט ענטשליסען צו דער נקמה ווייל ער דיינקט צופיעל. פונדעסטוועגען, ווי יעדער לעבעדיגער מענש, איז ער זעהר וואַכזאַם, ווייל ער איז זיכער דאָס דערזעלבער מערדער מאַכט אַלערליי פּלענער אויף איהם, האַמלעט'ען אַליין, אָבצור־ראַמען פון וועג. פּאָלאָניוס אָבער ווייסט נישט פון האַמלעט'ס נקמה געדאַנקען, פּונקט ווי ער ווייסט נישט פון דעם קעניג'ס פּלענער. פּאָלאָניוס מיינט, אַז האַמלעט האָט פאַרלוירען דעם פאַרשטאַנד ווייל אָפעליאַ האָט איהם פון זיך פאַרשטויסען. אויך האָט פּאָלאָניוס געמיינט אַז ער איז די אורזאַך פון דעם, ווייל ער האָט אַליין באַפוילען דעם מיידעל אָבצוברעכען די צו נאָהענטע באַציהונגען צום פּרינץ, ווייל פאַר אַ פּרינץ זוכט מען נאָר פּרינצעסינס און פּאָליטישע פאַרבינדונגען; און אַ פּראָסטען בירגער'ס אַ טאָכטער דאַרף נישט האָפען צו פיעל. אַלס דעם קעניג'ס געטרייער אונטערלעקער פיהרט ער אויס מען זאָל צו־נויפפיהרען די קעניגין מיט דעם פּרינץ פאַר אַ געשפּרעך און אין זיין חניפה'דיגער נאַטור, באַהאַלט ער זיך הינטער אַ פאָר־האַנג כדי אויסצוהערען דעם גאַנצען געשפּרעך און דאַן אַלעס איבערגעבען צום קעניג. ווען דער געשפּרעך קומט פאַר דער־שרעקט זיך האַמלעט'ס מוטער פאַר דעם זוהן'ס צו היציגע ווער־טער און זי שרייט אין שרעק צו איהם ער זאָל זיך באַרוהיגען.

דער אַלטער, מיינענדיג אַז האַמלעט אין זיין משוגעת וויל טון עפּעס שלעכטס דער קעניגין, רופט אויס נאָך הילף. דאָ איז האַמלעט גלייך געוואָהר געוואָרען אַז ער איז שפּיאָנירט. וויסענ־דיג גאַנץ גוט מיט וואָס דאָס שמעקט ווען דער קעניג וועט זיך דערוויסען פון די געדאַנקען וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט צו זיין מוטער, האָט ער דעם פון הינטער דער פאָרהאַנג דערשטאָכען אַלס „ראַט“, אַלס פּשוט׳ען שפּיאָן, אַלס די נידעריגסטע בריאה אין דער וועלט, אפילו נישט ווייסענדיג אויב דאָרטען איז געווען באַהאַלטען דער אַלטער. נאַטירליך האָט שוין נישט געהאָלפען האַמלעט׳ס איבערראַשונג ווען ער איז געוואָהר געוואָרען אַז דאָרט איז געווען באַהאַלטען פּאָלאָניוס. וואו איז אַלזאָ די איבעריגע „ענערגיע“ אין דיזער סצענע? איז עס נישט געווען אַ נאַטיר־ליכע ערשיינונג אין די פריהערדיגע צייטען צו טויטען אַ שפּיאָן באַלד אויפ׳ן אָרט ווען מען האָט זיך דערוואוסט פון דעם? וואָס פאַר אַ שונד עפעקטען האָט דען שעקספּיער געזוכט צו מאַכען מיט פּאָלאָניוס׳עס טויט, מיט זיין יאָ זיין אָדער נישט זיין אויף דער ביהנע? זעהט מען דען נישט שעקספּיער׳ס עהרליכע כונה צו ווייזען דעם חלום פון דער וועלט דאָס אַ מענש קען פאַלען אַ קרבן פון זיין אייגענער נאַרישקייט, זיך נישט ריכטענדיג אויף דעם? אָבער דאָס טרויעריגסטע ביי דיזען פאַלשען איבערגעבען איז וואָס קאַהאַן קען שרייבען וואָס ער וויל און ווי אַזוי ער וויל, און קיינער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו צעגלידערען דיזע ליטעראַרישע פאַלשקייט. עס וואָלט געווען אַ פלעק אויף דער אידישער גאַס ווען עמיצער זאָל דאָס נישט טון.

איצט, איידער איך טרעט צו צו „האַמלעט“, וועל איך זאָגען אַ וואָרט וועגען שעקספּיער׳ן אין אַלגעמיין. שעקספּיער איז דערפאַר גרויס געוואָרען, ווערט געהאַלטען גרויס און וועט בליי־בען אַלע מאָהל גרויס, נישט ווייל דאָס איז אַן אַבערגלויבען, נאָר ווייל, אַלס איינער פון די וועלט גאונים, האָט ער אונז קלאָהר געוויזען דעם גרויסען חלום פון לעבען. ער האָט אונז, דורך זיינע ווערק, געלאָזט אַ בליק טון אין דער אייביגער אונ־

ענדליכקייט. יעדעס אונבאַדייטענדע ליעדעל פון סיי וואָס פאַר אַ שרייבער, יעדע סקיצע, ראָמאַן און יעדעס קונסט־ווערק לאָזען אונז אַריינבליקען אין דער אייביגקייט, ווייל די שרייבער, די קינסטלער זיינען אַליין אַ טייל פון דעם אייביגען חלום פון לעבען. אָבער דער חילוק פון אַ שלעכטען שרייבער אָדער קינסטלער ביז צו אַ גוטען איז די אינטעלעקטועלע פעהיגקייט און דעם מאָראַלישען אונטערגרונד וואָס זעהט זיך אַרוים פון דער פאַרטיגער אַרבייט. אויף פּראָסט אידיש לשון הייסט עס, ווי שוין באַמערקט, אַז אין יעדען'ס אַרבייט דערקענט מען תיכף דעם שוואַכען אָדער שטאַרקען פאַרשטאַנד, דעם גוטען אָדער דעם שלעכטען מאָטיוו דערביי. און שעקספּיער איז איינער פון די אינטעלעקטועלע ריעזען, אין וועמען עס איז געווען אי אַ שאַרפער פאַרשטאַנד, אי אַן איידעלער מאָטיוו צו ווייזען דעם גרויסען חלום פון לעבען אין זיין גאַנצער פּראַכט. אפילו די ערשטע אַרבייטען, הגם זיי זיינען עפּעס שוואַכער פון די שפּעטערע, ווייזען דעם חלום פון לעבען אין זיין גאַנצער קלאָהרקייט. פון די שפּעטערע איז אָבגערעדט. יעדעס ווערק וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון פּלוטאַרך'ס לעבענס באַשרייבונגען לאָזט אונז זעהן אַ שטיק געשיכטע פון דער וועלט אין אַ קלאָהר ליכט. דאָסזעלבע איז מיט די דראַמאַס פון די ענגלישע קעניגע. דאָס־זעלבע איז מיט יעדען ווערק וואָס ער האָט איבערגעדיכטעט, ווייל יעדע זאַך לאָזט אונז קלאָהר זעהן אַן עפּיזאָד פון פאַרגאַנגענע צייטען, וואו מיר קענען זעהן די מענשליכע ליידענשאַפטען, דאָס מענשליכע שטרעבען, טרייבען, האַנדלען און וואַנדלען.

האָט שעקספּיער געזוכט צו מאָהלען כאַראַקטערע? ווען דיזער טעות וועט אַמאָהל אַרוים פון די מענשליכע מוחות, דאַן וועט מען ערשט נאָך מעהר דערקענען שעקספּיער'ס גרויסקייט! און ווי אַזוי קען מען דערקענען דאָס ביי שעקספּיער'ן זיינען די כאַראַקטערע געווען עפּעס סעקונדערעס, דאָס הייסט פון צוויי־טער וויכטיגקייט, און די הויפּט זאַך איז ביי איהם געווען דער גרויסער חלום פון לעבען? דאָס קען מען נישט נאָר זעהן פון

דעם אופן ווי אזוי ער האָט געשאַפען זיינע ארבייטען, נאָר אויך פון געוויסע אָנדייטונגען וואָס ער האָט געוויזען זיינע לעזער אָדער צושויער. די אָנדייטונגען זיינען געוויסע פּראָלאָגען צו מאַנכע פון זיינע דראַמאַס. אונגליקליכער ווייזע האָט האַמלעט נישט אַזאַ פּראָלאָג מען זאָל דורך דעם קענען זעהן דעם מאָטיוו פון שעקספּיער׳ס ארבייט. נאָר דאָס וואָס ער האָט געוויזען ביי איינינע ארבייטען בלויז קען געזאָגט ווערען אויף אַלע. אַזאַ שטיקעלע פּראָלאָג וועל איך דאָ פּרואווען איבערצוגעבען פאַר דעם לעזער נאָך מיינע כחות, כדי ער זאָל זעהן אויב שעקספּיער האָט גאָר גע׳חלום׳ט צו מאָהלען כאַראַקטערע. דאָס שטיקעלע פּראָלאָג איז פון „קינג הענרי די פיפטה“. דער פּראָלאָג ווייזט וואָס אין דער פאַרשטעלונג וועט פאָרקומען און מען קען קלאָהר זעהן וואָס שעקספּיער האָט דערביי געמיינט.

זאָגט אָדער זינגט דער כאָר אָט אזוי:

„אָה, וואו נעמט מען אַ פייערדיגע מוזע וואָס וואָלט
ארויפגעפלויגען
צום העלסטען הימעל פון ערפינדונג,
אַ קעניגרייך פאַר אַ ביהנע, פּרינצען צו שפּיעלען
און מאָנאַרכען אָנצופילען די גרויסע סצענע!
דאַן זאָל דער קריגערישער הערי, ווי ער איז עס טאַקי געווען,
אָננעמען מאַרס׳עס שטעלונג; און ביי זיינע טריט,
אָנגעבונדען ווי הינט, זאָלען הונגער, שווערד און פייער
נאָכפּויזען צו זיין באַשעפטיגט. אָבער, פריינדע: ענטשולדיגט
די אָרימע בשר ודם׳ס פאַרוואָס זיי האָבען געוואַגט
ארויפצוברייגנען אויף דיזען אונווירדיגען געשטעל
אַזאַ גרויסע זאַך: קען דיזעס העהנער שטעלעכעל האַלטען
די גרויסע פעלדער פון פראַנקרייך? אָדער זאָלען מיר אָנשטאָפּען
אין דיזען הילצערנעם גאַרנישט די געוואַלדיגע כלי זין
וואָס האָבען אויפגעציטערט די לופט ביי אַגינקאָרט?
אָה, ענטשולדיגט! ווען אַ קליינינקע פיגור קען בלויז
זיין אַן עדות אין אַ קליינעם אָרט פאַר אַ מיליאָן;

און לאָזט אונז, ציפערען צו דיזען גרויסען חשבון,
ווירקען אויף אייערע איינבילדענדיגע קרעפטען.
שטעלט אייך פאָר דאָס אין דער אָבצאַמונג פון דיזע ווענט
זיינען אַצינדערט צונויפגעשטעלט צוויי מעכטיגע קעניגרייכען,
וועמעס זאָרגפעליג צונויפגעזאַמעלטע און אָבגעטיילטע פראָנטען
טיילט פאַנאַנדער דער געפעהרליכער שמאָהלער ים:
שטיקעוועט אוים אונזערע אונפאָלקאָמענקייטען מיט אייערע
גערדאַנקען;
צעטיילט אין טויזענד טיילען איין מאַן,
און שטעלט דורך איהם זיך פאָר אַן איינגעבילדעטע מאַכט;
דיינקט, ווען מירריידען פון פערד, אַז איהר זעהט זיי
ווי זיי גראָבען איין זייערע שטאָלצע קאָפּיטעס אין דער
שווייגענדיגער ערד;
ווייל עס איז אייערע גערדאַנקען וואָס מוזען איצט פאָרשטעלען
אונזערע קעניגע,
זיי טראָגען אהין און אהער; שפּרינגען, איבער צייטען,
אריינשטעלען דאָס פאַרטיג־געבראַכטע פון פיעלע יאָהרען
אין אַ קליין שטונדע־גלעזעל: פאַר וועלכער צושטעלונג,
לאָזט מיך, כאָר, צו צו דיזער געשיכטע;
וועלכער, פּראָלאָג־מעסיג, בעט אייער געפעליגע גערדולד,
אונזער שפּיעל רוהיג צו הערען, פריינדליך צו אורטיילען".

וואָס־זשע זעהען מיר פון דיזען פּראָלאָג? מיר זעהען אפילו נישט קיין סימן דאָס שעקספּיער האָט געזוכט ספּעציעל צו מאָהלען העברי דעם פינפטען אָדער אירגענד וועלכע אַנדערע ספּעציעלע פיגור. שעקספּיער בעט זיך מען זאָל זיך נאָר פאָרשטעלען דאָס וואָס מען קען נישט ברייננגען אויף דער ביהנע. אָבער דאָס וואָס שעקספּיער האָט געזאָגט וועגען אָרט קען אויך געזאָגט ווערען וועגען צייט. פּונקט ווי איין מענש קען פאַרטרעטען אַ טויזענד מאַן, אַזוי קען אַ זאַץ פאַרטרעטען אַ צייט פון אַ יאָהר, למשל, פון אַ וואָך אָדער אפילו נאָר פון איין־איינציגען טאָג. שעקספּיער האָט געגעבען דעם תמצית פון

די מענשליכע ליידענשאפטען, דאס אבגעלייטערטע פון דעם מענשליכען שטרעבען און חלום'ען. לעגען מיר צו צו דיזען תמצית אונזער אונפארטייאישע איינבילדונגס־קראפט, דאן זעהען מיר שעקספיער'ן אין זיין גאנצער גרויסקייט. און דאסזעלבע וואס קען געזאגט ווערען וועגען העניי דעם פינפטען אדער וועגען די אנדערע דראמאס וואו עס זיינען דא פראלאגען, קען אויך געזאגט ווערען אויף „האמלעט" וואו קיין פראלאג איז נישטא.

„האמלעט", הגם עס איז אין א געוויסער פארם פון פינף אקטען, איז עס אבער נישט קיין שונד צו „ארדער", נאר א גוט דורכגעטראכטע טראגעדיע, וועלכע איז ווערטה שטודירט צו ווערען. און מען דארף נישט מאכען דעם טעות צו שטודירען „האמלעט" ספּעציעל צוליעב דעם „כאראקטער", נאר צוליעב דעם אלגעמיינעם אינהאלט. איך וועל פּרואווען נאכ־געהן נאך דיזער טראגעדיע טריט נאך טריט כדי מיר זאלען זעהן אויב זי איז אוננאטירליך, ווי דער זקן טאלסטאי האט אין זיין אבגעשוואכטען אינטעלעקט געמיינט, אדער שונד, לעכערליך, עקעלהאפט, קוואטש ווי דער קלוגסטער ליטערארישער מוח־פאר־טומלער קאהאן האט באהויפּטעט.

מען דיינקט דאס די ערצעהלונג, אויף וועלכער „האמלעט" איז געבויט, שטאמט פון סאקא גראמאטיקוס, וועלכער זאל זי האבען פארפאסט אין דעם 12טען יאהרהונדערט. אנדערע דיינ־קען, אז שעקספּיער האט זי ארויסגענומען פון א כראניק, וואו די געשיכטע איז געווען פארשריבען אלס א פּאסירונג פון באר־באריש צייטען. מען דארף זיך אבער נישט פאררופען אויף די בארבארישע צייטען כדי צו ווייזען דעם אמת פון די ליידענ־שאפטען און מערדערייען אין די קעניגליכע הויפען: מען טרעפט זיי אין אונזערע צייטען אויך. אין סערביען, למשל, האט מען ערשט נישט לאנג ערמארדעט א קעניגליכע פּאר כדי אנדערע זאלען קענען פארכאפּען דעם טהראן. אין יעדען לאנד וועט מען טרעפען מארד־געשיכטען אין די קעניגליכע פּאלאצען. צו בא־

הויפּטען אַז שעקספּיער איז געווען אַ שונד־שרייבער, ווייל פּיעלע מאָרדען קומען פאָר אין זיינע טראַגעדיעס איז אַ גרויסער אונזין און נאָך אַ גרעסערע רשעות. עס איז אמת, אין „האַמלעט” זיינען דאָ נישט ווינציגער ווי זעקס טויטען פאַלען: פּאָלאָניוס, אָפעליא, לאַערטעס, האַמלעט, די קעניגין און דער קעניג. אָבער דאָס קען נישט אָנגערופען ווערען שונד. שונד קען נאָר אָנגערופען ווערען אַזאַ שריפט וואו מאָרדען קומען פאָר אַלס די הויפּטזאַך און נישט אַלס רעזולטאַט. אין אַלע ראָמאַנען און דראַמאַס פון שונד־פאַרפאַסער ווערען טויטען־פאַלען געוויזען צוליעב זייערע קנאַקענדיגע עפעקטען. קאָמעדיעס ווערען געוויזען צוליעב נאַרישע וויצען אָדער אומגעלומפּערטע שפּיצלעך. ביי שעקספּיער׳ן איז אָבער פּונקט פאַרקעהרט. זיינע טויטען פאַלען אין די טראַגעדיעס און דער לעבהאַפטער הומאָר אין זיינע קאָמעדיעס קומען פון דעם לעבען אַליין. און דאָס וואָס שעקספּיער האָט געמאַכט האַמלעט׳ען פאַר אַ דיינקענדיגען פּרינץ איז בלויז איינער פון דעם פאַרפאַסער׳ס געניאַלע איינפאַלען צו ווייזען ווי אַזוי אַ דיינקענדיגער מענש פיהלט זיך אין אַן אַטמאָספערע פון ליידענשאַפטען. אין הענרי דעם זעקסטען האָט שעקספּיער אין דריי דראַמאַס געוויזען ווי אַזוי אַ גוטער קעניג פיהלט זיך אין אַן אַטמאָספערע פון שרעקליכע ליידענשאַפטען. אין די קעניגליכע הויפען, פּונקט ווי ביי פּראָסטע בשר ודם׳ס, ווערען געבוירען דיינקענדיגע מענשען. פריעדריך דער גרויסער איז איין ביישפּיעל. אין טויזענד און איין נאַכט ווערט דערצעהלט פון כאַליפען וואָס זיינען געווען גרויסע פילאָזאָפען. שלמה המלך איז געווען אַ פילאָזאָף. און דער רוימישער קייזער מאַרקוס אוירעליוס איז גאָר געווען אַ וואונדערליכער פילאָזאָף, וועמעס געדאַנקען שטייגען אַריבער די געדאַנקען וואָס זיינען אויסגעדריקט אין קהלת. און אַזוי האָט געטראָפען דאָס אַ פּרינץ, האַמלעט, זאָל געבוירען ווערען אַ דיינקענדיגער מענש. און דיזער פּרינץ ליידעט שרעקליך צוליעב די ליידענשאַפטען און אינטריגעס פון די ווינציגער דיינקענ־

דיגע הערשער. האַמלעט׳ס פאָטער איז ערמאָרדעט געוואָרען פון אַן אייגענעם ברודער, וועלכער האָט אויך איבערגערעדט די אַלמנה קעניגין מיט איהם צו הייראַטען, כדי דורך דיזער פאַר־בינדונג צו ווערען דער פאַלשטענדיגער הערשער אָהן שטערונגען. עס שיינט אָבער אַז דער מאָרד איז נישט געווען מעהר ווי אַ פערדאַכט.

די טראַגעדיע הויבט זיך אָן מיט דעם באַווייזען זיך פון דעם ערמאָרדעטען קעניג׳ס גייסט. דאָס אַליין איז שוין אַ וואונדערלי־כער איינפאַל צו ווייזען דעם פערדאַכט אויף דעם נייעם קעניג אַז ער איז דער מערדער. וואָלט דאָס קיין פערדאַכט נישט געווען וואָלט קיין טראַגעדיע נישט אַרויסגעקומען. און שעקספּיער האָט אַזוי אויסגעאַרבייט די טראַגעדיע דאָס מען זעהט אַז האַמלעט איז געווען גערעכט מיט דעם פערדאַכט אויף דעם נייעם קעניג, דעם אַלטען קעניג׳ס ברודער.

די צווייטע סצענע ווייזט אָן אַ קעניגליכע אָפיציעלע פאַרזאַמ־לונג, וואו מען באַשטימט שטאַאטס אַנגעלעגענהייטען. מיט אַ געמאַכטען טרויער רעדט דער נייער קעניג פאַר די שטאַאטס־לייטע, און דער פּרינץ איז אויך דערביי. אַ שטיקעלע פרייע איבער־זעצונג וועט ווייזען די וואונדערליכע פאָרם ווי אַזוי שעקספּיער האָט פאָרגעשטעלט אַ קעניגליכען היפּאָקריט.

„הגם עס איז די פליכט", — זאָגט דער נייער קעניג, — „צו טראָגען אין אונזערע הערצער דעם טרויער נאָך האַמלעט, אונזער ליעבען ברודער עליו השלום, און די לופּט פון אונזער גאַנצען קע־ניגרייך דאַרף זיין אָנגעפילט מיט איין שטימע פון געוויין; דאָך האָבען מיר זיך ערלויבט צו קעמפען מיט דער נאַטור, דאָס מיט דעם קלוגסטען טרויער דיינקען מיר פון איהם אינאיינעם מיט דער עראינערונג אָן אונז אַליין. דערפאַר האָבען מיר מיט אונ־טערדריקטער פרייד — מיט איין אויג אָן אָפענעם און איינס אַ געשלאָסענעם, מיט אַ חופה קרענצעל ביי דער לויה און מיט אַ קלאָג־ליעד ביי דער חתונה, וועגענדיג אויף דער גלייכער וואָגשאַל פרייד און טרויער — גענומען אונזער קעניגין פאַר אַ ווייב, אונ־

זער געוועזענע שוועסטער, די קעניגליכע שותפ׳טע צו דיזען קריעגס־שטאַאט; אויך האָבען מיר אין דעם נישט געלאָזט אויסער אכט אייערע קלוגע עצות, וועלכע זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנד מיט דיזער געשיכטע.״

מען זעהט דאָ באַלד דעם וואָלף אין דער פעל פון אַ שעפּס, וואָס טוט אַלעם צוליעב טובת הכלל. און תיכף הויבט ער אָן צו הערשען און באַפעהלען. אויף פּאָלאָניוס׳עס ביטע גיט ער ער־לויבניש לאַערטעס׳ען צוריקצופאָהרען קיין פאַריז לעבען אַ גוטען טאָג, וועלכער איז געקומען צו דער לויה פון דעם אַלטען קעניג און צו דער קרוינונג פון דעם נייעם. און דאַן פרעגט דער נייער קעניג האַמלעט׳ען די אורזאַך פון זיין צו לאַנגען טרויער. און האַמלעט ענטפערט, אַ ער איז צופיעל אין דער „זון״ — דאָס הייסט ער האָט אַ נאַטור צופיעל צו דיינקען. אויך די מוטער זוכט דעם פּרינץ איינצוריידען נישט צו זיין אַזוי טרויעריג.

„גוטער האַמלעט,״ — ווענדעט זי זיך צו איהם, — „פאַר־טרייב פון דיר דעם פינסטערען וואָלקען פון דיין פּנים און לאָז דיין אויג זעהן ווי אַ פריינד פון דענעמאַרק. זוך נישט אייביג מיט דיינע אַרונטערגעלאָזטע אויגען־דעקלעך דיין נאָבלען פאָטער אין שטויב: דו ווייסט אַז עס איז אַ געוויינטליכע ערשיינונג; אַלעס וואָס לעבט מוז שטאַרבען, דורכגעהענדיג דורך דער נאַטור צו דער אייביגקייט.״

„יאָ, מאַדאַם,״ — ענטפערט האַמלעט סאַרקאַסטיש — „עס איז אַ געוויינטליכע ערשיינונג.״

„אויב עס איז אַזוי,״ — פרעגט די קעניגין נישט פאַרשטעהענ־דיג זיין סאַרקאַזם — „פאַרוואָס זשע שיינט עס צו זיין מיט דיר חוץ מדרך הטבע?״

ענטפערט האַמלעט אויף דעם דאָס זיין טרויער איז ערנסט, נישט ווי ביי אַנדערע מענשען, וואָס טראָגען בלויז טרויער־קליי־דער, גיסען טייכען טרערען פאַר אַ ווײַלע און ווייזען אַרוים אַלע פאָרמען פון אויסערליכען טרויער. ביי איהם שיינט עס נישט

בלויז אויפ׳ן פנים, נאר דער טרויער איז טיעף אין הארץ, אין דער נשמה.

אין דיזע ערשטע פאר סצענעס זעהט מען גלייך דעם ערנסט פון דעם פארפאסער וואס ווייזט אן ווי א דיינקענדיגער מענש פיהלט זיך פנים על פנים מיט ליידענשאפטליכע ברואים און קאלטע היפאקריטען. און ווער עס קען אנרופען דיזע ערנסטע טראגעדיע עקעלהאפטען שונד איז נישט נאר א ליטעראַרישער שווארץ־קינצלער, נאר אויך אן אנגעבלאזענער רשע וואס מיינט אז חוץ איהם פארשטעהט קיינער נישט אין דער וועלט קיין ליטעראטור. אין די ערשטע פאר סצענעס זעהט מען דעם פונדאמענט, אויף וועלכען די גאנצע טראגעדיע איז געבויט. און כאטש איך בין איבערצייגט דאס א זשעניע שרייבט נישט זיין ווערק צו שילדערן בלויז כאראקטערע, נאר צוליעב א מאראלישען אלגעמיינעם אינ־האלט, דאך זעהט מען באלד יעדע פערזענליכקייט אין איהר פאל־קאמענער נאטור, נאך פיעל בעסער ווי די ספעציעל געשילדערטע כאראקטערע צוליעב זייער צוועק אליין. דעם קעניג זעהט מען תיכף אין זיין היפאקריטיזם מיט זיין ליידענשאפטליכען וואונש צו הערשען און באפעהלען. פאלאניוס׳ען זעהט מען באלד אלס פראסטען און וועלטליכען שטאאטסמאן, אלס אונטערטעניגען לע־קער, וואס האט זיך פריהער געלעקט צו יענעם קעניג און איצטער חנפה׳ט ער זיך צו דיזען. פאלאניוס׳עס זוהן, לאערטעס׳ען, זעהט מען באלד אלס לייכטזיניגען יונגען מאן, וואס האט נישט אין זין קיין אנדערע זאך, חוץ צו צאפען געלד פון טאטען און צו לעבען א גוטען טאג. און אונז ווערט קלאהר פארוואס דער קעניג האט שפעטער אין איהם געפונען א פאסענדען מענשען, דורך וועמען צו קענען האמלעט׳ען אבראמען פון וועג. און אין דער קעניגין זעהט מען גלייך די אייביגע פרוי — איז י ע נ ע ר קעניג געשטארבען, נו איז דא אן א נ ד ע ר ע ר אויף זיין ארט. דער איינציגער דיינ־קענדיגער מענש אין דער טראגעדיע און דער ערנסטסטער איז האמ־לעט. איהם דערקענט מען, חוץ פון די געשפרעכען, אויך דורך די מאנאלאגען. איך וועל צום ערשטען איבערגעבען זיין מאנאלאג

פון דער צווייטער סצענע און דאָן, איידער איך וועל ווייטער נאָכ־געהן נאָך דער טראַגעדיע, וועל איך זעהן וואָס פאַר א ראָלע די מאַנאָלאָגען שפּיעלען אין שעקספּיער׳ס דראַמאַס.

„אָה,״ —זאָגט האַמלעט צו זיך ווען ער בלייבט אליין, — „ווען מיין הארט, צ ו ה א ר ט פלייש וואָלט זיך צעשמאָלצען, צעגאַנגען און זיך אויפגעלעזט אין א טהוי! אָדער דאָס דער וואָס לעבט אייביג וואָלט נישט איינגעגעבען אזא מורא זיך אליין אומצוברייננגען! אָ גאָט! גאָט! ווי אָבגעלעבט, אלט, פלאַך און ווערטהלאָז מיר קומען פאָר אלע מענשליכע האנדלונגען פון דיזער וועלט! פוי צו אזא וועלט! אך, פוי! זי איז א גאָרטען, פון וועלכען עס זיינען נישט אויסגערייניגט די ווילדע גראָזען, ביז זיי וואַקסען זיך איין און מאַכען זריעה; זי ווערט אינגאַנצען באַ־הערשט פון זאַכען וואָס זיינען נידעריג און גראָביאַנסק מיט זייער נאַטור. דאָס עס זאָל גאָר קומען צו דעם! נישט מעהר ווי צוויי חדשים! ניין, נישט אזוי פיעל, נישט צוויי. אזא פיינער קעניג וואָס יענער איז געווען; פאַרגלייכט צו דיזען איז ער ווי היפּעריאָן צו א סאַטיר; ווי ליעבליך ער איז געווען צו מיין מוטער, דאָס ער וואָלט נישט ערלויבט די ווינטען פון דעם הימעל זאָלען בלאָזען צו שטאַרק אויף איהר פּנים. הימעל און ערד! זאָל איך מיך דער־מאָהנען? ווי זי האָט זיך עס צו איהם געקלעבט, גלייך ווי דער אַפּעטיט וואָלט געוואַקסען מיט דעם עסען; און דאָך, ביז אין א מאָנאַט, — איך וויל גאָר נישט דיינקען פון דעם — שוואַכקייט, דיין נאָמען איז פרוי! א קליינער מאָנאַט, אָדער איידער די שיך זיינען געוואָרען אלט, מיט וועלכע זי איז נאָכגעגאַנגען מיין פאָטער׳ס גוף, אזוי ווי ניאָבע, פול מיט טרערען — אָבער זי, אפילו זי, אָה גאָט! א חיה וואָס האָט נישט קיין שכל, וואָלט געווען לייגגער געטרויערט, — זי האָט חתונה געהאַט מיט מיין פעטער, מיין פאָטער׳ס ברודער, אָבער נישט מעהר אזוי ווי מיין פאָטער, ווי איך צו הערקולעס: ביז אין א מאָנאַט; איידער דאָס זאַלץ פון איהרע העכסט אונגערעכטע טרערען האָט פאַרלאָזט דעם קוואַל פון איהרע פייכטע אויגען, האָט זי חתונה געהאַט. אָה, העכסט

לייכטזיניגע איילעניש, ווי זי האָט זיך עס אָבגעשטעלט מיט אַזאַ פלינקייט צו אַ צווייטען שדוך! עס איז נישט גוט, און קיין גוטס וועט פון דעם נישט ארויסקומען: אָבער ווער צעפּלאַצט, מיין הארץ: ווייל איך מוז האַלטען דאָס מויל“.

אין פאַרבינדונג מיט דיזען מאָנאָלאָג האָבען מיר ערשט נישט לאַנג געזעהן אַ מערקווירדיגע ערשיינונג! אַ היגער שרייבער, בייוואוינענדיג אַ פאָרשטעלונג פון „האַמלעט“, האָט איבערגעדרוקט אַ שטיקעל פון דיזען מאָנאָלאָג און דערביי באַמערקט דאָס די אידען זיינען נישט געוואוינט צו באָמבאַסטיק. דערביי האָט ער אויך דערמאָהנט ווי אב. קאַהאַן האָט באַוויזען שעקספּיער׳ס קליינקייט. איז שוין דאָס אַליין נישט דער ב ע ס ט ע ר באַווייז ווי שעדליך קאַהאַן׳ס שוואַרץ־קינצלעריי איז? אויף אונזין, אויף פוסטע געדאַנקען מיט גרויסע און קלינגענדיגע ווערטער, ווייזט מען ביי אונז אָן אַלס די בעסטע געדאַנקען און אַלס די בעסטע ליטעראַטור; און אויף אַזעלכע שעהנע געדאַנקען מיט אַזאַ שעהנעם סטיל ווייזט מען ביי אונז אָן אַלס די סאַמע באָמבאַסטיק! איז נישט ביי אונז אַן איבערגעקעהרטע ליטעראַרישע וועלט? פאַרוואָס־זשע איז קאַהאַן׳ען געלונגען דאָס צו באַווייזען? ווייל אין זיין נאַרעשער שוואַרץ־קינצלעריי האָט ער אַ ווינק געגעבען דאָס שעקספּיער׳ס טיפען מוזען דעקלאַמירען און אומגעהן ווי אויף פּרוזשינעס. און די אידישע גאַס האָט אָנגענומען קאַהאַן׳ס תורה אַלס די סאַמע ריכטיגסטע, צום טראָץ וואָס אַ גרויסער טייל פון די אידישע אינטעליגענטען האַלטען איהם שוין פאַר ליטעראַריש טויט. קאַהאַן האָט זיך באַצויגען אויף דעם וואָס דער זקן טאָלסטאָי האָט אין זיין אָבגעשוואַכטען אינטעלעקטועלען צושטאַנד דערמאָהנט שעקספּיער׳ס „באַריהמטע מאָנאָלאָגען“ מיט חוזק. און טאַקי — טראַכט זיך דער אידישער אינטעליגענט — ווי קען אַ מענש ריידען צו זיך אין ווירקליכען לעבען? און אַז שעקספּיער איז באַריהמט פאַר זיינע מאָנאָלאָגען איז נישט אַנדערש, דאָס ער האָט נישט פאָרגעשטעלט קיין לעבעדיגע מענשען, נאָר ער האָט פּשוט געהייסען

די אַקטיאָרען דעקלאַמירען וואָס איהם האָט זיך געלוינט. און דערפאַר איז ער קיין קינסטלער נישט. איז אָבער שעקספּיער טאַקי נישט קיין קינסטלער? לאָמיר אַ קוק טון פאַר אַ ווײַלע אויף אַן אַנדער סאָרט קונסט און פון דאָרט וועלען מיר זיך צוריק אומקעהרען צו שעקספּיער׳ס מאָנאָלאָגען, און ספּעציעל צו האַמלעט.

ווען אַ מאהלער מאָהלט אַ בילד, לאָמיר זאָגען: שעהנקייט, כעס, גוטסקייט, כאַראַקטער־פעסטקייט, שוואַכקייט, גבורה אָדער אירגענד וועלכען אַנדערען געדאַנק וואָס ער וויל ווײַזען; ווי אַזוי טוט ער דאָס? דערווירקליכער פּנים פון אַ מענשען האָט בלויז איין־איינציגע פאַרב וואָס איז אַמאָהל געמישט מיט רויט־קייט דורך דער צירקולירונג פון דעם בלוט. מאָהלט דען דער מאָהלער אַ בילד פון אַ פּנים פון בלויז צוויי פאַרבען, די הויט פאַרב און די רויטע פאַרב? וואָלט עמיצער דען געקענט דער־קענען אַ פּנים פון בלויז איינער אָדער צוויי פאַרבען? נאַטיר־ליך רייד איך נישט פון די שוואַרץ און ווייס־צייכנונגען: איך רייד פון פאַרבען קונסט־בילדער. און וואָס הערט זיך מיט די שאָטען־שטריכען אין די קונסט־בילדער? צו זאָגען אויף שעק־ספּיער׳ס מאָנאָלאָגען דאָס זיי זיינען פרעמד צו דער דראַמאַ איז דאָסזעלבע ווי צו זאָגען אויף די שאָטען־שטריכען פון אַ בילד אַז דאָס בילד איז נישט קיין קונסט־ווערק, ווייל די שאָטען־שטריכען זיינען פון אַנאַנדערער פאַרב ווי די הויפּט שטריכען פון דעם בילד זיינען געמאָהלען. די מאָנאָלאָגען אין אַ דראַמאַ זיינען די אייגענטליכע שאָטען־שטריכען וואָס גיבען ערשט פאָלקאָמענקייט דער דראַמאַטישער קונסט. מען דאַרף געדיי־קען דאָס אַ דראַמאַ איז אַ פּאָרט נישט מעהר ווי אַ געשריבענע זאַך, וועלכע מען דאַרף ערשט לייענען צום פאַרשטעהן אָדער וועלכע מען דאַרף שפּיעלען זי צו מאַכען לעבעדיג. ווי אַזוי קען דער קינסט־לער — דער שרייבער אָדער דער שוישפּיעלער — שילדערען אין אַ דראַמאַ יענעם נשמה צושטאַנד, וועלכען דער מענש קען נישט אַרויסזאָגען פאַר אַ צווייטען? דער מאָנאָלאָג דיענט צו

דיזען צוועק, פּונקט ווי די שאָטען שטריכען דינען דעם צוועק אריינצוגעבען לעבען אין אַ געמאָהלטען בילד. איצט קענען מיר זיך אומקעהרען צוריק צו „האמלעט".

איך וועל נישט צעגלידערען יעדעם וואָרט פון האמלעט'ס מאָנאָלאָג, ווייל איך וויל נישט אָנשטריינגען דעם לעזער'ס געדולד; אָבער איך וועל פּרואווען באווייזען ווי נאַטירליך דיזער מאָנאָלאָג איז אין דער טראַגעדיע און ווי מענשליך — אייביג מענשליך — עס איז דער געדאַנק אין אַלגעמיין. וואָס האָט שעקספּיער גע־וואָלט ווייזען אין דיזער סצענע? ער האָט געוואָלט ווייזען ווי דער יונגער פּרינץ, ווען זיין פאָטער איז שוין געוואָרען טויט, האָט זיך דערמאָהנט ווי ליעבליך זיין מוטער איז ערשט נישט לאַנג געווען צום ערשטען קעניג און ווי שנעל דאָס האָט זיך איבער־געביטען ביי דער צווייטער הייראַט — אָבער זאָגען עפּעס אָקע־גען דעם האָט ער פאַר קיינעם נישט געקענט. אויף אַ דיינקענ־דיגען פּרינץ מאַכט אַזאַ זאַך זעהר אַ טיעפען איינדרוק. דער מאָנאָלאָג האָט דאָס אויף אַ העכסט קינסטלערישען אופן ארויס־געבראַכט. איז דיזער געדאַנק נישט אמת און „לעבעדיג"? טרע־פען דען נישט אַזעלכע זאַכען ביי אונז פּראָסטע מענשען אפילו היינטיגע צייטען? ווען אַ טאַטע אדער מאַמע שטאַרבט אין אַ פאַמיליע, און די אַלמנה אָדער דער אַלמן האָט באַלד חתונה נאָך דעם טויטען־פאַל: ווי אַזוי פיהלט דערביי אַ גרויס קינד ווען עס זעהט צו אַזאַ זאַך? זאָגען צו דעם קען אַזאַ פיהלענדיג קינד גאָרנישט, אָבער שטילערהייט ווערט דאָס הארץ צעפּלאַצט אין טויזענד שטיקער. און ווען קיינער זעהט נישט פּראָטעסטירט אַזאַ קינד פאַר זיך אַליין און עס וויינט זיך אויס אויף אַ שרעקליכען אופן דאָס פאַרביטערטע הארץ. און אָט אין דעם באַשטעהט טאַקע די גרויסקייט פון אַ זשעניע, ווייל ער באַשרייבט זאַכען און פּאַסי־רונגען וואָס האָבען אין זיך אייביגע אמת'ען, וואָס זיינען אויסער אָרט און צייט, אָבגעזעהן דערפון וואָס די וועלט אין אַלגעמיין מאַכט אויסערליך פאָרטשריט. און דערפאַר לעבט שעקספּיער אַזוי לאַנג און וועט אייביג לעבען — נישט ווייל מען איז „אבערגלוי־

ביש", נאָר ווייל דער געדאַנק אַליין איז אמת און ווייל דער שוישפּילער האָט וואָס צו שפּיעלען, ווייל ער קען מיט זיין שפּיעלען אויסדריקען די טיפע שטילע ליידען און ערשט געבען דעם ריכטיגען ווערטה דעם פּאַרפאַסער.

אָבער אויף דער אידישער גאַס האָט מען נאָך דערוויל נישט אָבגעשאַצט די וויכטיגקייט פון שעקספּיער'ס מאָנאָלאָגען, און די אידישע גאַס איז די איינציגע אויסנאַהמע, וואו אַ קאַהאַן קען אַזוי פרעך שפּייען אין פּנים דעם אינטעליגענטען לעזער. און דאָס וואָס מען האָט אַזוי שנעל אויפגעכאַפּט קאַהאַן'ס תורה אַלס די סאַמע ריכטיגסטע ווייזט נאָר אויך אָן אויף דעם שרעקליכען גייסטיגען דלות וואָס בושעוועט אַזוי שטאַרק ביי אונז.

די דריטע סצענע ווייזט נאָך מעהר לאַערטעס'עס לייכטזיניג־קייט דורך דער עצה וואָס ער גיט זיין שוועסטער זי זאָל זיך נישט לאָזען באַאיינפלוסען פון האַמלעט'ס ליעבליכע ווערטער. ער, נאַ־טירליך, וואָס ווייסט גאַנץ גוט דעם אומגאַנג מיט פרויען אַלס שטרויענער העלד, מיינט אַז קיין אמת'דיגע ליעבע איז גאָר נישט פאַראַן אויף דער וועלט. אין דער עצה פון פּאָלאָניוס'ען צו זיין זוהן זעהט מען די פּראָסטע איינפאַכקייט פון אַ מענשען, וואָס זעהט אין יעדער ערשיינונג נישט קיין אַנדערע זאַך ווי דעם נוצען פאַר דער אייגענער פּעל. די פיערטע און פינפטע סצענעס זיינען אויסגעפילט מיט דער ערשיינונג פון דעם ערמאָרדעטען קעניג'ס גייסט, וואו האַמלעט ווערט געוואָהר דאָס דער וואָס האָט חתונה געהאַט מיט דער אַלמנה איז דער מערדער. אַלזאָ, דער נאַטיר־ליכער פונדאַמענט פאַר דער טראַגעדיע איז געלעגט געוואָרען אין דעם ערשטען אַקט.

אין דעם צווייטען אַקט זעהט מען ווייטער לאַערטעס'עס לייכטזיניגקייט — וואָס איז פּונקט דער היפּוך פון האַמלעט'ען — דורך די ווערטער פון דעם פאָטער וואָס שיקט דעם היציגען זוהנ־דעל קיין פּאַריז געלד און בריעף. און אַזוי געהט דער גאַנג פון דער טראַגעדיע אויף אַ נאַטירליכען אופן ביז לאַערטעס קומט

שנעל צוריק צולויפען פון פאַריז נקמה צו נעמען פון דעם קעניג. לאַערטעס ווערט נישט געפלאָגט פון געדאַנקען און איבערלעבונ־גען ווי האַמלעט: נאָר אַזוי שנעל ווי ער איז געוואָהר געוואָרען פון דעם פּאָטער׳ס טויט האָט ער געמיינט אַז דער קעניג האָט איהם ערמאָרדעט. אָט דאָס זעהט מען פּאָראוים איידער די טראַ־געדיע קומט צום העכסטען פּונקט. מען ווייסט כמעט אויף זיכער פריהער אַז אַזוי וועט לאַערטעס שפּעטער האַנדלען און נישט אַנ־דערש. אין דיזער סצענע ערשיינט אויך אָפעליא און דערצעהלט אין וואָס פאַר אַ שרעקליך משוגע׳נעם צושטאַנד זי האָט געזעהן האַמלעט׳ען. פּאָלאָניוס שליסט פון דעם אַז די שולד פון האַמ־לעט׳ס משוגעת איז זיין אייגענע, ווייל ער האָט באַפוילען דעם מיידעל אָבצוברעכען די ליעבעס פאַרבינדונגען מיט דעם פּרינץ. דער אַלטער באַשליסט צו זאָגען דעם קעניג דעם אמת פאַרוואָס האַמלעט איז משוגע געוואָרען, ווייל ער ווייסט ווי שטאַרק דער מאָנאַרך איז באַאונרוהיגט פון האַמלעט׳ס האַלטונג. דער קעניג צווייפעלט אָבער אין האַמלעט׳ס משוגעת: ער האָט מורא פאַר דעם פּרינץ און מאַכט אַלערליי פּלענער פון איהם פּטור צו ווערען. צו דעם צוועק שטעלט ער אָן ראָזענקראַנץ׳ן מיט גילדענשטערען׳ען זיי זאָלען אויפפּאַסען אויף דעם פּרינץ. האַמלעט האָט זיך אָבער געמוזט מאַכען משוגע, כדי ווי עס איז צו קענען לעבען אין דעם קעניגליכען הויף ביז די ריכטיגע צייט וועט קומען ער זאָל קענען נעמען נקמה פון זיין פּאָטער׳ס מערדער. וואָלט האַמלעט געזאָגט דאָס מינדעסטע וואָרט וועגען זיין פערדאַכט אויף דעם קעניג וואָלט מען איהם תיכף היינגעריכטעט אַלס פאַררעטער צום לאַנד און צום קעניג. אין די געשפּרעכען מיט אַלע לייטע פון דעם קעניגליכען הויף זעהט מען אַרויס ווי שטאַרק האַמלעט מוז זיך היטען, ווייל ער ווייסט אַז מען שפּיאָנירט איהם נאָך אויף שריט און טריט. און דער פאַקט וואָס ער מאַכט זיך פאַר משוגע גיט איהם די מעגליכ־קייט צו זאָגען געוויסע אמת׳ן אין פּנים, וועלכע ער וואָלט אויף אַן אַנדערען אופן נישט געקענט זאָגען. אָט דאָ וועל איך ווייזען אַ שטיקעלע געשפּרעך צווישען האַמלעט און פּאָלאָניוס, וואו דער

פּרינץ זאָגט דעם אַלטען דעם אמת, און דיזער נעמט יענעם טאַקי אָן פאַר משוגע.

„פּאָלאָניום: — ווי געהט עס עפּעס, מיין גוטער הער האַמלעט?
האַמלעט: — גוט, גאָט צו דאַנקען.
פּאָלאָניום: — קענט איהר מיך, מיין הער?
האַמלעט: — אויסגעצייכענט גוט; איהר זיינט אַ פיש־הענדלער.
פּאָלאָניום: — נישט איך, מיין הער.
האַמלעט: — דאַן וואָלט איך געוואונשען איהר זאָלט זיין אַזאַ עהרליכער מאַן.
פּאָלאָניום: עהרליך, מיין הער!
האַמלעט: — געוויס, הער; צו זיין עהרליך, ווי דיזע וועלט פיהרט זיך, איז צו זיין אויסגעקליבען איינער פון צעהן טויזענד".

דיזעלבע אמת'ן זאָגט האַמלעט אין פּנים ראָזענקראַנץ'ען מיט גילדענשטערען'ען, וועלכע זיינען פּונקט אַזוי „עהרליך" ווי דער אַלטער, ווען זיי שטעלען זיך פאַר פאַר דעם פּרינץ אַלס פריינדע. מען זעהט אין יעדער סצענע נישט קיין שונד, נאָר דעם היפּאָקריטיזם און די געמיינהייטען פון די קעניגליכע הויפען, מיט זייערע שפּיאָנען און לאַקייען, מיט אַלע שלעכטיגקייטען וואָס רינגלען זיי אַרום. דער צווייטער אַקט ענדיגט זיך מיט דעם וואָס האַמלעט מאַכט אָב מיט אַ קאָמפּאַני שוישפּילער, וואָס האָבען געדאַרפט געבען אַ פאָרשטעלונג אין פּאַלאַץ, אַריינצושטעלען אַן אייגענע סצענע.

דער דריטער אַקט הויבט זיך אָן מיט אַ פּלאַן צונויפצוברייגען האַמלעט'ן מיט אָפעליאַ'ן. דער קעניג שטימט איין אַליין צו שטעהן באַהאַלטען און אויסהערען דעם געשפּרעך צווישען דעם פּרינץ מיט דעם מיידעל, כדי זיך איבערצוצייגען אויב האַמלעט איז ווירקליך משוגע צוליעב דער פאַרשטויסענער ליעבע. האַמלעט ערשיינט. און ווידער זעהען מיר אַ וואונדערליכען שאַטען־

שטריך, אַ פּסיכאָלאָגישע שילדערונג. מיר זעהען זיינע געדאַנקען, וועלכע ער טראָגט ביי זיך טיעף באַהאַלטען, נישט קענענדיג זיי דערצעהלען פאַר עמיצען. און דאָ זעהט מען קלאָהר, אַז ביי אַ דיינקענדיגען מענשען איז שווער זיך צו ענטשליסען גרינג צו פאַרלירען זיין לעבען. ביי אַ לייכטזיניגען מענשען, ווען ער דאַרף נעמען נקמה פון עמיצען, ווערט דער באַשלוס געפאַסט שנעל. אַ דיינקענדיגער מענש קען נישט זיין קיין איבעריגער העלד, ווייל די קלאָהרע געדאַנקען דערלאָזען איהם נישט אויסצופיהרען זיין טאַט איידער זי איז נישט פאָלשטענדיג באַרעכטיגט און פאַסיג. דורך דיזען גוט באַקאַנטען און פילאָזאָפישען מאָנאָלאָג פאַרשטעהט מען באַלד פאַרוואָס האַמלעט האַנדעלט אַזוי און נישט אַנדערש.

„צו זיין אָדער נישט צו זיין;" — דיינקט האַמלעט שפּאַצירענדיג אין דעם גאָרטען פון דעם קעניגליכען פּאַלאַץ — „אָט דאָס איז די פראַגע: צי איז עס נאָבעלער צו טראָגען אין זיך, און ליידען די פיילען פון דעם גרויזאַמען שיקזאַל מיט זיינע אַלערליי קלעפּ — אָדער צו נעמען זיך צו וואָפען אַקעגען אַ ים פון צרות, און, מיט׳ן אַקעגען שטעלען זיך צו זיי, מאַכען אַ סוף פון זיי? צו שטאַרבען, — צו שלאָפען, — נישט מעהר; און מיט אַ שלאָף צו זאָגען מיר מאַכען אַ סוף צו דעם האַרץ־וועהטאָג און די טויזענדער נאַטירליכע קלעפּ, צו וועלכע דער גוף איז אויסגעשטעלט! דער שלאָף־טויט איז אַ זאַך וואָס מען וואָלט געדאַרפט ווינשען. צו שטאַרבען, — צו שלאָפען, — יאָ, צו שלאָפען! און אפשר גאָר צו חלום׳ען? געווים, אָט דאָ איז דער שטיין אין וועג; ווייל אין יענעם טויטען־שלאָף מאַכט שוין נישט אויס וואָס פאַר אַ חלומות מיר האָבען. ווען מיר האָבען אָבגעוויקעלט דעם שטאַרבליכען קנויל, מוז ער אונז געבען אייביגע רוה. דאָ איז די אורזאַך וואָס מאַכט אַ לאַנג לעבען אַזוי עלענד; ווייל ווער וואָלט דען איבערגעטראָגען די שמיץ און די פיס־טרעטעניש פון דער צייט, די אונגערעכטיגקייט פון דעם אונטערדריקער, די גראָביאַנסקע רייד פון דעם שטאָלצען מאָן, די שמערצען פון פאַראַכטעטער ליעבע, די פאַרשפּעטיגונג פון דעם געזעץ, די חוצפּה פון די מאַכטהאָבער, און

די ערנ־ידעריגונגען וואָס די געדולדיגע פעהיגקייט קריגט פון די אונ־ווירדיגע — יאָ, ווער וואָלט דאָס אַלעס איבערגעטראָגען ווען ער וואָלט מיט דעם איינפאַכען שפּיץ פון אַ שפּיעז אַליין געקענט מאַכען זיין אייביגע רוה? ווער וואָלט דען געטראָגען די שווערע לאַסטען, צו קווטשען און שוויצען אונטער אַ מיעדען לעבען, ווען נישט דער שרעק פאַר עפּעס נאָך דעם טויט, — דאָס אונענדעקטע לאַנד, פון וועמעס גרענעץ קיין שום רייזענדער קומט נישט צוריק, פאַרבלענדט דעם ווילען, מאַכט אונז בעסער צו דערטראָגען יענע שלעכטיגקייטען, איידער צו פליהען צו אַנדערע וועלטען, פון וועלכע מיר האָבען נישט די מינדעסטע ידיעה? אויף דיזען אופן ווערט די נאַטירליכע פאַרב פון ענטשלאָסענקייט פאַרקרענקליכט מיט דעם בלאַסען אויסגוס פון געדאַנק, און אונטערנעהמונגען פון גרויסען כח און מאָמענטאַלער וויכטיגקייט ווערען מיט דיזען דיינקען פאַרקירעוועט אויף אַן אַנדערען וועג און פאַרלירען דעם נאָמען פון טעטיגקייט.״

זייענדיג פאַרטראַכט אין דיזע געדאַנקען דערבליקט ער פּלוצים אָפעליא׳ן, וועלכע האָט אויף איהם געוואַרט מיט איהם צו ריידען, דורך אַ באַפעהל פון דעם קעניגליכען הויף. ער געהט אַריין צוריק אין זיין געמאַכטער ראָלע פון אַ משוגענעם און זאָגט איהר געוויסע אמת׳ן וועלכע ער קען נישט האַלטען אין זיך, ווייל ער ווייסט אַז איהר פּלוצימדיגער ווידער ערשיינען פאַר איהם איז נישט קיין אַנדערע זאַך ווי עפּעס פון איהם ארויסצוקריגען. ער רייצט זיך מיט איהר, וואַרפט איהר פאַר איהר אונעהרליכקייט און הייסט איהר געהן אין אַ מאָנאַסטיר. די נאַאיווע אָפעליא שליסט פון זיינע ווערטער דאָס ער איז ווירקליך משוגע. זי האָט איהם ערנסט ליעב געהאַט, דערפאַר ליידט זי שרעקליך דורך זיין משוגעת. און שפּעטער, ווען זי איז נאָך געוואָהר געוואָרען דאָס דערזעלביגער יונגער מאַן, וועמען זי האָט אַזוי ברענענדיג ליעב געהאַט, האָט ערמאָרדעט איהר פאָטער, איז שוין קיין וואונדער נישט וואָס ז פאַרלירט איהר פאַרשטאַנד און וואַרפט זיך אַריין אין אַ טייכעל וואו זי פאַרלירט איהר לעבען. איך וועל דאָ ברייננען איהר

מאנאלאג איידער זי איז משוגע געווארען, וואו די שטילע שטי־קענדע ליידען ווערען אזוי שעהן געשילדערט פון שעקספיער'ן.

„את", — זיפצט אפעליא — „וואס פאר א נאבעלער פאר־שטאנד דא איז איבערגעקערט געווארען! דער פארשטאנד פון דעם עדעלמאן, פון דעם סטודענט, פון דעם סאלדאט, — זיין אויג, זיין צונג, זיין שווערד; די האפנונג און די בליהענדיגע ראזע פון דער שעהנער געשטאלט, דער שפיעגעל פון שעהנקייט, און דער מוסטער פון פארמאט, דער באאבאכטער פון אלע באַ־אבאכטער, אינגאנצען, אינגאנצען געפאלען! און איך, די נידער־געשלאגענסטע פון די פרויען און צובראכען, וואס איך האב מיך געקוויקט מיט דעם האניג פון זיינע מוזיקאלישע פארשפרעכונגען, זעה איצט יענעם נאבעלען און העכסט פארשטענדליכען שכל, אזוי ווי די זיסע צעבראכענע גלעקעלאך, אבער אהן א טאן און גראב; יענע אונפארגלייכליכע פארם און מוסטער פון בליהענ־דיגער יוגענד איז געשלאגען מיט משוגעת. אה, וועה צו מיר, צו האבען דאס צוגעקוקט וואס איך האב געזעהן, צו זעהן וואס איך זעה!"

נישט נאר איז עס נאטירליך אז א יונג נאאיווו מיידעל זאל אזוי דיינקען פון דעם אומגליקליכען יונגען מאן, וועמען זי האט אזוי ערנסט און ברענענדיג ליעב געהאט, נאר מיר קענען זיך גאר קיין אנדערע געדאנקען נישט פארשטעלען.

אבער דער קעניג איז געוועזן זיכער, אז האמלעט איז נישט משוגע. דערפאר האט ער באשלאסען דעם פרינץ אוועקצושיקען קיין ענגלאנד. פאלאניוס גיט נאך דעם קעניג אן עצה מען זאל צונויפברייגען דעם פרינץ מיט דער מוטער און ער, פאלאניוס, וועט זיך באהאלטען הינטער א פארהאנג אויסצוהערען דעם גע־שפרעך, וועלכען ער וועט איך גאנצען איבערגעבען דעם קעניג.

דער העכסטער פונקט אין דער טראגעדיע, דער „קליימעקס" איז די פארשטעלונג מיט האמלעט'ס צוגעשריבענער סצענע. ווע־גען דער פארשטעלונג אין „האמלעט" האב איך געהערט ריידען

אויף דער אידישער גאַס אַז דאָס איז אַן אומגעלומפּערטע זאַך, אַז עס איז נישט נאַטירליך. דאָס איז אַבער אַ גרויסער טעות. שווישפּילער זיינען אין פריהערדיגע צייטען אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז, געבענדיג פאַרשטעלונגען ווער עס האָט נאָר באַצאָהלט דערפאַר. אפילו אין אונזערע צייטען זיינען איבערגעבליבען סימנים פון יענער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. די פּורים־שפּיעלען, חנוכה־שפּיעלען און די שפּיעלען אין קרעטשמעס און אין רייכע הייזער אין אייראָפּע זיינען איבערבלייבצער פון אַן אַלטען מנהג.

און אויך דאָ, פּונקט ווי אין יעדער באַזונדערער סצענע, ווייזט זיך אַרויס שעקספּיער אַלס גרויסער מייסטער, אַלס גרויסער קענער פון דעם אמת, אַלס קענער פון דער שוואַכקייט פון דער מענשליכער נאַטור. ווען אַ קאָמפּאַני שווישפּילער זיינען ערשיענען אין דעם קעניגליכען הויף און אָנגעבאָטען זייער קונסט, האָבען זיך אַלע הויפּלייט אָנגעכאַפּט אָן דעם מיט הענד און מיט פיס כדי צו העלפען האַמלעט׳ען דורך אַ שפּיעל פאַרגעסען אָן פאָטער׳ס טויט און אפשר דורך דעם איהם אויסצוקורירען פון זיין משוגעת. דער קעניג, הגם ער איז געווען זיכער אַז האַמלעט איז נישט משוגע, און האָט געטראַכט פון אַ שלעכטען פּלאַן, האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי צוצושטימען צו די פאַרלאַנגען פון די הויפלייט. אויף אַ היפּאָקריטישען אופן שטימט ער איין צו העלפען האַמלעט׳ן מאַכען געזונד. האַמלעט ווידער, הגם איהם איז נישט געלעגען אין מוח קיין פאָרשטעלונגען, שטימט איין צו דער פאָרשטעלונג, מיט דעם באַדינג אַליין אַריינצושרייבען אַ סצענע. פאַרוואָס האָט דאָס האַמלעט געטון? אָט פאַרוואָס: זייענדיג באַוואוסט אין זיין פייגער האַלטונג אויסצופיהרען זיין ראַכע איבער דעם קעניג, וועמען ער האָט בלויז פאַרדעכטיגט אין מאָרד, איז איהם ביי דער געלעגענהייט פון דער געפּלאַנטער פאָרשטעלונג איינגעפאַלען צו ווירקען אויף דעם מערדער׳ס געוויסען. אין אַזאַ פאַל — האָט האַמלעט געטראַכט וועגען דער צוגעשריבענער מאָרד־סצענע — אויב די שווישפּילער וועלען דיזע סצענע גוט אַרויסברייינגען, וועט

אפשר דער קעניג זיך אַליין מודה זיין אין דעם פארברעכען. און אויב דאָס וועט געשעהן וועט שוין דער קעניג קריגען די פאַרדיענ־טע שטראָף און די נקמה וועט זיין אויסגעפיהרט. אין זיינע מאָ־נאָלאָגען, אין זיין געשפּרעך מיט זיין איינציגען פריינד האָראַ־ציוס און אין דעם איינשטודירען די צוגעשריבענע מאָרד־סצענע מיט די שוישפּיעלער, זעהט מען דעם גרויסען חלום, די שעהנע האָפ־נונג וואָס האמלעט האָט געלעגט אויף דער פאָרשטעלונג. אָבער פון האמלעט׳ס גרויסען חלום מיט זיין שעהנער האָפנונג האָט זיך אויסגעלאָזט א נעכטיגער טאָג. די צוגעשריבענע סצענע האָט בלויז צעשטערט די פאָרשטעלונג און נישט מעהר. ווי אַזוי קען איר־גענד וועלכע זאַך ווירקען אויף איינעם׳ס געוויסען, ווען יענער האָט גאָרנישט אזא זאַך וואָס מען רופט אָן געוויסען? היפּאָקריי־טען מכל המינים, שאַרלאַטאַנעס און רוצחים האָבען נישט קיין געוויסען. יעדע זאַך וואָס איז אקעגען זיי פאַרשטאַרקט זיי נאָך אין זייערע לומפּערייען. פון דיזען העכסטען פּונקט געהט זיך די טראַגעדיע אַראָפּ ביז צום סוף.

דעם געשפּרעך מיט דער קעניגין נאָך דער פאָרשטעלונג און ווי אזוי פּאָלאָניוס איז געפאַלען אין דיזער סצענע האָב איך שוין איינמאָהל דערמאָהנט און עס איז נישט נויטיג דאס איי־בערצו׳חזר׳ען.

אין דעם פיערטען אקט, נאָך א פּאָר סצענעס, הגם זעהר וויכטיגע, נאָר ביי וועלכע איך גלויב עס איז נישט נויטיג זיך אבצושטעלען, ווערען מיר געוואָהר, אז האמלעט איז פארשיקט־ געוואָרען קיין ענגלאנד, און איז באַלד ווידער צוריק אין דענע־מארק. קאהאן האָט איבערגעגעבען האמלעט׳ס ארויסראַטעווען זיך פון א זיכערען טויט אלס א שטיקעל שונד־ארבייט. דאָס איז אבער א העכסט פאַלשער אָנווייז. אויב שעקספּיער וואָלט אנדערש באַשריבען האמלעט׳ס ארויסדרעהען זיך פון א זיכערען טויט וואָלט עס ערשט געווען א סימן פון שונד. דער קעניג האָט שוין לאנג געזוכט פּטור צו ווערען פון האמלעט׳ען: און פּאָלאָ־ניוס׳עס טויט האָט איהם געגעבען א גוטען אויסרייד דערצו.

פאר האמלעט׳ען, ווידער, איז געווען פונקט אזוי וויכטיג צו בלייבען אין דער היים. אבער נישט צו פאָלגען דעם קעניג׳ס באפעהל וואלט פאר דעם פּרינץ געמיינט פארשפּארט צו ווערען אלס אונרוהיגער משוגע׳נער וואָס מאָרדעט אוים אונשולדיגע שטאאטס־מענער. דערפאר האָט האמלעט, לפנים, אין איינקלאנג מיט זיין פייגער דיינקענדיגער נאטור, געמוזט פאָלגען דעם קע־ניג׳ס באפעהל צו פאָהרען קיין ענגלאנד. אָבער אין דערזעלבי־גער צייט, ווי עס ווייזט זיך ארוים פון א בריעף צו זיין פריינד האָראַציוס און פון דעם געזעגענען זיך מיט זיין מוטער, האָט האמלעט עפּעס געטון שטילערהייט — (נישט שונדיש, ווי קאַ־האַן וויל עס דוקא האָבען) — כדי צו זיין צוריק אין דער היים. מן־הסתם האָט ער אָבגעמאַכט מיט א שיף איינגענטימער מען זאָל איהם נאָכיאגען. ווען די צווייטע שיף האָט דערגרייכט די ער־שטע איז ענטשטאַנען א קאַמף, און האמלעט האָט זיך דערוויי־ל אריינגעכאפּט אין דער „פּיראַטען" שיף, און דער קעניג האָט נאָך געמוזט באַצאָהלען אויסלייז־געלד פאר דעם געפאַנגענעם פּרינץ. אַלזאָ, וואו האָט דאָ האמלעט אויפגעטון העלדישע זאַ־כ׳ן, חוץ דעם פאקט צו ראַטעווען שטילערהייט זיין לעבען?

אין דערזעלביגער צייט איז פון פאריז לאערטעס געקומען צו לויפען אין איין אָטהעם צו נעמען נקמה פון דעם קעניג. דער קעניג האָט געפונען א פּאסענדיגע געלעגענהייט אריינצוציהען דעם נקמה דורשטיגען היציגען לאערטעס׳ן פאר אן אייגענע האנד אין דער קאנספּיראַציע אבצוראַמען האמלעט׳ען פון וועג. און א פּלאַן איז אויסגעארבייט געווארען האמלעט׳ען ארויסצור־רופען אין א מין פארוויילונגס וועט־קאמף. און כדי צו זיין זיכער, אז האמלעט זאָל נישט ארוים קיין לעבעדיגער, האָט דער קעניג באשלאָסען אנצושמירען א שפּיז מיט א שטארקען סם און לאערטעס זאָל וויסען וואס ער האָט צו טון. טאָמער אבער וועט לאערטעס׳ען נישט געלינגען צו פארוואונדען האמלעט׳ען האָט דער קעניג געזאגט, דאס ער וועט אנגרייטען א בעכער וויין מיט סם און אין דער היץ פון קאמף, ווען זיי וועלען עפּעס נעמען

צום טרינקען, וועט דער קעניג שוין וויסען וואס ער האט צו טון. מיט דיזער קאנספיראציע ענדיגט זיך דער פיערטער אקט.

דער פינפטער אקט ווייזט דעם זיעג פון טויט איבער דעם חלום פון לעבען: דער טויט טריומפיהרט אין זיין גאנצער פראכט. עס איז נישט וויכטיג ווי אזוי די העלדען האבען פארלוירען די לעבענס, נאר וויכטיג איז דער פאקט, וואס דער טויט האט געמאכט א סוף צו אלע ליידענשאפטען. אבער ווי אזוי פארהאלטען זיך די איינציגע ברואים צו דער טויט פראגע? צום ערשטען האט שעקספיער אויף א וואונדערליכען אופן גע־וויזען ווי אזוי די קברים־גרעבער פארהאלטען זיך צום טויט. מען דארף זיך גוט איינלעבען מיט שעקספיער׳ס פערזאנען, איידער מען גיט זיך ארוים דעם אורטייל איבער זיי. אזוי ווי איך האב ביים אנהויב פון דעם איבערבליק איבער „האמלעט" געוויזען דאס שעקספיער וויל, אז איין מאן זאל פארשטעלען טויזענדער און מיליאנען, אזוי שטעלען די זייטיגע סצענלעך אין זיינע דראמאס פאר גאנצע קלאסען און זייער שטעלונג צו די פראגען, וואס ער באהאנדעלט אין יעדער דראמא באזונדער. אזוי האט ער דעם ערשטען סאלדאט, דעם צווייטען און אמאהל אויך א דריי־טען. אזוי דער ערשטער סוחר, דער צווייטער און דער דריטער. אזוי האט ער אן ערשטען בירגער און א צווייטען. פאלסטאף איז א באשטימטער קלאס פון דער אונטער וועלט און ער שפיעלט א ראלע אין עטליכע פון זיינע דראמען. און דא, ביי „האמלעט", זעהען מיר ווידער אן ערשטען קברים גרעבער און א צווייטען.

אבער ווי אזוי פארהאלטען זיי זיך צו דער טויט פראגע? האלב פילאזאפיש און האלב ציניש. דער אומגאנג מיט קברים און מיט מתים טאג טעגליך מאכט דעם טויט פאר זיי גלייכגיל־טיג. און דאס זעהט מען היינטיגען טאג אין פיעלע ערצעה־לונגען, אפילו אויך אין אידיש. און דאס זעהט מען אין לעבען ביי יעדער לויה. אבער שעקספיער האט אזא כח דאס א סצענע שטעלט מעהר פאר ווי גאנצע ראמאנען. האמלעט, ווידער, אין

זיין פילאָזאָפירען איבער די שאַרבענס, פאַרהאַלט זיך צו דער טויט פראַגע ווי אַ דיינקער. לאַערטעס, אַפילו ביים אַנבליק פון טויט, קען ניט איבערבייטען זיין היציגע נאַטור, און אַזוי שנעל ווי ער קומט מיט האַמלעט'ן פּנים על פּנים, ביי אָפעליאַ'ס לויה, פאַרגעסט ער אָן דעם אָפּמאַך מיט דעם קעניג, האָט נישט קיין צייט צו וואַרטען און וויל דעם געגנער דערשטיקען אויפ'ן אָרט. נאַטירליך געפינען זיך מענשען וואָס ווילען נישט טראַכטען פון טויט; נו ווייזט שעקספּיער ווי אַזוי דער טויט כאַפּט זיי אַלע אויף אין דעם סאַמע מיטען פון זייערע ליידענשאַפטליכע קאַמפען, אין דעם חלום פון לעבען. ראָזענקראַנץ און גילדענ־שטערען פאָהרען צו פאַרלירען זייערע לעבענס, זיך נישט ריכטענ־דיג אויף דעם. אַזוי אויך די קעניגין. אין דער אויפרעגונג פון קאַמף, ווען ער קומט פאַר לויט דעם אָבמאַך, כאַפּט זי דעם בע־בער מיט סם, וועלכער איז אָנגעגרייט געוואָרען פאַר האַמלעט'ען. האַמלעט אַליין פאַלט אַ קרבן, הגם ער האָט שרעקליך מורא פאַר דעם טויט. דער קעניג און לאַערטעס פאַרלירען זייערע לעבענס דורך זייערע אייגענע לומפּערייען.

אָבער דער טויט ענדיגט נישט די דראַמאַ. דער טויט איז בלויז דער אָנהויב פון אַ נייער סדרה לעבענס חלום. פאָרטינ־בראַס, וואָס האָט געהאַט אַ ווייט שטיקעל חזקה אויף דעם דענע־מאַרקישען טראָן און האָט גאָר קיינמאָל נישט גע'חלומ'ט איהם צו קענען קריגען, האָט דורך דעם טויט פון דער דענעמאַרקישער קעניגליכער פאַמיליע איהם געקראָגען. און אַזוי האָט שעקספּיער דורך דיזער טראַגעדיע געוויזען דעם גאַנג פון דעם חלום פון לעבען.

איצטער, כדי דער לעזער זאָל וויסען דעם חילוק וואָס איי־גענטליך עס הייסט אַ שונד־אַרבייט, איז גוט אַ טראַכט צו טון ווי אַזוי אַ שונד שרייבער וואָלט באַאַרבייט „האַמלעט". דורך דיזער באַטראַכטונג וועט דער לעזער ערשט זעהן ווי שעדליך עס איז פאַר דער ליטעראַטור ווען אַ דורכגעטריבענער שוואַרץ־קינצלער רופט אָן אַ העכסט גוטע ליטעראַרישע אַרבייט קוואַטש,

שונד, עקעלהאפט אדער אנדערע אטריבוטען וואס קען איינפאַ־לען א פארוואולגאריזירטען און פארקרענקליכטען מוח. — קודם כל זאָל דער לעזער וויסען א כלל אז שונד באזירט זיין עקזיס־טענץ אויף דעם פאקט וואס דאס פראסטע פאָלק ווינשט מיט דעם גאנצען הארצען דאס גערעכטיגקייט זאָל געשעהן. די ריינע לאָגיק שטימט אויך צו צום גוטען וואונש דאס די שולדיגע אין אלערליי פארברעכענס זאָלען קריגען זייער פארדיענטע שטראָף און די גערעכטע און אונשולדיגע דעם גערעכטען לוין וואס די וועלט איז זיי שולדיג. און א קלוגער שונד שרייבער, אויסנו־צענדיג דיזען פאלקס־וואונש, פילט שוין אוים דיזען פארלאנג מיט דעם איבערטרייבען די גוטקייט פון די אונשולדיגע און די שלעכטיגקייט פון די שולדיגע. און דער סוף פון דעם שונד שרייבער׳ס ארבייט ווייזט שוין אויף דער גערעכטיגקייט אָן מיט א קנאק און דאס פאָלק איז זעהר צופרידען מיט זיין ארבייט. אויף דיזען אופן וואלט אין „האמלעט“, אנשטאט א פארדאכט, דער מארד פון דעם קעניג געווען ארויםגעבראכט געוואָרען אויף דער ביהנע, כדי צו ווייזען די אויסגעשפראכענע שלעכטיגקייט פון דעם ברודער־מערדער. דער מערדער וואלט געווען פארגעשטעלט געוואָרען אין איבערגעטריבענער שלעכטיגקייט דורך נאך א בילד: דער מערדער וואלט געצוואונגען די אלמנה מיט איהם חתונה צו האבען און זי וואלט נ י ש ט געוואלט איינוויליגען, כדי נישט צו פארשוועכען דעם אנדיינקען פון דעם ערשטען געליעב־טען קעניג. די אלמנה מיט דעם פרינץ וואלטען געווען פארגע־שטעלט געוואָרען אין בילדער פון העכסטער גוטקייט. די סכנה פאר דער קעניגין מיט האמלעט׳ען (נישט נאר פאר האמלעט׳ען אליין ווי ביי שעקספיער׳ן) וואלט געווען גרוים. א ביטערער קאמף וואלט ענטשטאנען אויף דער ביהנע: דער מערדער, זיין אונטערלעקער פאלאניוס, לאערטעס, ראזענקראנץ און גילדענ־שטערען וואלטען געווען אויף דער שלעכטער זייט. אויף דער גוטער זייט וואלטען געווען די אלמנה, האמלעט, האראציום און די שעהנע אפעליא. אין דעם איבערגעטריבענעם קאמף אויף דער

ביהנע וואָלט דער העכסטער פּונקט געווען אַט־אַט און דער מער־דער וואָלט אַרויס דער זיעגער. פּאָרטינבראַס וואָלט אין דער ריכטיגער סעקונדע פּלוצים ערשיענען מיט זיין ארמיי און, אַנ־שטאַט אויסצופּילען די האַרמאָניע אין וועלט חלום אַליין אַרויפ־צוגעהן אויף דעם טראָן, וואָלט גאַר אויסגעטיילט גערעכטיגקייט צו דער קעניגליכער פאַמיליע. נאַטירליך, נאַך דעם וואונש פון פאָלק. וואָלט ער געווען צוגעשטאַנען צו דער גוטער פּאַרטיי, אַרעסטירענדיג די שולדיגע. די אלמנה וואָלט געראַטעוועט גע־וואָרען פון די הענד פון דעם שענדליכען מערדער און האַמלעט פון אַ זיכערען טויט. דער יונגער פּרינץ וואָלט זיך פאַראייניגט מיט זיין הייס־געליעבטער אָפעליא און אַלס לוין פאַר זייערע ליידען וואָלטען זיי באַקומען די קרוין פון דענעמאַרק, און דאָס פאָלק וואָלט זיך געלעקט די פינגער פון דער גוטער דראַמאַ. אַט דאָס איז די וויכטיגקייט פון שונד.

אַ „ליטעראַרישער" שרייבער וואָלט פון „האַמלעט" געמאַכט אַ לאַנגווייליגע זאַך אָהן געזונד און אָהן לעבען. די לאַנגע גע־שפּרעכען וואָלטען געווען מעהר טויט ווי לעבעדיג און דער יונגער האַמלעט וואָלט זיך פרייוויליג אָבגעזאָגט פון טראָן אָדער וואָלט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. עס וואָלט געווען פיעל טונקעלע „פּסי־כאָלאָגיע" אָבער אָהן דעם מינדעסטען סימן פון אמת. אַט דאָס זיינען דאָך כמעט אַלע מאָדערנע ליטעראַרישע דראַמאַס, ראָמאַ־נען, ערצעהלונגען, סקיצען און ליעדער. עס כאַפּט אָן אַ שרעק זיי צו זעהן אָדער צו לייענען. מען שרייבט ליטעראַטור כדי דער לעזער זאָל האָבען פון וואָס זיך צו ברעכען דעם מוח אָבער נישט קלוגער צו ווערען.

אָבער שעקספּיער האָט געמאַכט פון „האַמלעט" דאָס וואָס האָט געדאַרפט צו זיין. ער האָט באַגריפען דאָס אמת'דיגע לעבען מעהר ווי אַנדערע שרייבער. און נישט צוליעב „האַמלעט" אַליין איז שעקספּיער געוואָרען גרויס: זיינע אַנדערע דראַמאַס זיינען דאָך פּונקט אַזוי וויכטיג ווי „האַמלעט"! ווען מען לייענט די ענגלישע קעניגע פיהלט מען ערשט זיין גרויסקייט. מען פיהלט

דאַסזעלבע ווי ווען מען לייענט האָמער'ס שילדערונגען פון די בלוטיגע קאַמפען בעפאָר טראָי, ווי ווירדזשיל'ס שילדערונגען פון טראָי אליין — ווי אַזוי אַ בליהענדיגע שטאָדט איז אין מיטען דער נאַכט פאַרברענט און פאַרניכטעט געוואָרען דורך די מענש־ליכע ליידענשאַפטען; אָדער מען פיהלט דאַסזעלבע ווי ווען מען לייענט דאַנטע'ס שילדערונגען פון דעם גהינום. עס איז נישט דער ספּעציעלער „כאַראַקטער" וואָס מאַכט דעם שרייבער גרויס, נאָר די שילדערונגען פון די אייביגע מענשליכע ליידענשאַפטען און חלומות. דערפאַר איז שעקספּיער איינער פון די גרעסטע. אין ענגלאַנד איז ער ווירקליך דער גרעסטער. ביז צו איהם, און שוין נאָך איהם איז דערווייל אין ענגלאַנד קיין גלייכען נישט געווען און איז נישטאָ.

ווי־זשע קומט עס וואָס קאַהאַן האָט דיזען גרויסען דיכטער אַזוי שענדליך „פאַרניכטעט"? און נאָך ווען! ווען מען האָט דעם קלוגען רעדאַקטאָר איינגעלאַדען צו העלפען פייערען שעקס־פּיער'ס יובל! וואָלט כאָטש קאַהאַן אויסגעקליבען ביי דיזער געלעגענהייט עטוואָס שוואַכערע דראַמאַס! אויסצוקלייבען איינע פון די בעסטע טראַגעדיעס און אויף דעם אופן דעם דיכ־טער — דעם טויטען דיכטער צו באַגראַבען! אָט אין דעם באַ־שטעהט די שוואַרץ־קינצלערישע קרענקליכקייט! חוץ דעם גלויבט זיך פשוט נישט וואָס מען זעהט מיט די אויגען! שעקספּיער, וועלכער האָט אַזוי קלאָהר געשילדערט די אינטריגעס פון די קע־ניגליכע הויפען, די בלוט־פאַרגיסונגען, די געמיינסטע מערדע־רייען, דעם היפּאָקריטיזם פון די שטאַרקע, די בלוטיגע אינטרי־געס פון די פּאַפּסטליכע שלוחים און ווי אַזוי דורך זיי זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען די בלוטיגסטע מלחמות — אָט דיזען שריי־בער האָט קאַהאַן אינדירעקט אָנגערופען רעאַקציאָנער! שעקס־פּיער אַ רעאַקציאָנער און קאַהאַן דער פרייהייטס ליעבענדיגער מאַן! מעגען נישט צעהן טויזענד טייוואָלים צעפּלאַצט ווערען פון געלעכטער? וואָס־זשע איז די אורזאַך, פרעג איך אפשר צום טויזענדסטען מאָהל, וואָס ער האָט אַזאַ גרויסען שרייבער גע־

מאַכט צו גאַרנישט? און דער ענטפער מוז אויך איבערגע׳חזר׳ט ווערען: עס איז די נאַרעריי, די ליטעראַרישע שוואַרץ־קינצלעריי וואָס איז איהם אַריינגעקראָכען טיעף אין די ביינער! און פון זיין טיעפען האַס צו יעדען טאַלאַנט — צו אַ טויטען ווי צו אַ לעבעדיגען — איז דאָך נישט אויסצוהאַלטען! אַט דיזער טיעפער האַס צו גרויסע טאַלאַנטען האָט איהם פאַרבלענדט די אויגען אזוי צו שרייבען וועגען אַ גרויסען דיכטער. מיט דיזען האַס צו טאַלאַנטען האָט ער צעשטערט די ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס. דיזער האַס האָט אויסגעפּילט זיין קלוגע — אָבער שעדליכע קאַריערע אין פאַרלויף פון אַ פיערטעל יאָהרהונדערט אָדער מעהר. דערפאַר האָט ער אונטערדריקט און פאַרשוויגען יעדען טאַלאַנט. און דערפאַר שמייסט ער אָב ווי חדר־אינגלעך אַלע יענע טאַלאַנטען, וועלכע ער איז געצוואונגען צו באַשעפטיגען אין „פאָרווערטס״, ווען זיי ערלויבען זיך אַמאָהל אין אַ יומא דפגרא צו זאָגען אַ פריי וואָרט. דערפאַר האָט ער אויך גאָרדין׳ען באַקעמפּט און נישט לאַנג פאַר דעם אונגליקליכען שרייבער׳ס טויט האָט ער אויך געלאָזט איבערדרוקען אַ גאַנצע רייע אַרטיקלען כדי שפּעטער צו קענען מיט זיין שוואַרץ־קינסטלערישער נאַרעריי צו ווייזען דאָס גאָרדין איז נישט קיין טאַלאַנט. אַט דאָס הייסט אַ שרעקליכער האַס צו גוטע שרייבער! און דאָס הייסט גוטע שרייבער מקצר צו זיין די יאָהרען אויף אַלע אופנים!

אָבער דער אומגליק איז וואָס די אידישע אינטעליגענטע גאַס פאַרשטעהט נישט גענוג קאַהאַן׳ס שעדליכע ליטעראַרישע ווירקונג. פיעלע האַלטען איהם פאַר אַ קונסט־ליעבהאָבער און האָפען ער זאָל זיך אַמאָהל מרחם זיין אויף די אָרימע טאַלאַנטען און זאָגען אַ גוט וואָרט איבער אַ דראַמא, זשורנאַל אָדער ביכעל פון אַ גוטען שרייבער. און דיזע נאַאיווע אינטעליגענטען ווייסען נישט דאָס זייער האָפנונג איז אַ פוסטע. מען איז אין קאַהאַן׳ען אזוי געגאַרט, דאָס אפילו גאַנץ קלוגע שרייבער האָבען אין איהם אַ טעות. דאָס נעמט זיך

דערפון וואָס אַמאָהל אין אַ יובל זאָגט ער אַ „גוט" וואָרט וועגען עפּעס אַ זאַך אָדער אַ דראַמאַ. אָבער זיי ווייסען נישט אַז יעדע האַנדלונג פון קאהאַן׳ען האָט אין זיך אַ געוויסען ציעל צו שיסען עפּעס מיט זיין ליטעראַרישער נאַרעריי. און דאָס איז פיעל מאָהל געווען דער פאַל. אַ ביישפּיעל קען מען נעמען קאהאַן׳ס „פּושען" די „שמאַטעס". אַלע האָבען געדיינקט דאָס קאהאַן איז פּלוצים באַגייסטערט געוואָרען פאַר אַ קונסט־ווערק. אפילו דער „קונדס", זאָל לעבען און געזונד זיין, וואָס שעלט קאהאַן׳ען אין טאָטענס־טאַטען אריין צעהן מאָהל אַ טאָג — אפילו ער איז פאַרנאַרט געוואָרען פון קאהאַן׳ס שוואַרץ־קינצלערישע שיסערייען. ווען קאהאַן האָט „געפּושט" די „שמאַטעס", האָט דער „קונדס" איהם געגעבען אַ „בוכץ" אַזעלכען, דאָס קאהאַן קושט מיט דעמזעלבען מויל אַ ספר־תורה, מיט וועלכען ער קושט אַ שיקסע. דער קונדס" הלום׳ט גאָר נישט דאָס קאהאַן ציעלט דווקא פאַר אַזאַ מיינונג און דאָס אַזעלכע מיינונגען האָבען איהם געמאַכט גרויס. קושענדיג אַ ספר תורה אַמאָהל אין אַ יובל מיינט נישט קיין אַנדערע זאַך דאָס אַמאָהל ווערט פאָרט קאהאַן באַגייסטערט פאַר אַ קונסט־ווערק. קאהאַן דער מאַן פון באַגייסטערונג פאַר קונסט! אָט דאָס הייסט אַ טעות׳דיגע פאַרבלענדעניש אין קאהאַן׳ען, הגם מען גלויבט אַז מען „קלאַפּט" איהם פון אַלע זייטען! וואָס־זשע איז דאָ געווען מיט קאהאַן׳ען וואָס ער איז אַזוי „באַגייסטערט" געוואָרען פאַר די „שמאַטעס"? דאָס דאַרף מען שוין זוכען אין די „שמאַטעס" גופא. די אורזאַך פון קאהאַן׳ס „פּושען" די „שמאַטעס" איז געווען, וואָס דעם יונגען דיכטער איז גליק־ליכערווייזע איינגעפאַלען אַ געדאַנק אריינצושטעלען אין זיין דראַמאַ אַ „סטרייקעלע". אָט דיזער פאַקט, ווען מען שטודירט נאָר קאהאַן׳ס האַנדלונגען אין אַזאַ פאַל, האָט קאהאַן׳ען געגעבען די מעגליכקייט צו שיסען אויף צוויי פּראָנטען מיט אַמאָהל. צום ערשטען האָט ער געקענט ווייזען דאָס אויב עס „טרעפט" זיך אַ קונסט־ווערק, דאַן העלפט ער דעם שרייבער; צום צווייטען

האָט ער מיט דעם „פּושען" אַ שעלמישען ווינק געטון צו די אַרבּייטער פיהרער!...

„זעהט איהר, קינדער, ווי איך האַלט אויף דורך דעם „פּאַר־ווערטס" דעם היילינגען „פּרינציפּ" פון סטרייקס, אין וועלכען איהר נויטיגט זיך?"

אָט דאָס איז געווען די אורזאַך פון „פּושען" די „שמאַטעס" מיט אַלע כחות און אויך דיזע דראַמע אינגאַנצען איבערצודרוקען.

ווען די אידישע גאַס וועט איינמאָהל פאַר אַלע מאָהל זיך מעהר צוקוקען צו די האַנדלונגען פון די ליטעראַרישע טאָן־געבּער און פיהרער; ווען זי וועט וויסען ווער עס זיינען די אמת'דיגע שונאים פון דער אידישער ליטעראַטור; ווען זי וועט אָננעמען פאַסענדיגע מיטלען די שעדליכע עלעמענטען צו באַקעמפען אָהן מורא און אָהן זייטיגע אייגענע אינטערעסען; דאַן וועט דער אינטעליגענטער לעזער קריגען צוריק דעם צוטרויען צום ליטעראַרישען וואָרט, און די אידישע ליטעראַטור וועט שפּאַנען אויף אַ נייעם וועג, אויף וועלכען זי איז ביז איצט דערווייל נאָך נישט געגאַנגען.

אַ וואָרט וועגען די טרוקענע ליעדער פון דער אידישער גאַס אין אַמעריקע.

דאָס דיכטערישע ליעד איז אַ וויכטיגער טייל פון דער ליטעראַרישער אַבטיילונג פון די שעהנע קונסטען. און אַלס קונסט פון דער ליטעראַרישער אַבטיילונג דאַרף דאָס ליעד באַהאַנדעלט ווערען זעהר פאָרזיכטיג — אי פון דעם דיכטער, וואָס שרייבּט עס אָן, אי פון דעם קריטיקער אָדער לעזער, וואָס גיט זיך אַרויס אַן אורטייל איבּער דעם. אונגליקליכער ווייזע אָבּער, ווי אַלעם וואָס קומט פאָר אויף דער ליטעראַרישער אידישער גאַס אין אַמעריקע, נעמט אי דער קריטיקער, אי דער דיכטער דאָס ליעד נישט זעהר ערנסט אין אנבּאַטראַכט. מיר וועלען באַלד זעהן די אורזאַך פון דעם.

צום ערשטען וויל איך דאָ זאָגען דאָס אַלע ליעדער, וואָס ווערען אויפגעשריבען, זיינען קונסט אָהן שום אויסנאהם. דיזער זאַץ קען קלינגען זעהר קאָמיש, ווייל יעדער אינטעליגענט ווייסט דאָס אַליין. מען מוז דאָס אָבער איבער׳חזר׳ען, ווייל אויף דער אידישער גאַס אין אמעריקע האָט מען זיך איינגעוואוינט צו זאָגען אויף אַלעם וואָס איינעם געפעלט נישט דאָס עס איז נישט קיין קונסט. ביי מיר אָבער, פונקט ווי ביי אלע אינטעליגענטע מענשען פון דער וועלט, חוץ יענע פון דער אידישער גאַס אין אמעריקע, איז יעדע זאַך וואָס האָט א געוויסע פאָרם — קונסט. איך וועל ווידער פּרואווען ווייזען א פּאָר ביישפּיעלען פון בילדער. מיט א געוויסע צייט צוריק איז אין „פאָרווערטס" געוועז איבערגעדרוקט אַ בילד ווי אַזוי אידען שעכטען אַ קריסטליך מיידעל און איהר בלוט רינט אַריין אין אַ כלי. דאָס בילד האָב איך געזעהן נאָך מיט 30 יאָהר צוריק ערגיץ אין רומעניען ביי אַן אינטעליגענטען גוי אין הויז. דאָס בילד איז מן־הסתם אַן איבערבלייבעניש פון לאַנגסטיגע צייטען און עס ווערט פון אַנטיסעמיטען איבערגעדרוקט פון צייט צו צייט, און עס געהט פון איין לאַנד אין צווייטען. די אידישע פנים׳ער זיינען זעהר ריכטיג געצייכענט, חוץ די אוננאַטירליכקייט פון דעם קריסטליכען מיידעל׳ס פנים, וועלכע שמייכעלט כמעט וואָס מען האָט זי געשאָכטען, אנשטאָט צו זיין אין דער גסיסה. וואָס זאָגען מיר אויף אַזאַ בילד? תיכף קומען מיר אַרויס מיט דעם אורטייל דאָס אַזאַ אוננאַטירליך בילד איז נישט קיין קונסט. וועלען מיר דיזע אנטיפּאַטיע צו אוננאַטירליכע קונסט־פאָרמען אָנווענדען אויף אַן אַנדער סאָרט בילד. אין „קונדס" ווערען פון צייט צו צייט געדרוקט בילדער ווי אַזוי הוליגאַנעם צעהאַקען אידישע מענער, פרויען און קינדער מיט העק. וואָס רעפּרעזענטירען אַלזאָ דיזע בילדער? זיינען זיי קונסט? ביי אונז אינטעליגענטע אידען הייסען זיי געוויס קונסט־ווערק; פרעגט אָבער ביי אַן אינטעליגענטען פּאָלאַק, למשל, וועט ער אויך זאָגען אז א בילד, וואָס ווייזט ווי

זיינער אַ לאַנדסמאַן שטעהט מיט אַ האַק איבער צובלוטיגטע אידישע גופים, איז קונסט? וואָס־זשע ווייזט דיזער פאַקט? דאָס מיר טאָרען נישט אַרויסנעמען קיין שום זאַך פון דעם קונסט באַגריף וואָס האָט אַ געוויסע פאָרם. קוים ערלויבען מיר זיך אַרויסצונעמען פון דעם קונסט־באַגריף יענע זאַך וואָס אונז געפעלט נישט, וועט קומען אַ צווייטער און מיט דעמזעל־ביגען רעכט, נאָר אין אַן אומגעקערטען פאַל, און וועט אַרויסנעמען פון דעם קונסט כלל דאָס וואָס איז אונז צום האַרץ. און אָט דערפאַר זאָג איך אויסדריקליך, דאָס יעדע זאַך וואָס האָט אַ געוויסע פאָרם, באַלאַנגט צו קונסט. און ווען מיר ווענדען אָן דיזע רעגעל צו לידער, מוזען מיר צוגעבען, דאָס אַלע לידער פון דער וועלט, אַריינגערעכענט אויך די לידער פון דער אידישער גאַס, זיינען אָהן צווייפעל קונסט־ווערק. אפילו לעיעלעס'עס ליעד צו דער געטין אַנאַניע, און ציליע דראַפּקין'ס ליעד, וואו זי בעט דעם געליעבטען ער זאָל אויף איהר כאָטש פאַלען אויב ער האָט זי נישט ליעב, זיינען אויך קונסט־אַרבייטען.

אָבער זאָגענדיג, דאָס אַלעס וואָס האָט אירגענד וועלכע פאָרם איז קונסט, מיינט נאָך נישט דאָס מיר מוזען צו־שטימען צו אַלעס וואָס ווערט געשאַפען. מיר האָבען אַ רעכט זיך אַרויסצוגעבען אַן אורטייל איבער דאָס וואָס איז שלעכטע קונסט און דאָס וואָס איז גוטע און שעהנע קונסט. אַלזאָ, דער באַגריף פון גוט און שלעכט, פון שעהן און עקעלהאַפט אין דער קונסט, קען נאָר געמאָסטען ווערען מיט דעם פאַקט ווי אַזוי דער קינסטלער אַליין באַטראַכט זיין אַרבייט. און צום טויזענדסטען מאָהל, פון סאַי וועלכען שטאַנד־פּונקט מיר באַטראַכטען די קונסט, ווייזט זיך אַרויס דאָס יעדע קונסט־אַרבייט ווייזט אָן אויף דער אינטעליגענץ, נאַרישקייט אָדער רשעות פון דעם קינסטלער — פון דעם, וואָס האָט דאָס ווערק באַשאַפען. אָבער אויף דער אידישער גאַס איז דער באַגריף פון קונסט אַ פאַרקריפּעלטער און פאַרדרעהטער. עס

איז אַ שטאַרקע מאָדע אויף דער אידישער גאַס צו געבען געוויסע נעמען צו יעדער ארבייט וואס געפעלט נישט דעם אָדער יענעם קריטיקער. איין זאַך קען מען אָנרופען פּראָפּאַגאַנדע; אַ צווייטע זאַך רופט מען אָן אַגיטאַציע; אַ דריטע זאַך קען הייסען טענדעץ: און אזוי גיט מען אלערליי נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע נעמען צו אַלערליי קונסט־ארבייטען, כדי צו באַווייזען אַז קיין קונסט זיינען זיי נישט. אָט דיזער פאַר־דרעהטער באַגריף וועגען קונסט, אינאיינעם מיט דעם פארשווייגען, אויסלאַכען און אונגערעכטען אַרונטעררייסען די אַלערליי דיכ־טערישע ערשיינונגען, האָט געפיהרט דערצו דאָס כמעט אַלע ליעדער וואָס ערשיינען אין דער לעצטער צייט אויף דער אידי־שער גאַס, מיט זעהר ווינציג אויסנאַהמען, הגם מען קען זיי נישט אַרויסנעמען פון דעם קונסט כלל, זאָלען זיין אויסגע־קוועטשט פון יעדען ביסעל לעבענס־זאַפט, פון יעדען סימן פון אינטעליגענץ.

אַ גרויסער טייל פון די ליעדער, וואָס ערשיינען אין דער לעצטער צייט אין אמעריקע (וועגען אייראָפּע נעם איך מיר נישט דאָס רעכט עפּעס צו זאָגען, ווייל איך בין נישט גענוג אינ־פאָרמירט.), עס מאַכט נישט אויס אין וואָס פאַר אַ צייטונגען, זשורנאַלען און ביכלעך זיי ערשיינען, זיינען ליעדער פון אומעט. וואָס איז אומעט? געוויינטלעך האָט מען אַ טעות ווען מען מיינט אַז ליעדער פון אומעט זיינען די בעסטע. דער טעות נעמט זיך פון דעם פאַקט וואָס אַלע שעהנע קונסט־ארבייטען ווייזען מיט זייער ריכטיגקייט ארויס דעם גרויסען חלום פון דיזער וועלט. אָט דיזער חלום רופט אַרויס אַ געוויסען געפיהל פון טרויער, פון מעלאַנכאָליע אין דעם צושויער אָדער לעזער. אָבער דאָס מיינט דאָך נישט אַז דער דיכטער מוז אונז דווקא געבען אומעט געדאַנקען כדי ביי אונז ספּעציעל אַרויס־צורופען דעם מעלאַנכאָלישען געפיהל. דאָס שעהנסטע ליעד ווייזט שוין אליין אָן אויף דעם חלום פון דעם וואָס מיר רופען אָן לעבען. און די גערעטעניש אויף אומעט־ליעדער ווייזט נישט אָן

אויף דער אינטעליגענץ פון די דיכטער, ווי מאנכע גלויבען, נאָר פאַרקעהרט, אויף זייער שוואכען פארשטאַנד. די אומעטיגע שטימונגס־ליעדער ווייזען בלויז אָן אויף פארדעקטער, פאַר־שטיקטער לאַנגווייליגקייט פון די דיכטער.

די לאַנגווייליגקייט איז א געפעהרליכע מגפה פאר דער מענשהייט. און שאָפּענהויער האָט זעהר קלאָהר באוויזען דאָס די לאַנגווייליגקייט איז אַ רעזולטאַט פון אינטעלעקטועלער באַשרענקטקייט. דיינקענדיגע מענשען ווייסען נישט פון לאַנג־ווייליגקייט. יעדע רגע פון זייער לעבען, אַזוי שנעל ווי זיי קומען צו זייער קלאָהרען באוואוסטזיין, איז אויסגעפילט מיט טעטיגקייט. טעטיגקייט איז דער מקור פון לעבען. אין דער מינוט ווען דער אינטעליגענטער מענש ווערט פארטיג מיט זיין פיזישער ארבייט צופרידען צו שטעלען די באַדערפעניש פון דעם טעגליכען לעבען, אַזוי שנעל הויבט אָן צו ארבייטען זיין אינ־טעלעקט, און אַ פרישער קוואל פון לעבען און טעטיגקייט איז אָנגעגרייט פאר איהם פון דער נאַטור. דורך די אומעטיגע שטימונגס־ליעדער זיינען זיך די דיכטער פון דער אידישער גאַס אין אמעריקע אונבאוואוסט מודה אין זייער לאַנגווייליגקייט; און דורך זייער לאַנגווייליגקייט זיינען זיי זיך מודה אין זייער אינטעלעקטועלער באַשרענקטקייט און אין זייערע קליינליכע דלת אמות. געה איך אַוועק, למשל, פון די רוישיגע גאַסען אין אַ שטילערער געגענד, אין אַ פּארק אָדער אויף דעם פרייען פעלד, איז עס נאָר דערפאר צו קענען זיין אליין — כדי צו קענען דיינקען ווייטער א ו נ ג ע ש ט ע ר ט. אין אַזאַ פאַל איז דאָס זיין אליין, די שטילקייט, אַ ברכה פאר מיר. רעגענט עס אין דרויסען אָדער איז עס צו קאַלט, שטורמדיג אָדער איך בין קראַנק און איך קען נישט ארויסגעהען אויף דער פרייער לופט — וואַרט איך געדולדיג אין הויז ביז דאָס וועטער ווערט ווידער גינסטיג פאר מיר, אָדער ביז איך בין גענוג קרעפטיג צו קענען געהן אויף מיינע פיס, און איך קען דאַן ווידער פּאַרטזעצען מיינע לעבהאַפטיגע געדאַנקען אויף דער פרייער וועלט. די

פרייע וועלט איז פאר מיר אָפען אומעטום — אין הויז, אויף דער גאַס און אויף די פרייע פעלדער: די איינבילדענדיגע געדאַנקען פון לעבען און טעטיגקייט באַגלייטען מיך וואו איך שטעה און געה.

גאַנץ אַנדערש ווייזען אָבער אָן די איצטיגע ליעדער פון דער אידישער גאַס. דאָס שטילקייט פון דעם הויז און דאָס זיין אַליין איז פאר די דיכטער א טויטענדיגע לאַנגווייליגקייט; און די גאַס איז פאר זיי א קוואַל פון זויערע געדאַנקען, פון מרה־שחורה און פון אַלערליי דיכטערישע משוגעת'ן. רעגענט עס, אָדער דאָס וועטער איז נישט גינסטיג, קענען די איצטיגע דיכטער נישט איינזיצען אין הויז; געהען זיי דווקא ארויס אין די שלעכטע און שטורמדיגע וועטערען צו זוכען „איינדריקע" פאר זייערע שאַפונגען. זיי קענען נישט די שטורמס פון דער נאַטור אָדער פון די ימים, נאָר די מיאוסע וועטערען און די שמוציגע גרויס־שטאָדטישע גאַסען פון זייערע אומגעבונגען. נאַטירליך זיינען אויך די שמוציגע גאַסען און די אָרימע באַ־פעלקערונג גוטע טהעמאַס פאַר שאַפענדיגע גייסטער; איז אָבער די צרה וואָס אונזערע היינטיגע דיכטער לאַכען פון עדעלשטאַט און ראָזענפעלד: זיי ווילען דווקא זיין מאָדערן מיט מאָדערנע „איינדריקע". דער רעזולטאַט פון אזעלכע „איינדריקע" איז „אומעטיגע" ליעדער, פון וועלכע עס ווערט קאַלט אין א יעדען אבר, אויב מען שטריינגט זיך אָן זיי צו לייענען, אָדער, אין בעסטען פאַל, מען מוז זיך אָנשטריינגען און אָנשטויסען כדי צום סוף ערשט געוואָהר צו ווערען אז זיי האָבען נישט קיין שום ווערטה.

א צווייטער סאָרט ליעדער איז איצט אין דער מאָדע — די אזוי גערופענע עראָטישע אָדער כמו ליעדער פון ליעבע. גליקליכער ווייזע איז דיזער זאָרט ליעדער נישט אזוי פארשפרייט ווי די ערשטע, ווייל עס איז פשוט נישטאָ קיין קונים אויף דעם. דאָס זיינען נישט די שטילע ליעבעס־ליעדער וואָס זיינען

שעהן פאר יעדען איינעם וואָס לייענט זיי, נאָר דאָס זיינען פּשוט ליעדער פון אויסגעלאסענקייט. איך וויל דאָ נישט זיין קיין מאָראל פּרעדיגער פון ליעבעס ריינקייט; ווייט פון דעם! אין מיינע יונגע יאָהרען האָב איך אָנגעשריבען אַ ראָמאַן פון פרייע ליעבע און איך ווינש נאָר איהם צו זעהן אויף דער ליכטיגער וועלט, כדי דער לעזער זאָל זיך איבערצייגען ווי ווייט איך בין פון צו זיין אַ מאָראל פּרעדיגער. אָבער פ ר י י ע ל י ע ב ע מיינט דאָך נישט פרייע א ו י ס ג ע ל אַ ס ע נ ק י י ט! אָבער גראָד דאָס זיינען די איצטיגע אַזוי גערופענע אָפענע אָדער פארשטעלטע עראָטישע ליעדער, אויב מיר דערלעבען שוין אמאָל צו זעהן באהאנדעלט דעם פּראָבלעם פון ליעבע. מען זעהט אַז די נערוועזע עראָטיק, די פּראָסטיטוציאָן און די פּראָסטע אויסגעלאסענקייט האָט דורכגעפּרעסען די ביינער פון יענע וואָס האָבען זיי אָנגעשריבען. די שמוציגסטע זאכען ווערען דערהויבען צו „פּאָעטישער" הויכקייט — אויב מען זאָל זיך ערלויבען אָנצורופען מיט דעם נאָמען פּאָעזיע די אַלערליי פרייע פערזען וואָס ערשיינען איצט אויף דער אידישער גאַס. די אמת'דיגע פּאָעזיע, די פרייע און שעהנע נאַטור, די שטילע און שעהנע ליעבע איז כמעט פארשוואונדען פון דער אידישער גאַס אַלס אַלטע און אָבגעלעבטע פאָרמען פון דיכטונגען וואָס דאַרפען מעהר נישט זעהן די ליכטיגע וועלט. עס קומט אויס ווי די אינגלעך און מיידלעך וואָלטען זיך אויפגעהערט צו ליעבען, אויפ־געהערט חתונה צו האָבען און די וועלט איז געוואָרען אויס וועלט.

די קריטיקער און די רעדאקטערע העלפען אַליין מיט צו ברייננגען צו דיזען טרויעריגען צושטאַנד. זאָל אַ נייער דיכטער אָנשרייבען אַ שעהן ליעד וועט מען עס זיכער נישט דרוקען אין די צייטונגען. די רעדאקטערע, אין זייער שרעקליכען טעות, זוכען אַלע מאָהל „נייעס" אין דער פּאָעזיע. און נייעס ביי זיי הייסט דווקא שמוציגע, עראָטישע און אומעטיגע ליעדער, וואָס עקלען יעדען אינטעליגענטען מענש מיט זייער לאַנג־וויילינקייט און מיט זייער שרעקליכער טונקעלקייט. דער באַנק־

ראַט צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור האָט געבראַכט דערצו דאָס פיעלע אינטעליגענטע מענשען זיינען מיט דער מיינונג דאָס אויף דער אידישער גאַס, חוץ די פּאָר עלטערע דיכטער און וואָס דער צופאַל ברייננט צוטראָגען דאָ און דאָרט א שעהן ליעדעל אמאָהל אין א יובל, זיינען גאָר גישטאָ קיין יונגע דיכטער וואָס זאָלען קענען אָנשרייבען א שטיל און שעהן ליעד. אָבער פּלוצים, ביי איינע פון מיינע באזוכען אין די ליטעראַרישע קיבעצאַרניעס, האָב איך באמערקט ווי א קליינע גרופּע אינטעליגענטען האָבען זיך געמוזט איבערצייגען דאָס א גרויסער טייל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דיזען טרויעריגען צושטאַנד פון דעם אידישען ליעד מוזען טראָגען אויף זיך די רעדאַקטערע פון די צייטונגען. ריידענדיג פון דער אידישער פּאָעזיע האָבען דיזע פּאָר אינטעליגענטע מענשען אויסגעדריקט א פעסטע מיינונג דאָס מען זעהט נישט ביי דער איצטיגער צייט א דיכטער וואָס זאָל קענען אָנשרייבען א פּאַסענדיג ליעד וואָס מען זאָל עס קענען אָנרופען מיט דעם נאָמען פּאָעזיע. דאַן האָט זיך אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן אריינגעמישט אין דעם געשפּרעך און מיט דערזעלביגער פעסטער זיכערקייט האָט ער באהויפּטעט דאָס ווען מען זאָל אין די רעדאַקציעס שיקען דאָס בעסטע שטילע ליעד וועט עס נישט געפינען קיין אָרט. ער אליין, האָט ער באהויפּטעט, האָט געשיקט אלערליי ליעדער אין פיעלע רעדאַקציעס — ליעדער אין פרייע פערזען און אין געשלאָסענע פערזען — און מען האָט זיי נישט געדרוקט. דיזער יונגערמאַן האָט אָנגעגעבען זיין נאָמען אלס אלטמאַן. אויב עס איז דערזעלביגער אלטמאַן, וועמעס נאָמען איך האָב דאַכט זיך געזעהן אין „טעאַליט“, אָדער עס איז זיינער א קרוב, צי גאָר א פרעמדער מיט דעמזעלבען נאָמען, קען איך נישט וויסען. מעהר האָב איך איהם נישט געזעהן. דיזער יונגערמאַן האָט פאַר דער קליינער גרופּע דיסקוטירענדיגע מענשען פּאָרגעלייענט זיינס א ליעד וואָס ער האָט אריינגעשיקט אין א רעדאַקציע, און מען האָט עס נישט געדרוקט. קיין נאָמען פון אירגענד

וועלכער רעדאַקציע האָט ער נישט דערמאָהנט. די קליינע גרופּע איז געבליבען שטיל און גאָרנישט געזאָגט קיין שום קריטיק וועגען דעם ליעד. איך, נישט אָנגעבענדיג זיך אַלס שרייבער, בין איינפאַך ערשטוינט געוואָרען פון דעם איינפאַכען שעהנעם ליעד. איך האָב ביי דעם יונגען מאַן געבעטען ערלויבניש איבערצושרייבען דיזעס ליעד און ער האָט מיר זי געגעבען. איך גיב דאָ איבער דיזעס ליעד און זאָל יעדער זעהן דאָס אַזא מין ליעד האַלט מען נישט פאַר קיין קונסט, נאָר פאַר עפּעס אַן אַלטע און אָבגעלעבטע זאַך. איך זעה אָבער אין דיזען שטילען ליעד אַן אויסערגעוויינליכע שעהנקייט, חוץ וואָס מען זעהט אין דעם דעם גאַנצען חלום פון דער וועלט אין זיין אייביגען גאַנג. אָט דאָס איז דאָס ליעד:

זי האָט מיך געפאַנגען.

מיט לייכטענדע אויגען האָט זי מיך געפאַנגען —
ווען איך בין אַזוי זיך פאַרביי איהר געגאַנגען.
צום טאַטען און מאַמען האָט זי מיך געפיהרט —
ווען איך האָב איהר הענטעל מיט ליעבע באַריהרט.

דעם טאַטען און מאַמען בין איך באַלד געפעלען,
און ז'האָבען באַשלאָסען אַ חופּה צו שטעלען.
אַצינדערט בין איך שוין מיט מזל אַ מאַן, —
אַ סימן פון מאַמע ז'ביי איהר שוין פאַראַן.

אַזוי האָט דאָס מזל צוויי לעבענס פאַרבונדען, —
די הערצער מיט ליעבע און פלאַמען געצונדען, —
צו פיהרען דאָס וועלטעל אַלץ ווייטער אַהין,
אויף וועגען פאַרדרעהטע — איך וויים נישט וואוהין.

אָט דאָס איז דאָס ליעדעל פון דעם אומבאַקאַנטען מענשען. אונזערע „מאָדערנע“ דיכטער פון דער אידישער גאַס פון

אמעריקע, די קריטיקער אפשר און די רעדאקטערע געפעלט נישט אזא איינפאַך ליעד; אָבער פארגלייכענדיג עס מיט די איצטיגע נאָכקרומענישען אויף אימפרעסיאָניזם, עקספרעסיאָניזם, דעקאַדענץ, אינטראָספעקטיוויזם, דאדאאיזם און אַלערליי שווארץ־יאָהרען, מגפות און עקעלדיגע פּוסטקייטען, מיט וועלכע מען איז מכבד דעם לעזער פון דער אידישער גאַס — איז אזא מין אַלט־מאָדיש ליעדעל א פרישקייט וואָס מען דארף ווייט זוכען.

און נאָך א זאַך איז שולדיג וואָס די היינטיגע ליעדער, מיט ווינציג אויסנאהמען, זיינען אזוי פּוסט און טרוקען — דאָס איז דאָס פאַרוואַרפען צו לייענען און שטודירען די שאַפונגען פון די באַריהמטע גוט־באַקאַנטע גרויסע דיכטער פון דער וועלט. און דאָס איז אויך שולדיג וואָס אונזערע פּראָזאַ שאפונגען זיינען אזוי אָרים און פּוסט, און טרוקען דערצו. און דאָך, פּונקט ווי טאַטע און מאַמע גיבען לעבען צו נייע דורות און פרישער יוגענד, אזוי גיבען אַלטע דיכטונגען מוטה, כח און פרישקייט צו נייע דיכטונגען. די היינטיגע דיכטער פון דער אידישער גאַס ווייסען נישט אַז, הגם האָמער'ס אָדיסעע, וויר־דזשיל'ס אענעאיד און דאַנטע'ס גיהנים פון דער „געטליכער קאָמעדיע" באהאַנדלען כמעט איין און דיזעלביגע טהעמא, דאָך איז יעדע זאַך באַזונדער ניי און אַן אָריגינעל קונסט־ווערק פאַר זיך. שעקספּיער האָט זיך נישט געשראָקען איבערצודיכטען פון אַנדערע שריפטשטעלער און אַליין בלייבען דערביי אָריגינעל. געטהע'ס „פאוסט" איז איבערגעדיכטעט פון אַנדערע ארבייטען און דאָך איז עס אַליין איינע פון די אָריגינעלסטע קונסט־ווערק אין דער וועלט. שילער'ס „יונגפרוי פון אָרלעאַנס" איז אַרויס ביי איהם איינע פון די אָריגינעלסטע זאַכען, הגם פיעלע שרייבער האָבען באהאַנדעלט דיזעלביגע טהעמאַ. דעם פּוילישען שריפטשטעלער, סיענקעוויטש, האָט נישט געשטערט צו זיין א גרויסער און אָריגינעלער שרייבער, הגם ער האָט זיך אין זיין „קוואָ וואַדיס" געשטיצט אויף טאַציטוס'עס „אַנאַלס"? פיעלע שרייבער און דיכטער האָבען נישט מורא איבערצודיכטען אַנדערע

זאַכען, נאָר ביי אונז אויף דער אידישער גאַס ווערט אַלעס וואָס איז שעהן און גוט פּאַרוואָרפען אַלס אַלט און אָבגעלעבט און מען כאַפּט זיך צו שאַפען העכסט „אָריגינעלע" זאַכען. און גלויבענדיג צו שאַפען „נייע" זאַכען, שאַפען אונזערע דיכטער דערווייל די גרעסטע פּוסטקייטען, טונקעלקייטען און טרוקענ־קייטען אָהן זאַפט און אָהן לעבען. און שרייבט שוין אַ דיכטער אַמאָהל אָן אַ היסטאָרישע זאַך, קומט עס אויך ארוים טונקעל און טרוקען, אָהן זאַפט און אָהן לעבען. עס נעמט מאָנאַטען און מאָנאַטען ביז מען דערלעבט צו זעהן דאָ אָדער דאָרט אַ שעהן ליעדעל פון אַ פּאָעטישען ווערטה. מען זעהט ווי די מוחות פון אונזערע דיכטער זיינען אַזוי ווי פּאַראַליזירט דורך דעם האַסען פון די גרויסע וועלט־שאַפונגען. ביי יעדען מינדעסטען פּאַרזוך עפּעס צו שאַפען ווערט מען באַטראַכט פאַר אַ ליטעראַרישען גנב, ווייל אונזערע טאָן־געבער אין דער ליטעראַטור ווילען, אַז בלויז וואולגאַרע „מאַכערייקעס" זאָלען ביי אונז פאַרנעמען דעם אָרט פון גוטער און שעהנער ליטעראַטור.

ווען אונזערע אידישע דיכטער וועלען אָנהויבען צו שטודירען די בעסערע קלאַסישע וועלט־אַרבייטען און די אידישע געשיכטע; ווען זיי וועלען ביי זיך באַשליסען נישט צו זיין באַאיינפלוסט פון קאַהאַן'ען אָדער פון וועמען עס איז צו שרייבען ווי נאָר יענע אַליין געפעלט; ווען זיי וועלען זיך באַשליסען צו שאַפען ליעדער און ווערק פון דעם היינטיגען אָדער לאַנגסטיגען לעבען און וועלען זיך פּאַסען צו זיין קלאָהר, דייטליך און לעבעדיג — דאַן קען מען האָפען צו געווינען דעם צוטרויען פון דעם אינטעליגענטען אידישען לעזער צום אידישען וואָרט און צום אידישען בוך אין אַמעריקע.

וועגען דער פאַרקריפּלונג פון דער שפּראַך אויף דער אידישער גאַס.

דער דור הפלגה פון דער שפּראַך אויף דער אידישער ליטעראַרישער גאַס איז ווי אָנגעמאָסטען צום איצטיגען באַנקראָט צושטאַנד פון דער אידישער בעסערער ליטעראַטור. אויך דיזע באַהויפּטונג קען זיך אויסווייזען קאָמיש אין די אויגען פון די שפּראַך־רעפאָרמירער. איך קען מיר אָבער נישט העלפען נישט צו זאָגען דעם אמת אַזוי ווי ער ערשיינט אין מיינע אויגען. און איך בין איבערצייגט ביי מיר אין האַרץ דאָס עס איז נישטאָ קיין אורזאַך אַז דער לאָגישער אמת זאָל ביי מיר זיין באַפאַרבט פון אירגענד וועלכען שלעכטען מאָטיוו, אָדער פון אירגענד וועלכען פּערזענליכען האַס צו די רעפאָרמירער פון דער אידישער שפּראַך. צו אַזעלכע מענער ווי דער געלערענטער האַרקאַווי, דער בכבוד'יגער שריפטשטעלער ניגער, דער דיינקענדיגער דיכטער יהואש און די איבעריגע וואָס זיינען אונטערגעשריבען אונטער די פאַרעפענטליכטע „כללים פון אידישען אויסלייגען" פון מאָנאַט מאַי, 1921, קען מען נישט פיהלען קיין שום האַס. פאַרקעהרט: מען דאַרף זיין שטאָלץ אויף דעם פאַקט וואָס אויף דער אידישער גאַס געפינען זיך נאָך מענשען וואָס זיינען געווען וויליג צו פאַרלירען צייט, פרייוויליג צו וועלען העלפען אויסבעסערען די ערנסטע אידישע ליטעראַטור. מיר דאַכט זיך אָבער אַז דיזע מענער, אינאיינעם מיט זייערע נאָכפאָלגער, זיינען פשוט פאַרכאַפּט געוואָרען פון אַ מגפה וואָס קען סוף כל סוף פיהרען צו דער גאַנצער פאַרניכטונג פון דער אידישער שפּראַך.

עס איז אַ מערקווירדיגע ליעבשאַפט — אָט דיזער הייסער וואונש — צו שניידען און צופּען פון אַ שפּראַך, זי צו וועלען מאַכען ליטעראַרישער ווי זי איז און זי דורך דעם צו פאַרקריפּלען. מען קען דיזען הייסען וואונש נאָר פאַרגלייכען צו דער גורילאַ־מוטער, וואָס האָט דערדריקט איהר עופ'עלע צום טויט פאַר

ליעבשאַפט. די אידישע שפּראַך איז ביז צו די אַנגענומענע כּללים שוין אויך געוואָרן געגנוג אָרים און ווערטער; אָבער מיט די כּללים, אויב מען וועט זיך נישט כאַפּען אין צייט זיי צו רעווידירען און אַלע אויסנאַבען, אָהן אויסנאַהם, וועלען זיי אָננעמען, וועט די אידישע שפּראַך נויטווענדיגער ווייזע מוזען ווערען נאָך אָרימער אין ווערטער און אין באַגריפען ווי זי איז פריהער געווען. דערוויילּ (ווען איך שרייב דיזע שורות) געפינען זיך נאָך שרייבער און צייטונגס-אייגענטימער וואָס פאָלגען נישט נאָך די כּללים פון דער קאָמיסיע: מען קען אָבער ערוואַרטען (ביז דיזע ווערטער וועלען קענען האָבען די מעגליכקייט צו זעהן די ליכטיגע וועלט) אַז אין אַ קורצע צייט אַרום זאָלען אַלע שרייבער און אַלע וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דעם אידישען וואָרט, אָנגעשטעקט ווערען פון דיזער מגפה פון דער פאַרקריפּלונג פון דער שפּראַך. און דערפאַר רייד איך איצט מעהר צו דער קאָמיסיע גופא ווי צו אנדערע, דאָס זיי זאָלען זיך צוהערען צו מיינע ווערטער, וואָס קומען פון הארץ, כּדי זיי, די מענער פון דער קאָמיסיע, זאָלען מיט זייער איינפלוס זעהן צו פאַר־ריכטען דעם פעהלער וואָס זיי האָבען נישט ווילענדיג געמאַכט. עס איז דאָ אַלזאָ אַ פראַגע פון איינפאַכער לאָגיק, פון באַווייזען שוואַרץ אויף ווייס, וואָס איך האָב יאָהרען לאַנג שטודירט און באַאָבאַכט און נישט פון אַ פּשוט'ער געגנערשאַפט צו מענשען וואָס האָבען דורך אירגענד וועלכע אורזאַכען מיך נישט געוואָלט אַנערקענען אַלס שריפטשטעלער. די הויפּט זאַך ביי באַווייזען עפּעס איז דאָך נאָכצולעמען פאָרט די לאָגיק אַליין, און נישט די פּערזענליכע סימפּאַטיע אָדער אַנטיפּאַטיע פון דעם שרייבער. און דערפאַר ערקלעהר איך אַז איך בין פאַראַנט־וואָרטליך פאַר יעדען וואָרט וואָס איך זאָג איצט און דאָס וואָס איך האָב ביז איצט געזאָגט.

לאָמיר זיך אַליין נישט נאַרען. אין וואָס באַשטעהט די רייכקייט פון אַ שפּראַך און אין וואָס איהר אָרימקייט? די רייכקייט פון אַ שפּראַך באַשטעהט אין דעם וואָס זי האָט

וואָס מ ע ה ר ווערטער צו קענען אויסדריקען די מענשליכע באגריפען. און פון דעם קומט שוין ארויס ממילא דער לאָגישער שלום דאָס וואָס ו ו י נ צ י ג ע ר ווערטער אַ שפּראַך פארמאָגט אַלץ אָרימער און אַלץ מיאוסער איז זי, און אַלץ ווינציגער האָט זי אין באקוועמליכקייט זיך מיט איהר צו באַנוצען. די כּללים פון דער קאָמיסיע צו רעפאָרמירען די אידישע שפּראַך, אויב מען זאָל זיי נאָר פאָלגען און אויספיהרען ווי זיי שטעהען און געהען, מוזען נויטווענדיגער ווייזע פיהרען דערצו אַז די אידישע שפּראַך זאָל פארלירען ווערטער אין גאנצע מאסען. אויב די קאָמיסיע וועט זיך נעהמען די מיה צו וועלען רעווידירען די כּללים פון דעם נייעם אויסלייגען, קען איך אין קורצען דאָ אָנווייזען בלויז איינינע פון די אורזאכען וואָס מאכען מיך צו דיינקען אַז דורך זיי ווערט די שפּראַך אָרים און שטארק פארקריפּעלט.

די כּללים 1 און 2 זיינען נישט קיין נייע, און נאָר אַ פּאָר ציימונגען האָבען זיך ביי זיי געהאַלטען: די מעהר פאר־שטענדיגערע שרייבער האָבען לאנג שוין זיך באפרייט פון דיזע איבעריגע אותיות. בלויז מיט פּאַראַגראַף „ד" פון דעם צווייטען כּלל קען איך נישט זיין איינשטימיג, ווייל די פאָנעטיק פון דעם נייעם אויסלייגען איז פאַלש. דער „א" פון „דורכאוים", פאראיין" אָדער אנדערע עהנליכע ווערטער איז אויף קיין פאל נישט קיין שטומער, ווי די קאָמיסיע האָט באהויפּטעט, נאָר ער ווייזט אויסדריקליך אָן וואו דער דרוק פון דער זילבע דארף זיין. „דור־כוים", „פּא־ריין" זיינען נישט קיין אידישע ווערטער און די אַלטע קלאנגען זיינען פּאָרט בעסער, חוץ אנדערע פאַלשקייטען וואָס קענען דורך דעם נייעם אויסלייגען ארויס־קומען ביים מאָדיפיצירען אַזעלכע ווערטער. און דאָך איז דאָ די וויכטיגקייט נישט אַזוי גרויס. דער דריטער כּלל מאכט אָן אַ גאַנצע צרה אין דער אידישער שפּראַך.

אין פּאַראַגראַף ג פון דריטען כּלל זאָגט אונז די קאָמיסיע: „מען שרייבט קיינמאָל ניט קיין שטומען „ה" אין מיטען אָדער

אין סוף וואָרט", און אַזוי ווייטער. קען מען אַרויסוואַרפען אין אַלע פאַלען דעם „ה" און דורך דעם נישט פאַרקריפּלען און פאַראָרימען די אידישע שפּראַך? לאָמיר נאָר נעמען דאָס וואָרט „פילן" פאַר אַ ביישפּיעל. נאָך איידער איך וויל מיך צופּאַסען איך זאָל קענען שרייבען ווי די קאָמיסיע האָט ערנסט געוואונשען, בין איך שוין צוטומעלט און ווייס נישט וואָס פאַר אַ מין וואָרט זי האָט דאָ געמיינט. די קאָמיסיע האָט מן־הסתם מיט דעם וואָרט „פילן" אין זין געהאַט דאָס וואָרט „פיהלען" — „פיהלען קאַלט", „פיהלען היים" און אַזוי ווייטער. איך האַלט נישט די קאָמיסיע פאַר אַזוי אונפּראַקטיש זי זאָל האָבען געמיינט דאָס אירגענד וועלכער שרייבער האָט אַמאָל געשריבען „פילען פלעש־לאַך מיט בראָנפען", למשל, אָדער „פילען פיש אויף שבת" מיט אַ „ה". אָבער מיט דער עצה פון דער קאָמיסיע מיר זאָלען אַרויסוואַרפען דעם „ה" הייסט שוין פון צ ו ו י י ו ו ע ר־ט ע ר געמאַכט א י י נ ס. איז כאָטש די פאָנעטיק פון דער שפּראַך אויסגעבעסערט דורך דעם אַרויסוואַרפען פון דעם „ה"? עס הויבט זיך גאָרנישט אָן! „פילען פיש" ווערט אַרויס־גערעדט מיט אַ קורצען חירק און „פיהלען קאַלט" מיט אַ לאַנגען. און דער פאַל איז נישט בלויז ביי דיזע צוויי ווערטער. אומעטום וואו די פּראַקטיק האָט אויסגעלערענט דעם אידישען שרייבער צו מאַכען אַ חילוק צווישען דעם אויסדרוק פון איין וואָרט און אַ צווייטען דורך דעם צוזאַץ פון דעם „ה", אויב מען זאָל איהם נאָר אַרויסוואַרפען (און די נייע אויסלייגער טוען דאָס טאַקי) — אָט דאָרט פאַרליערט די אידישע שפּראַך אין ווערטער, אין קלאַנג און אין בויגונג. מען דאַרף נישט פאַרגעסען דאָס יעדער צייט־וואָרט קען מאָדיפיצירט ווערען לויט די פאָדערונגען פון דער שפּראַך.

איך בין אַזוי פאַרזיכטיג מיט דיזע ווערטער, דאָס איך מוז דאָ וואָרענען יעדען איינציגען זיך נישט צו מאַכען לעכערליך צו באַהויפּטען אַז איך האָב אַרויסגעכאַפּט אַ וואָרט כדי דורך דעם צו ווייזען מיין געגנערשאַפט. איך וואָלט אויף קיין פאַל נישט

געוועזן אַקעגען דער קאָמיסיע ווען די כּללים זאָלען ווירקליך באַ־רייכערען און פאַרשענערען די אידישע שפּראַך. און דאָס וועל איך ווייזען פון דעם לעבען גופא, דאָס הייסט פון דעם נייעם סאָרט שרייבען. אין ערשטען נומער „טעאַליט“, זייט 36, זאָגט הער ניגער דאָס „קיינער ווייס ניט, אויף וואָס מען דאַרף“ די „הא׳ען“. און געטריי צו די כּללים, אונטער וועלכע ניגער איז אונטערגעשריבען שרייבט ש. טשאַרני אין דעמזעלביגען נומער, זייט 43, „דר. זעליגמאַן מיט זיך צו שרייבן“, און אַזוי ווייטער. אַלזאָ, הגם איך ווייס גאַנץ קלאָהר דאָס טשאַרני האָט געמיינט מיט דעם וואָרט „מיט“ — „באמיהט“ זיך, פון דעם הויפּט וואָרט „מיה“, דאָך קלינגט אין מיינע אויערען דער זאַץ אַזוי פאַלש און פרעמד, דאָס איך ווייס נאָך ביז היינטיגען טאָג נישט וואָס דר. זעליגמאַן געהט טון מיט זיך. און אויך דאָ קען מען זעהן דעם גרויסען חילוק צווישען דעם קורצען און לאַנגען חירק. און חוץ די פאָנעטישע פאַלשקייט איז דאָ די פראַגע פון „מיט“ אַלס פּרעפּאָזיציאָן און „מיהט“ אַלס צייט־וואָרט. דאָס ארויסוואַרפצן פון דעם „ה“ פאַרקריפּעלט און פאַראָרימט די אידישע שפּראַך. דאָסזעלביגע קען געזאָגט ווערען צווישען „פיעל“ פון פּאַראַגראַף א אַלס קוואַנטיטאַטיווער אדיעקטיוו און „פיהל“ פון פּאַראַגראַף ג אַלס צייט־וואָרט. אויב מען זאָל פאָלגען וואָס די קאָמיסיע הייסט אונז טון און אין דעם ערשטען פאַל ארויסוואַרפען דעם „ע“, און אין דעם צווייטען פאַל דעם „ה“ — דאַן פאַרקריפּלען מיר נישט נאָר איין וואָרט פון זיי, נאָרביידע. און אַזוי, וואו מען קעהרט זיך און מען ווענדט זיך זעהט מען די צרה וואָס די ארויסגעוואָרפענע „ע“ און „ה“ מאַכען אָן. איך וואָלט געקענט ברייגען נאָך פיעלע ביישפּיעלען פון דיזען סאָרט, אָבער איך וויל נישט מיעד מאַכען דעם לעזער דאָ ביי דיזען דריטען כּלל.

מיט כּלל 4 קען איך נישט זיין איינשטימיג פּשוט דערפאַר, וועיל ארויסוואַרפען דעם „ע“ אין דיזע פאַלען מיינט צו מאַכען פון צוויי־זילביגע ווערטער — איין־זילביגע. „פויגעל“, „זיצען“ און אנדערע עהנליכע ווערטער זיינען אָהן צווייפעל צוויי־זילביגע

ווערטער. עס איז נישט ריכטיג אז דער וואָקאַל איז אין גאַנצען אַ שטומער; ער איז בלויז אַביסעלע ווינציגער אויסגע־שפּראָכען. אָבער אַזעלכע ווינציג אויסגעשפּראָכענע וואָקאַלען געפינען זיך אין פיעלע שפּראַכען פון דער וועלט. דער „פּעסט פּאַרטיסיפּל“, למשל, פון דער ענגלישער שפּראַך, חוץ איניגע אונרעגעלמעסיגע צייט־ווערטער, האָט אַן עהנליכען ווינציג אויס־געשפּראָכענעם וואָקאַל. פונדעסטוועגען פאַלט קיינעם גאָר נישט איין אַזעלכען אָדער עהנליכען וואָקאַל אַרויסצוואַרפען פון די שפּראַכען. און עס זיינען דאָ גענוג אורזאַכען פאַרוואָס מען היילט זיך נישט אַזעלכע וואָקאַלען אַרויסצוואַרפען וואָס זיינען בלויז ווינציגער אַרויסגערעדט. אַרויסצוואַרפען אַביסעל אַ שוואַכער אַרויסגעזאָגטען וואָקאַל און צונויפדריקען צוויי קאָנ־סאָנאַנטען אינאיינעם איז פּשוט אַן אומזין, חוץ וואָס אַזעלכע ווערטער זיינען עסטעטיש נישט שעהן און קלינגען פאַלש מיט דער שנעלקייט פון דעם אַרויסזאָג, וואָס מען מוז זיי אַרויסזאָגען צווישען די ציין. די קאָנסאָנאַנטען, זאָגט ערגיץ שאָפּענהויער, זיינען דער סקעלעט פון די ווערטער און די וואָקאַלען דאָס פלייש. אויב מיר זאָלען פאָלגען די שטריינגסטע אידישיסטען און מיט געוואַלט אַרויסוואַרפען אַזוי פיעל וואָקאַלען פון די אידישע ווער־טער, דאַן באַקומט די גאַנצע אידישע שפּראַך אַן אויסזעהן פון אַ שרעקליכען סקעלעט, פון וועלכען מען דערקענט אַז זי איז אַמאָהל געווען אַ לעבעדיגע זאַך און דאָס פלייש, שעהנקייט און לעבעדיגע נוצליכקייט איז באַריסען געוואָרען. חוץ דעם, איז מיט געוואַלט צו מאַכען פון צוויי־זילביגע ווערטער איינזילביגע גאָרנישט אין איינקלאַנג מיט דעם אַלגעמיינעם פאָרטשריט פון דער וועלט.

ווי אַזוי איז ענטשטאַנען די מענשליכע שפּראַך? פון בלויז איינפאַכע פּרימיטיווע אויסגעשרייען און סימנים. די אויסגע־שרייען זיינען געווען אַזעלכע מינים איינ־זילביגע ווער־טער. מיט דער צייט האָבען זיך דיזע אויסגעשרייען אָנגע־הויבען צו אַרטיקולירען אין ווערטער פון צוויי און מעהר זילבען, ביז די שעהנע מענשליכע שפּראַך האָט דערגרייכט דעם היינ־

טיגען ציוויליזירטען צושטאנד, וואו איינער מיט דעם אנדערען קען זיך איינפארשטעהן דורך שפראך און שריפט. ווען אבער די קאמיסיע וויל אונז צווינגען צו מאכען פון צוויי־זילביגע ווערטער איין־זילביגע, און מיר זאלען דורך דעם אויף ווייטער נאך מעהר זיך צוגעוואוינען ארויסצורייידען ווערטער צווישען די ציין, דאן פיהרט זי אונז נישט א שריט פארווערטס, נאר גיט אונז א שלײדער צוריק אויף טויזענדער יאהרען.

דער פינפטער כלל איז נישט וויכטיג, ווייל זעהר ווינציג שרייבער שרייבען איצט מיט טאפעלטע קאנסאנאנטען וואו מען דארף זיי נישט. אין דעם זעקסטען כלל, פאראגראף ב, זעהען מיר ווידער ווי דאס איבערבייטען פון די וואקאלען מאכט פון צוויי ווערטער איינס. אויב מיר שרייבען „שטיין" אנשטאט „שטעהן" האבען מיר אין דעם הויפטווארט שטיין, וואס איז א הארטע זאך און קען עמיצען דערהרג'ענען ווען דאס טרעפט איהם אין קאפ אריין, אריינגעשטופט דאס צייטווארט שטעהן. וואו קומען אהין אלע דיזע צונויפגעדריקטע ווערטער דורך דעם איבערבייטען פון די וואקאלען? דאס ווארט „ווענינ" ווערט אריינגעווארפען אין דעם תהום פון פארגעסענקייט און ווערט אריינגעשטופט אין דעם ווארט „ווייניג", וואס שטאמט גאר פון דעם הויפטווארט וויין. אזוי, למשל, נאך דעם נייעם אויסלייגען, אויב מיר שרייבען „א וויינינער עפעל איז גוט", מוזען מיר אויך שרייבען אז „וויינינער געלד איז שלעכט". דער איבערבייט פון די וואקאלען פרעסט אלזא אויף די גאנצע אידישע שפראך. שוין מעהר קאנסעקווענט זיינען יענע וואס שרייבען „ווינציג", ווייל זיי באריייכערען די שפראך. אויך זעה איך נישט קיין לאגישע אורזאך אין דעם איבערבייטען פון „שליינגלען", וואס ווערט ארויסגערעדט מיט א צירה, אויף „שלענגלען" און אזוי ווייטער. דער וואקאל ע. דיענט אין דער אידישער שפראך ווי א סגל און ווערט ארויסגערעדט קורץ, ווי די זילבע „הע" אין „העכער".

צום ערשטען פאראגראף פון כלל 7 בין איך מסכים. אויך קען מען איינשטימען מיט די פאראגראפען ב, ג און ד. דערפאר

אָבּער מאַכט דאָס צושטעלען אַן אות וואָס איז איבעריג, ווי דער פינפטער פאַל פון כלל 7 ווייזט אָן, די שפּראַך אָרימער. צו וואָס די קאָמיסיע האָט אונז געהייסען שרייבען „דערגרייכען" קען איך נישט פאַרשטעהן. ווער האָט דען אמאָהל געשריבען „ערגריי־כען"? יעס ווייזט אָבער אויס אז די גאַנצע קאָמיסיע איז נישט געווען קלאָהר ביי זיך מיט דעם הייסען אונז מיר זאָלען צוזעצען א ד צו „ער". און אָט דיזער צוזעצען מאַכט אין ניין פאַלען פון צעהן די אידישע שפּראַך אָרים אין ווערטער און, דורך דעם, אין באַגריפען. ווען מען שרייבט „דערציען" אָנשטאָט ע ר צ י ה ע ן ווערט די אידישע שפּראַך אין דיזען ביישפּיעל מיט איין וואָרט אָרימער, אינאיינעם מיט אַלע זיינע מעגליכע מאָדיפיקאַציאָנען. ערציהען, הגם עפּ קען ביי די פאַרברענטע אידישיסטען קלינגען אביסעל דייטש, מיינט אויסצולערנען א קינד, און אפילו א דער־וואַקסענעם, יער זאָל געהן אויפ'ן דרך הישר, ווי קליגערע און געלערענטערע מענשען פאַרשטעהען עס. „דערציען" אָבער מיינט ציהען, שלעפּען די צייט, זיין אין אַן אונרוהיגען צושטאַנד. ביי אַן ארבייטער ציהט זיך די צייט שווער און לאַנגווייליג: אין זיין אויסגעמאַטערטען צושטאַנד פון א טאָג שווערער ארבייט ביי דער מאַשין, ווינשט ער מיט דעם גאַנצען הארץ צו ד ע ר צ י ה ע ן די עטליכע מינוט דער זייגער זאָל שוין זיין זעקס יער זאָל קענען אהיימלויפען. דאָסזעלבע איז מיט „ערשיינען" און „דערשיינען", מיט „ערקלעהרען" און „דערקלערן", מיט „ערלויבען" און „דער־לויבן" און מיט א גרויסער צאָהל ווערטער וואו דער איבעריגער קאָנסאָנאַנט ווערט צוגעשטעלט. אין אַלע דיזע פאַלען פאַרליערט די שפּראַך אין ווערטער און אין באַגריפען, און זי ווערט פאַר־קריפּעלט. איבערהויפּט פאַרליערט א שפּראַך פון איהר קולטור־רעלען ווערט ווען א שרייבער שרייבט אזוי דאָס דער לעזער מוז זיך כמעט ביי יעדען זאַץ אָבשטעלען און טרעפען וואו דער חמור שטעהט — אין קעלער צי אין שטאַל.

אויך קען איך נישט פאַרשטעהן צו וועלכען צוועק די קאָ־מיסיע האָט אונז געהייסען איבערבייטען די ענדונגען פון „יג"

אויף „יק“. קיין לאָגישע אורזאַך זעה איך אויף קיין פֿאַל נישט אין דעם. אין בעסטען פֿאַל מאַכט דיזע ענדונג די שפּראַך האַרט און פּשוט נישט שעהן אין קלאַנג. די ענדונג אין דעם וואָרט „וויכטיג“ ריידען מיר קיינמאָהל נישט אַרויס אַזוי האַרט ווי די נאַטירליכע ענדונג אין דעם וואָרט „קריטיק“ אָדער אין דעם וואָרט „פּאָליטיק“. צו וואָס־זשע הייסט מען אונז איבערבייטען די וויכע ענדונגען אויף האַרטע? דיזעם דור הפּלגה וואָס די אומגעלומפּערטע כּללים ברייגען אַריין אין דער ליטעראַרישער שפּראַך וועט מען קיינמאָהל נישט קענען פֿאַרריכטען אויב מען וועט נישט זעהן עפּעס צו טון באַצייטענס צו דעם. דורך דעם וואָס די קאָמיסיע האָט באַשטימט איבערצובייטען די ענדונגען אַליין און נישט מעהר, איז אין דער ליטעראַרישער שפּראַך דער „ג“ כמעט אינגאַנצען פֿאַרשוואונדען געוואָרען. אַזוי האָב איך שוין באַגעגענט דאָס וואָרט „אומאָפּהיינקיקייט“ אָנשטאָט דעם וויכען און שעהנעם וואָרט „אונאָבהיינגיגקייט“. נאַטירליך האָט דער זעצער געקענט מאַכען אַ גרייז אָדער (ווי עס טרעפֿט פֿיעלע מאָהל) ער האָט פּשוט חוזק געמאַכט פֿון יענעם „ליטעראַרישען“ שרייבער. די צושטאַנדען אין דער בעסערער ליטעראַרישער שפּראַך אויף דער אידישער גאַס זיינען אָבער איצטער אַזוי, אַז מען ווייסט נישט וואו דער טעות איז און וואו דאָס ריכטיגע וואָרט. אַזוי, אָנשטאָט צו שרייבען, „עס טאָגט אַ נייע צייט“, האָט איינער געשריבען — „עס טאָקט“! דיזער וואָרט איז גאָר אַ מאָדיפֿיצירונג אין דער דריטער פּערזאָן פֿון דעם צייט־וואָרט „טאָקען“, „דרעקסלען“, האָלץ אָדער מעטאַל דרעהען. איינער, אַ ליטוואַק זאָל געזונד און שטאַרק זיין, האָט דווקא געוואָלט באַשעהנען אַ וואָרט אי מיט אַ העכסט ליטווישען אויסדרוק, אי מיט אַ העכסט מאָדערנער ענדונג נאָך די נייע כּללים — און עס איז אַרויסגעקומען אַ וואָרט „מיירעדיק“, אָנשטאָט „מורא'דיג“, וואָס איז שוין געווען אַ תּושב פֿון יאָהרען און יאָהרען אי ביים פֿאָלק אין ריידען, אי אין דער ליטעראַרישער שפּראַך. אַן אַנ־דערער האָט דווקא געוואָלט שרייבען מיט פּאַטאָס און אַריינגע־

האַקט „זודיק לעבען“ אַנשטאַט צו שרייבען דאָס „זודיגע“, „זידיגע“, אָדער „קאָכעדיגע“ לעביצן. דיזער שרייבער האָט אָבער געוואָלט זיין „מאָדערן“ אויף דער העכסטער אָקטאַווע, האָט ער אַרונטערגעהאַקט אַן „אפּיקס“, אַ „נאָכזילבע“ און פאַרהאַרטצוועט די ענדונג ווי די קאָמיסיע האָט געהייסען טון. און וואָס „זודיק“ באַטייט זאָלט איהר מוחל זיין פרעגען ביי אַ מלמד, ביי אַ קצב אָדער ביי אַ בעל־עגלה. אָבער יענער שרייבער האָט, ווייזט אויס, נישט געוואוסט וואָס „זודיק“ הייסט.

ביז איצט האָב איך בלויז באַריהרט די כללים וואָס זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען פון אַ כשר'ער קאָמיסיע. און שוין קען מען זעהן מיט ווי פיעל ווערטער — נישט צום איבערצעהלען און נישט פאָראויסצוזעהן — די אידישע שפּראַך ווערט פאַראָרימט און פאַרקריפּעלט. מען געהט אָבער פיעל ווייטער ווי די קאָמיסיע האָט באַשטימט דאָס נייע אויסלייגען דורך אונבאַטראַכטע כללים. און די רעזולטאַטען פון אָט אַ דיזם „ערלויבען“ זיך צו רעפאָרמירען די אידישע שפּראַך זיינען אַזוי שרעקליך, דאָס עס וועט פון איהר באַלד גאָרנישט בלייבען, חוץ ווילדע קלאַנגען אָדער אַ מין באַרבאַרישע שפּראַך וואָס די שרייבער אַליין וועלען זי נישט פאַרשטעהן. אַזוי שרייבען אַלע יענע „ליטעראַטען“ פון די פאַרשיעדענע געגענדען פון וואַנען זיי קומען העכסט אידיש, פּונקט ווי מען רעדט אין זייערע פאַרוואָרפענע ערטער, ווייל זיי גלויביצן אַז זייער אויסדרוק איז דער בעסטער. אַ גוטער שריפטשטעלער, און דווקא אַ גוט באַקאַנטער און באַריהמטער, האָט אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבען צו שרייבען „וויינען“ אָנשטאָט „וואוינען“. און יעדעס מאָהל ווען איך האָב געלייענט זיין שרייבען האָב איך נישט פאַרשטאַנען צי דער שרייבער האָט מיט דעם געמיינט צו זאָגען, אויב מענשען וואוינען אין אַ געוויסער שטאָדט, צי וויינען זיי מיט ביטערע טרעהרען; צי האָבען אַלע איינוואוינער פון יענער שטאָדט מיטגעוואוינט מיט אַ געוויסען גדול, אָדער די גאַנצע שטאָדט איז געווען אַ וויינענדיגע און באַווינט דעם גרויסען

מיטוויינער. אַן אַנדערער האָט באַשריבען אַ שעהן מיידעל מיט „אייגען" אַנשטאָט „אויגען". נאָך אַן אַנדערער האָט באַשריבען אַ דאָקטאָר וואָס האָט איהם „אויסגעהוילט" אַנשטאָט „אויסגע־היילט". אין אַלע דיזע פאַלען, אַזוי גוט ווי אין פיעלע אַנדערע פאַלען וואָס איז מיר שוין מיאוס זיי דאָ צו ברייננגען, ווערט יעדעס וואָרט באַזונדער אויפגעפרעסען פון דעם איבערבייט. „וויינען" איז איין וואָרט, און „וואווינען" אַן אַנדערס. „איי־גען" איז איין וואָרט, און „אויגען" אַן אַנדערס. „הוילען" (אַ לאָך אין דער וואַנט, למשל,) איז אַ באַזונדער וואָרט, און „היילען" (וואונדען אָדער אַ קראַנקהייט) איז אַן אַנדער וואָרט. און אַלע דיזע פאַרדרעהטע ווערטער שלעפּען מיט מיט זיך אין תהום אריין אַלע מעגליכע מאָדיפיקאַציעס און בויגונגען פון דער אידישער שפּראַך.

פון יענע וואָס דיינקען אַז מען דאַרף דווקא די העברעישע ווערטער שרייבען אָדער אויסלייגען אין פּראָסטען אידיש וויל איך נישט ריידען, ווייל יעדער אינטעליגענטער מענש זעהט שוין אַליין אין דעם אונזין פון דעם, און זעהר ווינציג ערנסטע שריי־בער טוען דאָס נאָך. נאָר צו באַווייזען ווי אונזיניג דיזער סאָרט שרייבען קען זיך אַרויסווייזען ווען מען דיינקט נאָר נאָך אַביסעל, וועל איך ברייננגען בלויז איין־איינציגען ביישפּיעל. ווען די ליטפאַקעס ווילען דווקא שרייבען „מייסע" אַנשטאָט „מעשה", מוז דער רומענישער איד, דער באַסאַראַבער, דער אוקראַינער און דער אונגאַרישער נויטווענדיגער ווייזע שרייבען „מאַסע", און דער גאַליציאַנער און דער פּוילישער איד מוז שרייבען „מאַאַנסע". אָבער דאָס העברעישע וואָרט „מעשה" איז שוין אַ תושב ביי אַלע אידען, פאַראייניגט זיי גייסטיג אין איין שפּראַך און אין דער־זעלביגער צייט איז עס יעדען פריי דאָס וואָרט אַרויסצוריידען מיט'ן מויל ווי אַזוי ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט. צו וועלכען צוועק דאַרף מען איבערמאַכען גוט־באַקאַנטע ווערטער און דורך דעם אַנמאַכען אַזאַ דור הפלגה אין דער ליטעראַרישער שפּראַך?

דאָסזעלבע קען מען זאָגען צו די פּוילישע אידען, אָדער צו

יענע וואָס ווילען זיך צו זיי צו'חנפה'נען, אז מען מוז דווקא נישט פאַרקריפּלען די שפּראַך כדי צו שרייבען אַזוי ווי זיי, די פּוילישע אידען, ריידען ארוים מאַנכע ווערטער. לאָמיר נעמען אַ בייר־שפּיעל פון דעם וואָרט „זייער". אַ קליינע צאָהל גאַליציאַנער און פּוילישע אידען ריידען ארוים „זאַיר שאַין" אָנשטאָט „זעהר שעהן". אָבער צוליעב דיזער זעהר קליינער צאָהל אידען וואָס ריידען ארוים אַזעלכע ווערטער מיט'ן מויל אַנדערש ווי מיליאָנען אידען ריידען דיזעלביגע ווערטער ארוים, מוז מען דאָך נישט שרייבען אַזאַ שפּראַך וואָס דער איבערבייט זאָל אויפּפרעסען די גאַנצע שפּראַך מיט די באַגריפען אינאיינעם! „זייער" איז אַ באַשטימט פּ י ר ו ו אָ ר ט וואָס ווערט גענוצט אַלס אייגענטומס אַדיעקטיוו אָדער אַלס אייגענטומס.אַדווערב; און „זעהר" איז אַן אַ ד ו ו ע ר ב און מעהר גאָרנישט. דאָס וואָרט „שעהן" איז איין באַגריף; און דאָס וואָרט „שיין" (זון־שיין) אַ צווייטער. מען זאָל ווען נאָכגעהן איבערצומאַכען די אידישע ווערטער אַזוי ווי יעדע פּראָווינץ אָדער באַזונדער שטעטעל רעדט זיי ארוים, איז גאָר נישטאָ קיין סוף צו דער פאַרקריפּלונג פון דער אידישער שפּראַך.

אויך דעם איבערבייט פון דעם וואָרט „פריינד" אויף „פריינט" ברייננט צו אַ דור הפלגה אין דער אידישער שפּראַך. דאַכט זיך אַ קלייניגקייט! נישט מעהר ווי אַ „ט" אַנשטאָט אַ „ד". לאָמיר אָבער זעהן וואָס פאַר אַ צרה דער „ט" מאַכט אַן ווען עס קומט אויס די שפּראַך צו בייגען, די הויפּטווערטער צו מאָדיפיצירען. ווען מיר שרייבען אַזוי ווי פריהער „פריינד", קען מען דיזעס וואָרט מאָדיפיצירען אַן ערך אַזוי: „פריינד", „פריינדע", „פריינדינע", „פריינדינעס", „פריינדשאַפט", „פריינד־ליכקייט". און דאַן דורך דער קאָפּולאַ אַלס אדיעקטיוו־אַטריבוט: „פריינדליך". און דאַן טאַקי ווייטער אַלס אדיעק־טיוו אין מעהרצאָהל „פריינדליכע.מענשען", און דאַן אַלס צייט־וואָרט „באַפריינדען". און אַזוי קען מען בויגען דאָס וואָרט נאָך דער נויטיגקייט פון דעם קלאָהרען שרייבען. ווען מען שרייבט

אָבער „פריינט", ווי די „מאָדערנע" ליטעראַטען לויפען אַזוי גרינג נאָך דעם נייעם איבערבייט, הויבען מיר באַלד אָן צו באַגעגענען שטיינער אין וועג פון אידישע באַגריפען. לאָמיר נאָר באַטראַכטען דאָס וואָרט „פריינט"; קען מען דען שרייבען „פריינטע" אין מעהרצאָהל? מוז מען דעמזעלביגען וואָרט נוצען אין מעהרצאָהל אויך. ווערט אַלזאָ איין וואָרט שוין גאָר ביים אָנהויב אָן אויפגעפרעסען פון דעם נייעם איבערבייט. און צו שרייבען „פריינטינע" איז נאָך מצהר אַנזיניג! עס קומט אוים ענטוועדער צו פאַרדעקען דאָס פנים פאַר חרפּה און זיך אומקעהרען צו דעם דייטשען „ד" און שרייבען „פריינדינע", אָדער עס קומט מיר אוים איך זאָל מיין שעהנע פריינדינע אריינוואַרפען אין ים אריין. מיט אַ געוויסע צאָהל ווייטערע בייגונגען קען מען זיך ווי עס איז אויסמוטשען מיט דעם „ט". לוינט זיך עס אַרויסצוואַרפען אַ „ד" און דאַן מיט חרפּה איהם ווידער צו נוצען? דיזע פראַגע שטעל איך פון דעם פּראַקטישען, פּונקט אַזוי גוט ווי פון דעם לאָגישען שטאַנדפּונקט. עס איז אָבער אויך דאָ אַ קולטורעלער שטאַנדפּונקט וואָס מוז גענומען ווערען אין אנבאַטראַכט. אויב מיר בייטען איבער דעם „ד" אויף אַ „ט" ווערען נישט נאָר פיעלע ווערטער אויפגעפרעסען, נאָר עס ווערט אויך אַ ריכטיגער אידישער באַגריף פאַרשוואונדען פון דער ליטעראַרישער שפּראַך. אין גאַליציען, רומעניען, באַסאַראביען, אוקראַינאַ און אפשר אויך אין אַנדערע געגענדען, וואו אידען וואוינען און ריידען די אידישע שפּראַך, ווערט דאָס וואָרט „פריינט" אָדער „פריינטעל" גענוצט אַלס נאָמען פון אַ ווייטען קרוב, ווען אַלע נעמען פון דער משפּחה האָבען זיך אויסגעלאָזט. דאָס איז אַ באַשטימט הויפטוואָרט אַז די געוויסע פערזאָן איז פון דער משפּחה. אַזאַ „פריינטעל" (אַ ווייטער קרוב) קען מיר זיין אַ דם שונא, אָבער פון דער משפּחה קען איך איהם נישט אַרויסוואַרפען. אָבער מיט אמת'דיגע פריינדשאַפט, מיט חבר'שאַפט, ווי דאָס וואָרט „פריינד" ווערט פאַרשטאַנען און גענוצט, האָט דאָס נישט צו טון. און דורך דיזען טעות אין

דעם העכסט אידישען באַגריף האָט מען צום ערשטען אין אייראָפּע און דאַן דאָ אָנגעהויבען צו שרייבען „פריינט“ אָנשטאָט „פריינד“.

אָבער, ווי שוין באַמערקט, גלויב איך אַז די גאַנצע קאָמיסיע איז פאַרכאַפּט געוואָרען פון אַ רעפאָרם מגפה. די גוטע מענשען, וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דער קאָמיסיע צו רעפאָרמירען די אידישע שפּראַך, האָבען פּשוט זיך נישט געקענט אַקעגען שטעלען דעם לויפענדיגען שטראָם פון דער צורודערטער אייראָפּע, און ספּעציעל פון דער צורודערטער אייראָפּעאישער אידישער וועלט. די קאָמיסיע, ביים פאַר־עפענטליכען די נייע כללים פון אידישען אויסלייגען, האָט אָנגעוויזען דאָס אין „די לעצטע יאָהרען“ האָט מען אין סאָוועט רוסלאַנד און כמעט אין גאַנץ אייראָפּע שוין רעפאָרמירט די אידישע שפּראַך. מילא, פון סאָוועט רוסלאַנד איז נישטאָ וואָס צו ריידען. אפשר וועט קומען אַ צייט וואָס וועט ווערען אַנדערש ווי עס איז דאָרט. דאָרט האָט מען אַלעס רעפאָרמירט מיט געוואַלט; און מיט געוואַלט האָט מען אויך רעפאָרמירט די אידישע שפּראַך אין דעם שרייבען. און אויך פון די איבעריגע לענדער פון אייראָפּע, וואָס זיינען נישט געווען אונטער דעם רשות פון דער סאָוועט רעגירונג, קען מען זיך נישט אַראָפּנעמען קיין מוסר. די גרויסע וועלט־מלחמה האָט דאָס גאַנצע לעבען אין אייראָפּע איבערגעקערט קאַפּויר. פּיעלע אידישע אַוואַנטוריסטען, וואָס האָבען אין די שטילע פרידענס יאָהרען געהאַט אַנדערע באַשעפטיגונגען, פאַרלירענדיג די קוואַלען פון זייער ריינער אָדער אונריינער פרנסה, האָבען נויטווענדיגערווייזע געמוזט זוכען אַנדערע קוואַלען. און אַז מען זוכט צו קריגען עפּעס, געפינט מען! דער בעסטער מיטעל איז פאַר זיי געווען אויפצוטון עפּעס „נייעס“ פאַר די אידען. זיי האָבען זיך צוגעשאַרט צו דער אידישער ליטעראַטור און האָבען זי אָנגעהויבען צו „רעפאָרמירען“. און רעפאָרמירענדיג די ליטעראַטור, האָבען זיי אָנגעהויבען מיט דער אידישער

שפּראַך און זי דערוווייל פאַרקריפּעלט. איך קען מיר נאַטירליך נישט געבען קיין ריכטיגע מיינונג ווי ווייט די אידישע ליטע־ראַטור שטעהט אין דער איצטיגער רגע אין אייראָפּע; פון פיעלע זייטען הערט מען קולות דאָס די ליטעראַטור אין דער אַלטער היים איז אין אַ שרעקליך שלעכטען צושטאַנד. אָבער נעמענדיג פּאַר אַ שפּיגעל די פאַרקריפּלונג פון דער אידישער שפּראַך — און יעדע געגענד טוט איהר חלק זי צו מאַכען וואָס שלעכטער און אונפאַרשטענדליכער — דאַן איז עס דער בעסטער סימן פון דעם דאָרטיגען באַנקראָט פון דער בעסערער אידישער ליטעראַטור. די קאָמיסיע דאָ האָט געקענט האָבען איינזעהעניש, ווייל די וועלט־מלחמה האָט אַמעריקע כמעט גאָרנישט אָנגעריהרט און גאָרנישט איז צורודערט געוואָרען. די קאָמיסיע האָט געדאַרפט אַביסעלע נאָכדיינקען אויב די נייע רעפאָרם אין דעם אידישען אויסלייגען איז לאָגיש און אויס־געהאַלטען.

עס איז גאָר קיין פראַגע נישט אַז די אַלערליי רעפאָרמערס פון אייראָפּע זיינען און האָבען געמוזט זיין גרויסע עמי־הארצים אין אידיש. מעגליך אַז זיי זיינען געלערענטע מענשען אין אַנ־דערע שפּראַכען: אָבער דעם גייסט פון דער אידישער שפּראַך קענען זיי אַזוי ווינציג ווי איך קען די כינעזישע שפּראַך. עס איז איבערהויפּט אַ וועהטאָג אין הארץ צוצוקוקען ווי דאָס אידישע פאָלק כאַפּט אויף אַלערליי אוואַנטוריסטען וואָס קומען מי׳ט אַן אָנשטעל פון רעפאָרם, שטעלען זיך ארויס אַלס געוואַל־דיגע בעלי טובה פון דעם אידישען פאָלק און פאַרלאַנגען דערפאַר מען זאָל זיי אָבגילטען און ארומטראָגען אויף די הענד. עס איז שוין אַן אַלטע צרה וואָס אַ גרויסער טייל פון די אייראָפּייאישע שרייבערס, און אויך אַ גרויסע צאָהל דאָ אין אַמעריקע, האָבען זייער׳ע ערשטע פראָבעס געמאַכט נישט אין דער אידישער שפּראַך. עס קומט אונגליקליכער ווייזע אויס צו דיינקען אַז דאָס וואָס די גוים שפּייען אויס, דאָס כאַפּט אויף דאָס אידישע פאָלק אַלס אַ טייערע זאַך. פיעלע ליטעראַרישע גדולים ווייסען

גאָרנישט דעם טעם פון לעבען צווישען אידען, שרייבען אידיש זייער גאַנץ לעבען און קעמפּען פאַר אידיש און פאַר דער גוטער אידישער ליטעראַטור. אַט דער דאָזיגער מין געלערענטע לייט קומען אויף אַ פּאַרטיגער פּרנסה, מאַכען חוזק פון יענע וואָס האָבען נישט געהאַט די מעגליכקייט צו שטודירען אין אַן אוני־ווערזיטעט און גיבען זיך אָן אַלס געוואַלדיגע גרויסע רעפאָר־מערס. וואָלטען זיי כאָטש געווען גייסטיג פעהיג דערצו, וואָלט מיך נישט געאַרט זייער געלערענטקייט מיט זייערע דאָקטאָר־טיטלען: דער פאַל איז אָבער נישט אַזוי. אין די מעהרסטע פאַלען ווייסען זיי נישט וועגען וואָס זיי ריידען און וואָס זיי רעפאָרמירען. אַט דורך אַזעלכע אוואַנטוריסטען איז די אידישע שפּראַך אין די לעצטע יאָהרען פאַרקריפּעלט געוואָרען. אָבער פאַרוואָס האָט די קאָמיסיע אין דיזען מעהר אָדער ווינציגער רוהיגען לאַנד וועגען דעם נישט געטראַכט?

און נישט נאָר אין אייראָפּע, נאָר אפילו דאָ אין דיזען לאַנד האָט מען אָנגעהויבען צו באַמערקען די שפּראַך פאַרקריפּלונג נאָך איידער די קאָמיסיע האָט ארויסגעגעבען די כללים פון דעם נייעם אויסלייגען. נאָכקרימענדיג די קראַנקהאַפטע ערשיינונג פון אייראָפּע אין די מלחמה יאָהרען, האָבען זיך אויך דאָ באַוויזען איינ־ציגע סימנים פון שפּראַך־פאַרקריפּלונג אין ביכלעך און אין קקיון דיונה'דיגע „ליטעראַרישע" זשורנאַלען. דאָס האָט מען אַלץ געטון כדי צו געווינען דאָס „פאָלק" פאַר דער אידישער ליטעראַטור. עס איז אַ מערקווירדיגע ערשיינונג אין דעם לעבען פון דער אינטעלעקטועלער אידישער גאַס, וואו יעדער אַזוי גע־רופענער אינטעליגענט און שרייבער פון צווייפעלהאַפטען טאַלאַנט זוכט זיך צו חנפה'נען צום פאָלק. אַלע אינטעליגענטען ריידען אין נאָמען און פאַר דער טובה פון דעם פּראָסטען פאָלק. איך, אַלס איינער פון דעם פאָלק — אַלס פּראָסטער פאַבריק ארבייטער, האָב געהאַט די געלעגענהייט צו באָאָבאַכטען ווי אַזוי דיזע אַלע אינטעליגענטען האָבען אין דער ווירקליכקייט ליעב דאָס פּראָסטע פאָלק. דיזע אַלע אינטעליגענטען פון דער אַמעריקאַנער אידי־

שער גאַס, שרייבער און פיהרער, וועלכע זיינען איצט אָדער פריהער געווען שוסטערס, שניידערס, סטאָליאַרעס, פאַרבערס, בעלי־הגלה און אַנדערע בעלי־מלאָכה, פאַרקוקען זיך אויף די גרויסע מיט די דאָקטאָר טיטלען און האַסען אויך דאָס פּראָסטע פאָלק. זיי האַלטען זיך אַזוי ווייט פון פאָלק גלייך ווי זיי וואָלטען געווען הימעלס מענשען אַקעגען איהם. זיי קוקען אויף דעם פּראָסטען עולם פון אויבען אַרונטער און ווילען מיט אַן אָרימען מענשען אפילו נישטריידען אַ וואָרט ווען די געלעגענהייט מאַכט זיך פאַר דעם. דערפאַר אָבער וויל יעדער באַזונדער פון דיזע שרייבער און אינטעליגענטען געפעלען דעם פּראָסטען עולם אַלס וועג־ווייזער און פיהרער. און ווען עס פעהלט די שרייבער פון דיזען מין אין אָ ר י ג י נ אַ ל י ט ע ט — דאָס הייסט ווען אין דער ווירקליכקייט שטעהען דיזע שרייבערלעך, פּונקט ווי מאַנכע דאָקטוירים, אינטעלעקטועל נישט פיעל העכער פאַר דעם פּראָסטען פאָלק — גלויבען זיי צו ווייזען דער וועלט, דאָס מיט דער „אויסבעסערונג" פון דער אידישער שפּראַך באַזיצען זיי שוין דעם סימן פון אָריגינאַליטעט אויך. אָבער אויך דאָ ווייזט זיך ארויס די גאַנצע געדאַנקענלאָזיגקייט אין איהר שרעקליכער פאָרם — דער אינטעלעקטועלער באַנקראָט פון דער אידישער גאַס.

געהן צום פאָלק — איהם לערנען צו זיין אַ שעהן און אינטעליגענט פאָלק — איז זעהר אַ שיינער אידעאַל: עס קלינגט כמעט ווי נביא'יש. אָבער דער אופן ווי די נייע שרייבערלעך טוען דאָס איז גלייך ווי די נביאים וואָלטען געקומען צום פאָלק נישט איהם ריין צו מאַכען פון זינד, נאָר מיט איהם מ י ט צ ו ז י נ ד י ג ע ן. אָט דאָס איז דער פאַל מיט דער „אויסבעסערונג" פון דער אידישער שפּראַך, ווייל יעדער שרייבער וויל דווקא שרייבען אַזוי ווי דאָס פּראָסטע פאָלק רעדט ארויס די ווערטער מיט'ן מויל. און אָט פון דעם חנפה'נען זיך צום פּראָסטען פאָלק, וואָס מען האַסט אין דער ווירקליכקייט, קומט ארויס די צרת פון דעם דור הפלגה אין דער אידישער שפּראַך, ווייל אויף

דער אידישער גאַס זיינען דאָ פיעלערליי אויסשפּראַכען און יעדער באַזונדער שטרעבט צו זינקען וואָס טיעפער אין דעם זומפּ פון פאַרקריפּעלטע אויסשפּראַכען, אַנשטאָט אויפצוהויבען דאָס פאָלק צו ריידען אַ שעהנע און קאָרעקטע אויסשפּראַכע.

אָבער ביי אַנדערע פעלקער איז נישט אַזוי און דערפאַר שטעהען יענע ליטעראַטורען טאַקי פיעל העכער. יעדעס פאָלק, מעג עס זיין גרויס אָדער קליין, האָט אונטער זיינע פליגלען, ווי אַ געטרייע מוטער־הון אַלע איהרע פיעל־פאַרביגע עופ׳עלעך, טיילען פון דער באַפעלקערונג מיט אַלערליי אויסשפּראַכען: אָבער די שריפט, — די ליטעראַטור בלייבט גאַנץ און אונגעטיילט. ביי די אידען אָבער שרייבט יעדער אונוויסענדער שרייבערל און יעדער אָנגעבלאָזענער דומקאָפּ מיט אַ דאָקטאָר־טיטעל אַן אַנדער אויסשפּראַך און מיינט דערביי צו ווייזען, דאָס נאָר ער אַליין איז דער סאַמע רעכטער רעפאָרמירער און אויסבעסערער פון דער אידישער שפּראַך. און יעדער באַזונדער ציפּט און פּליקט אַרויס דאָס פלייש, דעם מאַרך און די נשמה פון דער שפּראַך. דאָ רייסט מען אַ פאָרזילבע, דאָרט אַ נאָכזילבע, אויף אַן אַנדער אָרט רייסט מען וואָקאַלען און אויף אַ דריטען אָרט בייט מען איבער ביידע, אי די וואָקאַלען אי די קאָנסאָנאַנטען, ביז פון דער גאַנצער אידישער שפּראַך ווערט אַ טויטער טרוקענער און בלוטלאָזער גוף.

און דאָך איז אַמאָהל געווען אַנדערש אויף דער ליטעראַ־רישער אידישער גאַס אין אַמעריקע. עס איז אַמאָהל געווען אַ צייט אויף דער אידישער גאַס, ווען די היינטיגע עלטערע שריי־בער און פיעלע פון די וואָס רופען זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג אָן יונגע, האָבען זיך געגעבען די מיה צו שרייבען שעהן, קלאָהר און גוט, און אין דערזעלביגער צייט האָבען זיי זיך באַמיהט צו מאַכען די שפּראַך אַזוי אַנגענעהם און ווייך ווי מעגליך. איז אָבער אַהער פּלוצים אָנגעקומען אַ צרה אין דער „פילאָסאָפישער" פּערזענליכקייט פון דר. זשיטלאָווסקי, וועלכער איז במעט געווען דער ערשטער צו פאַרהאַרטעווען די שעהנע אידישע שפּראַך

וואָס האָט זיך געהאַלטען אין ענטוויקלען אויף אַ גלייכען פּאַרט־געשריטענעם וועג אויף דער אידישער גאַס פון אַמעריקע. איך האָב מיך מיט דיזען פילאָזאָפאַסטער שוין אַביסעל צופיעל באַשעפטיגט כדי ווידער ארויסצוקומען מיט נייע באווייזען. ווען איך זאָל נישט שרייבען דיזע ווערטער מיט דעם בלוט פון מיין הארץ, וואָלט עס געווען אַ גרויסאַרטיגע קאָמישע אויסשטעלונג ווי אַזוי אין אַ מוח האָבען געקענט זיך באווייזען אַזוי פיעל „נייע" ווערטער, איבער וועלכע מען האָט זיך געמוזט ברעכען דעם מוח אויסצוגעפינען, אַז זיי זיינען פּשוט'ער אונזין און פאַרקריפּלען די אידישע שפּראַך. אין די ערשטע יאָהרען פון „קונדס" קען מען געפינען פיעל הומאָר איבער דר. זשיטלאָווסקי'ס „הילצערנע" און „שטיינערנע" ווערטער, איבער וועלכע מען ברעכט זיך אויס די ציין. עס ווייזט זיך אָבער ארויס אַז די גוטע כונה פון דעם „קונדס", הגם ער קען אַמאָהל אויך האָבען אַ טעות אין געוויסע ערשיינונגען פון דער אידישער גאַס, האָט נישט געהאָלפען. קוקענדיג אויף דיזען דאָקטאָר האָבען זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען „ליטעראַטען" דאָקטוירים וואָס האָבען קיינמאָהל קיין אידיש נישט געשריבען און אונוויסענדע אינגלעך, וואו יעדער האָט געזוכט פון דער אידישער שפּראַך עפּעס אָפּצוציפּען, ביז זי האָט דערגרייכט דעם היינטיגען דור הפלגה צושטאַנד. ווען אַ בהמה קומט אין אַ ריינער גאַס און באשמוצט זי, געהען געוויינטליך נאָך קלוגע מענשען און רייניגען די גאַס אויס. דאָ אָבער זיינען די „ליטעראַטען" דער בהמה נאָכגעגאַנגען און גע־האָלפען באשמוצען די אידישע גאַס מיט דער נייער שפּראַך.

איך גלויב צו האָבען דערוייל געזאָגט גענוג וועגען דער פאַרקריפּלונג פון דער אידישער שפּראַך, הגם מען קען אויס־פילען גאַנצע ביכער מיט נאָך מעהר באווייזען ווי אַזוי דאָס נייע אויסלייגען פאַראָרימט און פאַרקריפּעלט די אידישע שפּראַך. קלוגע מענשען מעגען זיך נעמען די מיה צו באווייזען מעהר וויפיעל איך האָב געהאַט פלאַץ דאָס צו טון. איצט וויל איך געבען אַ ווינק אויף נאָך עפּעס. חוץ דעם חילוק אין דעם אויס־

ריידען פון די ווערטער אין פאַרשיעדענע געגענדען פון דער וועלט וואָס שפּיגעלט זיך אָב אַזוי גוט אויף דער אידישער גאַס פון אַמעריקע, און וואָס האָט געפיהרט דערצו מען זאָל מאַכען נייע רעפאָרמעס אין דעם אויסלייגען — איז נאָך דאָ אַ קליינער חילוק אין דער באַשטימונג פון דעם נייטראַלען הויפטוואָרט. דיזער איבעל איז נישט אַזוי גרויס ווי די פאַרקריפּלונג פון דער שפּראַך דורך דער רעפאָרמירונג פון דעם נייעם אויסלייגען — ער איז אָבער גרויס גענוג צו צוטומלען די מוחות פון די שרייבער מיט די פאַרשיעדענע אויסדרוקען זיי זאָלען זיך געגענזייטיג אָנרופען קאַליקעס און נישט קיין שרייבער. איבערהויפּט זיינען עס די ליטפאַקעס וואָס ווערען צוטומעלט ווען זיי דאַרפען באַשטימען דעם נייטראַלען מין. אַזוי איז מיר אויסגעקומען צו זעהן ווי אַ שרייבער האָט יוצא געוועןביידע דיעות אין זיין באַשטימונג פון אַ נייטראַלען הויפטוואָרט אין אַ זעהר וויכטיגען זאַץ, וואו ער האָט אַגיטירט פאַר געוויסע קינדער־שולען. „דער קינד", — האָט ער אָנגעהויבען דעם זאַץ — „דאַרף אַזאַ שולע וואו אירע (דעם קינד'ס) נויטען, אירע פייאיגקייטן..." און אַזוי ווייטער. אַט האָט איהר אַ זאַץ מיט אַ הויפטוואָרט וואָס ווערט אי באַצייכענט בלשון זכר אי בלשון נקבה. פון דעם קומט אויך ארויס געוויסע צוטומלענישען אין דער אידישער גראַמאַטיק. און דורך דעם האַסט איין שרייבער דעם צווייטען. ווען איינער שרייבט „דאָס מיידעל", „דאָס פערד" און אַזוי ווייטער, און דער רעדאַקטאָר איז אַ ליטפאַק, וועט דער ליעצטער גאַנץ זיכער האַלטען דעם ערשטען פאַר אַ קאַליקע, ווייל אין ליטע זאָגט מען „די מיידעל", „דער פערד" און אַזוי ווייטער. עס זיינען נאָך דאָ אַנדערע קלענערע איבלען אין דער אידישער שפּראַך, אָבער נישט דאָ איז דער אָרט זיי אַלע אויסצורעכענען. וואָלט עס נישט צייט געווען דיזע אַלע גרעסערע און קלענערע איבלען צו באַזייטיגען און דורך דיזעם, אין דער שריפט לכל הפחות, צו פאַראייניגען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, וואו אידיש ווערט גערעדט און געשריבען? אַזאַ פאַראייניגונג קען זיך אויס־

דאַכטען צו זיין נישט מעהר ווי אַ חלום. עס איז אָבער די גרינגסטע זאַך דאָס אויסצופיהרען ווען איינפלוסרייכע אידישע שרייבער פון דער גאַנצער וועלט זאָלען זיך אַ נעם טון צו דעם. אַ אידישע גראַמאַטיק, פאַרפאַסט פון פאָרשטעהער פון אַלע אידישע געגענדען, וואָלט געקענט העלפען צו דעם. אויך איז נויטיג אַ אידיש־אידישער ווערטער־בוך, אויסגעאַרבייט פון פאָר־שטעהער פון אַלע געגענדען וואו די אידישע שפּראַך ווערט פאַר־שיעדען אַרויסגערעדט, כדי איין איד מיט דעם אַנדערען זאָל זיך, שריפטליך, קענען איינפאַרשטעהן. אין אַמעריקע איז דאָ אַ קולטור ליגע מיט אַ י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין — וואָלט נישט צייט געווען זיי זאָלען צונויפרופען אַ ליטעראַרישען וועלט־קאָנ־גרעס, וואו פאָרשטעהער פון אַלע מינים אידישע ווערטער אויס־דרוקען זאָלען זיך באַטייליגען און אויסאַרבייטען פּלענער פאַר אַן איינהייטליכען אידיש־אידישען ווערטער־בוך פאַרבונדען מיט אַ גראַמאַטיק? איך בין זיכער דאָס יעדער איד וואָלט געהאָלפען פינאַנסירען די קאָסטען פון אַזאַ גרויסער אונטערנעמונג. עס וואָלט ווערט געווען די אָנשטריינגונג, ווייל אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט וואָלטען זיך ליטעראַריש געקענט פאַראייניגען צו גונסטען אויך פון געזעלשאַפטליכע צוועקען. חוץ דעם וואָלט אַזאַ אונטערנעמונג געלעגט דעם פונדאַמענט, אויף וועלכען אַ נייע שעהנע אידישע פאַראייניגטע ליטעראַטור אויף דער גאַנצער וועלט זאָל אויף איהר קענען געבויעט ווערען.

איך האָב אָבער מורא דאָס אויך דיזע ערנסטע ווערטער וועלען בלייבען ווי אַ קול אין דער מדבר. ווער וויל זיך דען צוהערען וואָס אַ פאַרשוויגענער שרייבער האָט צו זאָגען? אָבער דער ליטעראַרישער גאָט פון נקמה, דאָס פאָלק, איז זיך נוקם אָן די ליטעראַטען פאַר זייערע זינד. דאָס אינטעליגענטע פאָלק האָט פאַרלוירען דעם צוטרויען צום אידישען וואָרט, צו דער רעפאָר־מירטער און פאַרקריפּעלטער בעסערער אידישער שפּראַך און קיינער וויל זיך נישט צוהערען וואָס די נייע שרייבער האָבען צו זאָגען. און ווען נישט דער הצלחה צושטאַנד פון דיזען לאַנד

גופא, וואו די אינדוסטריע באצאַהלט פאַר אַלעס און האַלט אויף מיט די רעקלאַמעס טעגליכע צייטונגען און אַנדערע ווינציגע אויסגאַבען, וואָלטען די „גליקליכע" שרייבער געשטאָרבען פון הונגער. איך גלויב אָבער אַז ערנסטע מענשען דאַרפען זיך נישט פיהלען גליקליך ווען דער אינטעליגענטער לעזער הערט זיך נישט צו צו זייערע ווערטער, ווען די אידישע שפּראַך ווערט פאַר־קריפּעלט און פאַרווילדעט, און ווען די אידישע ליטעראַטור זינקט אַלץ טיעפער און טיעפער אין אַ בלאָטיגען זומפּ.

וועגען זשורנאַליסטען און זשורנאַליזם אויף דער אידישער גאַס.

די ליטעראַרישע אידישע גאַס פון אַמעריקע ליידט פון דעם צושטאַנד וואָס עס איז נישטאָ קיין באַוואוסטע עפענטליכע מיינונג צו פאַרטיידיגען אַן אונגערעכטע זאַך וואָס איז געדרוקט אין דיזער אָדער אין יענער צייטונג, אָדער אויב אַ געוויסע ערשיינונג ווערט פאַרשוויגען. אורזאַכען, וועלכע האָבען גע־בראַכט צו דיזען צושטאַנד זיינען דאָ פיעלע: דאָ וועל איך ברייננגען נאָר אַ פּאָר.

צום ערשטען איז עס אַ באַוואוסטער פאַקט אַז אונזערע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענטען — יענע וואָס וואָלטען געקענט צונויפשטעלען אַ געזונטע עפענטליכע מיינונג — לייענען נישט קיין אידישע טעגליכע צייטונגען. און באַשולדיגען יענע אינטע־ליגענטען קען מען נישט; גאָר פּשוט דערפאַר ווייל זיי האָבען נישט וואָס צו לייענען. די טעגליכע אידישע צייטונגען ווערען געשריבען פאַר דער גרויסער מאַסע אידישע לעזער וואָס קענען קיין ענגליש נישט לייענען. פאַר דיזען סאָרט לעזער האָט מען נישט קיין דרך ארץ און מיט וואָס מען שטאָפּט זיי, מוזען זיי עס פאַרדייהען, אָדער זיי פאַרדייהען עס פרייוויליג אין זייער נישט וויסען דאָס חוץ די אידישע צייטונגען זיינען דאָ בעסערע ענגלישע צייטונגען, וואו דאָס געשריבענע וואָרט איז אָריגינעל, פריש, קלאָהר און ניי. און אָריגינעל, פריש און ניי מיינט דווקא

נישט נייע פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס זאָל, למשל, אַקעגען שטעלען דעם אינזין פון דעם דר. זשיטלאָווסקי מין און זיין גלייכען, נאָר עס מיינט פשוט אָריגינעלע און פרישע נייעס פון דער ערשטער האַנד, פון דעם סאַמע קוואַל פון דעם טעגליכען טעטיגען לעבען. די אידישע צייטונגען, הגם אין זייערע קאַנ־צעלאַריעס זיינען דאָ טעלעגראַפישע פאַרבינדונגען, דרוקען איבער זייער נייעס פון די ענגלישע טעגליכע צייטונגען. אַן אויסנאַהם קען מען זעהן אין דעם אידישען „מאָרגען זשורנאַל“, וואו מען טרעפט אין אַ פאַרקירצטער פאָרם געוויסע נייעס גלייכצייטיג מיט די ענגלישע צייטונגען. אויך אין די אַנדערע צייטונגען קען מען אַמאָהל אין אַ יובל באַמערקען אַ קליין שטיקעלע אָריגינעלע נייעס. אָבער ווייטער ווי אַמאָהל אין אַ יובל קען מען קיין אָריגינעלע זאַך אין אידישע צייטונגען נישט זעהן. פון די טעג־ליכע ענגלישע צייטונגען ווערט געשעפּט נייעס ווי פון אַן אייביג פליסענדיגען קוואַל פאַר דער אידישער באַפעלקערונג. און דער פאַקט וואָס כמעט אַלע אידישע צייטונגען האָבען אָנגעהויבען זעהר אָרים אָדער מיט זעהר ווייניג קאַפּיטאַל, איז עס ביי זיי שוין געוואָרען אַ געוואוינהייט צו געהן אַזוי ווייטער ביז משיח וועט קומען — צו פאַרקירצען און פאַרדרעהען די שטיקלעך נייעס וואָס זיי גיבען. אָט דיזער פאַקט מאַכט דאָס נייעס וואָס איז שוין אַלט עטליכע טעג, אַמאָל וואָכען און אַמאָל אפילו עטליכע מאָנאַט (וועלכעס ווערט איבערגעגעבען אין די אינעווייניגסטע זייטען אַלס „וויסענשאַפטליכע“ אַרטיקלען) זאָל איבערגעגעבען ווערען אַלס פריש־געבאַקענע זאַכען דעם אידישען לעזער. אין אַזאַ פאַל קען דער אינטעליגענטער אידישער לעזער נישט באַ־שולדיגט ווערען ווען ער ווענדעט זיך צו די אמת'דיגע קוואַלען פון דעם טעגליכען טעטיגען לעבען. און דערפאַר געהט אַלעס אַזוי גלאַט דורך, ווייל דער אינטעליגענטערער לעזער ווייסט פשוט נישט וואָס אין די אידישע צייטונגען ווערט געדרוקט. און ווען ער ווייסט נישט וואָס אויף דער אידישער גאַס ווערט געשריבען איז ער גלייכגילטיג צום אידישען וואָרט אין אַלגעמיין.

די צווייטע און וויכטיגסטע אורזאַך פאַרוואָס אַז אינטע־ליגענטער אידישער לעזער קען נישט לייענען קיין אידישע צייטונג, איז די אויפפּאַלענדיגע פלאַכקייט, מיט וועלכער אַפּילו ,יענע׳ אַרטיקלען זיינען אָנגעשריבען וואָס האָבען צו טון מיט ספּעציעלע אידישע אינטערעסען. פון וואַנען קומט אָט דיזע פלאַכקייט צו געאיבטע פּראָפעסיאָנעלע שרייבער? באַלד וועל איך פּרואווען געבען אַן אורזאַך פאַר דעם. דערווייל מוז מען צוגעבען, דאָס חוץ דער פלאַכקייט פון די געדאַנקען, זיינען די אידישע זשורנאַ־ליסטען פּונקט אַזוי פּעהיג אין זייער מלאָכה ווי אַנדערע געאיבטע אַרבייטער אין זייערע באַשטימטע פאַכען. אויף אַן אַנדער אָרט האָב איך באַמערקט דאָס נישט אָהן אַן אורזאַך האַלטען זיך די עלטערע שרייבער שטאַלץ און גרויס אַקעגען די איינגערע שרייבער, אַקעגען יענע וואָס האָבען נאָך נישט קיין שטעלע אין אירגענד וועלכער צייטונג. צו שרייבען שנעל און גלאַט מוז מען זיך לערנען, פּונקט ווי מען מוז זיך לערנען אַ נייע מלאָכה. אָט דיזע ערפאַהרונג מן־הסתם וואָס די עלטערע שרייבער האָבען מיט די נייע יונגע שרייבערס, ווען די לעצטע קומען צום ערשטען מאָהל אַן אויף אַ שטעלע אין די צייטונגען, גיט זיי די מעגליכקייט זיך צו פיהלען שטאַלץ און אַלס גרויסע קענערס. אַ נייער שריי־בער זאָל זיך גאַרנישט איינריידען, אַז ער קען פּונקט אַזוי גוט די מלאָכה פון שרייבען שנעל און גלאַט ווי די געאיבטע עלטערע זשורנאַליסטען. איבערהויפּט מוז עס זיין דער פאַל מיט דיכטער, דאָס הייסט מיט פּערזען־שרייבער. אויב אַ פּערזען־שרייבער קומט אַן צום ערשטען מאָהל אין אַ צייטונג האָט מען מן־הסתם גענוג צרות זיך אויסצושטעהן פון איהם ביז מען מאַכט איהם פאַר אַ שטיקעל „מענש“ — צו קענען אָנשרייבען אַ שטיקעל נייעס אָדער אַן אַרטיקעל שנעל און גלאַט. די איינפאַכסטע זאַצען וועלען מן־הסתם אין דער ערשטער צייט אַרויסקומען „ריטמיש“, זינגענדיג — אַזוי צו זאָגען. און דער ריטם, ווי שעהן ער מעג זיך זיין אין אַ פּערז, איז ער אָבער אַ שטערונג, אַ גרויסער חסרון ווען מען דאַרף אָנשרייבען אַ גלאַט שטיקעל

נייעס, און אפילו א גלאַטען זאַץ. און אַזוי מוז עס מן־הסתם זיין מיט יעדען נייעם שרייבער ווען ער קומט אָן צום ערשטען מאָהל אין א טעגליכער צייטונג אַלס אַרבייטער.

אָבער מעהר ווי דיזען פּאָרצוג — דער פאָרצוג פון געאיבּטער שנעלקייט און גלאַטקייט איבער א שרייבער וואָס איז נישט באַשעפטיגט אין א טעגליכער צייטונג — האָבען די עלטערע גוטע זשורנאַליסטען נישט. נאָך מעהר: — דיזער פּאָרצוג פון געאיבטקייט, פון שרייבען שנעל און גלאַט אַן איינפאַך שטיקעל נייעס, איז עס די אורזאַך פאַרוואָס מען זעהט אַזאַ אַלגעמיינע פלאַכקייט אין כמעט אַלע אידישע טעגליכע צייטונגען. הייסען הייסט עס אַז פאַר דעם פּראָסטען אידישען לעזער דאַרף מען נישט שרייבען פויגעלדיג: אָבער אין דער ווירקליכקייט, ווען אַפילו די זשורנאַליסטען פון נייעס זאָלען זיך געבען די מיה צו שרייבען אַן ערנסט אַרטיקעל מיט פולער פאַראַנטוואָרטליכער אַרגומענטאַציע, וועלען זיי עס נישט קענען. אין אַזאַ פאַל שטעהט דער דיכטער און דער ערנסטער דיינקענדיגער שרייבער פיעל העכער פון אירגענד וועלכען געאיבטען שרייבער פון א טעגליכער אידישער צייטונג. און עס איז דאָ א נאַטירליכע אורזאַך פאַר דעם. דער מענשליכער מוח איז פונקט אַזאַ פיזישע ערשיינונג ווי יעדער אַנדערער אבר. און קוים הויבט זיך איין טייל אבר אָן צו ענטוויקלען אין א געוויסער ריכטונג, ווערט דער אַנדערער טייל אָבגעשוואַכט. א מערקווירדיגע זאַך האָב איך געזעהן ביי מיינעם אַן אַרבייטס־קאָלעגע וואָס האָט געאַרבייט שטיק־אַרבייט. די דריי פינגער פון דער רעכטער האַנד נאָך דעם ווייז־פינגער זיינען ביי איהם געווען אַזוי שטאַרק, דאָס ער האָט געקענט טון מיט דער הוילער האַנד א געוויסע אַרבייט פון פאַרשרויפען א געוויסען אַרטיקעל, צו וועלכער אַרבייט מיר אַלע וואָך־אַרבייטער האָבען געמוזט נוצען א געוויסען שטאָהלענעם געצייג. דערפאַר אָבער האָט ער אַלע מאָהל געמוזט נוצען דעם שטאָהלענעם געצייג אַנצונעמען דעם שליסעל פון א בלעכעל סאַרדינס כדי עס צו קענען עפענען, וואָס אַפילו א קינד קען עס

עפּענען מיט דעם גראָבען פינגער און מיט דעם ווייז־פינגער. אין דיזען פאַל, צוליעב דער אָנשטריינגונג פון שטיק־ארבייט, האָבען זיך די דריי פינגער ענטוויקעלט אויף דעם חשבון פון די אַנדערע צוויי פון דערזעלביגער האַנד. דאָסזעלבע איז דער פאַל מיט אַלע ערשיינונגען וואו איין טייל אבר ענטוויקעלט זיך אויף דעם חשבון פון אַ צווייטען. און דאָסזעלבע איז מן־הסתם דער פאַל מיט אַלע זשורנאַליסטען. דאָס געאיבטקייט פון שרייבען שנעל און גלאַט, פון שנעל און גלאַט איבערצוזעצען איינפאַכע שטיקלעך נייעס וואָס זיינען כמעט עהנליך איינער צום צווייטען טאָג־טעגליך, האָט זיך ביי זיי ענטוויקעלט אויף דעם חשבון פון קלאָהרען דיינקען.

איך ווייס נישט אויב איינער האָט אַמאָהל נאָכגעדיינקט איבער דעם גורל פון די אידישע נייעס־שרייבער. איך נעם מיר דאָס רעכט עפּעס צו זאָגען וועגען דעם, הגם איך האָב קיינ־מאָהל נישט מיט זיי גערעדט וועגען זייער לאַגע. זייער לאַגע איז אָבער שטאַרק פאַרבונדען מיט דעם טרויעריגען צו־שטאַנד פון דער אידישער עפענטליכער מיינונג. ווען קיין אידישע אינטעליגענץ וואָס זאָל האָבען אַן איינפלוס אויף דער עפענטליכער ליטעראַרישער מיינונג איז נישטאָ, ווי איך האָב עס אין קורצען אָנגעדייטעט, בלייבען זיי דער איינציגער עלעמענט וואָס שטעלט צונויף די אידישע עפענטליכע מיינונג. און ווען זייער צושטאַנד איז אַ קרענקליכער, דאַן איז די עפענט־ליכע מיינונג אַ קרענקליכע און דערפאַר איז דער צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס אַזוי נידעריג. מען מוז דווקא נישט אַרבייטען אין אַ רעדאַקציע כדי צו וויסען אַז די טעגליכע צייטונג מוז צונויפגעשטעלט ווערען אין פאַרלויף פון אַ פּאָר שעה יעדען טאָג. אָבער אין דיזע פּאָר שעה מוז אין די רעדאַקציעס אָנגעהן אַ שרעקליך פיבערהאַפטע טעטיגקייט וואָס קען נאָר פאַרגלייכט ווערען מיט דער יאָגענדיגער שטיק־אַרבייט פון די פאַבריקען. איך גלויב, הגם פיעלע יונגע שרייבער זיינען דיזע אינטעליגענטען מיט זייער פּראָפעסיאָן מקנא, אַז עס

איז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין זיי. זייער אינטעליגענץ, די גלאַטקייט פון זייער וואונדערליכער געאיבטקייט און די שנעל־קייט פון זייער אַרבייט יעדען טאָג מוז זיי אַרויסציהען דעם מאַרך פון די ביינער. און ווען מען זאָל נאָך צורעכענען דאָס חוץ נייעס שרייבען מוזען זיי נאָך העלפען אויספילען די צייטונג אינעווייניג און מן־הסתם אויסבעסערען די שרייבערייען פון מאַנכע גדולים שרייבער און אַלערליי קאָרעספּאָנדענציעס; ווען מען זאָל נאָך צורעכענען אַז פיעלע פון זיי מוזען נאָך זוכען זייטיגע באַשעפטיגונגען כדי צו קענען לעבען ווי עס איז אַלס אינטעליגענטען, וואָס באַשטעהט מעהרסטענטיילס אויך פון שריי־בען פאַר וועכענטליכע צייטונגען, זשורנאַלען, פּריוואַטע געשעפ־טען אָדער פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס: — ווען מען דיינקט דאָס נאָר נאָך, דאַן קען מען זיך שוין פאָרשטעלען דאָס זייער „אינטעליגענטע“ לאַגע איז אַ העכסט טרויעריגע.

יאָ, זייער לאַגע איז נישט קיין איבעריג זיסע. איך גלויב דאָס עס מוזען צווישען די אידישע נייעס זשורנאַליסטען זיין פיעלע וואָס זיינען קראַנק. איך האָב זייער לאַגע נישט אונטער־זוכט כדי צו קענען געבען אַ באַשטימטע מיינונג וועגען דעם. איך ווייס אָבער דאָס אין דעם פערטעל יאָהרהונדערט וואָס איך בין דאָ האָב איך באַמערקט אַז כמעט אַלע שרייבער וואָס זיינען געשטאָרבען, זיינען אַוועק פאַר דער צייט פון דיזער וועלט, דורך קראַנקהייט אָדער פּלוצים דורך האַרץ־שלאַג. בלויז אַ פּאָר אפשר האָבען זיך אויסגעלעבט זייערע יאָהרען. צי איצטער געפינען זיך צווישען די נייעס שרייבער אַלטע לייט ווייס איך נישט. אָבער אַז פיעלע ליידען פון האַרץ קראַנקהייט איז געוויס, הגם זיי באַמערקען עס נישט אין צייט. די פיבערהאַפטע טעטיגקייט פון דעם מוח רופט אַרויס גרעסערע טעטיגקייט פון דעם האַרץ, ביז עס ווערט אָבגעשוואַכט. עס איז אַלזאָ אַ זיכערע זאַך דאָס די צייטונגס אינדוסטריע איז אויפגעבויט געוואָרען אויף קרבנות, פּונקט ווי יעדע אַנדערע אינדוסטריע. און עס איז אויך אַ זיכערע זאַך דאָס אַ זשורנאַליסט, נאָך די ערשטע פּאָר אינגערע

און קרעפטיגערע יאָהרען בלייבט אַ פיזישער און אינטעלעקטועלער שאַרבען. און צובראָכענע שאַרבענס זיינען עס אונזער אידישע עפענטליכע מיינונג. איז עס אַ וואונדער, אויב אַ בוך ווערט שוין אַפילו פון עמיצען געלייענט, וואָס דיזע זשורנאַליסטען קענען זיך נישט אַרויסגעבען אַ באַשטימטע מיינונג, וועלכע ליטעראַרישע אַרבייט איז גוט און וועלכע שלעכט? איז עס אַ וואונדער וואָס זיי קענען זיך נישט אַרויסגעבען קיין באַשטימטע מיינונג, אַפילו מיט זייער בעסטען ווילען, וועלכער שרייבער איז אַ גוטער און וועלכער אַ שלעכטער?

און חוץ דעם וואָס די ליטעראַטור ליידט דורך דער צו שטאַרקער פעהיגקייט פון די אידישע נייעס שרייבער, ליידט זי אויך פון דער איינזייטיגער קלוגשאַפט פון אַלע שרייבער אינאיינעם, וועלכע דערשמעקען באַלד די פּאָליטישע טענדענץ פון יעדער צייטונג, פון דער „פּאָליסי“, ווי עס הייסט אויף ענגליש, פון די אינטערעסען, וועלכע יעדע צייטונג פאַרטרעט. פּונקט ווי אַ נייער שרייבער ווערט געלערנט צו שרייבען גלאַט און שנעל אַ שטיקעל נייעס, אַזוי ווערט ער מן־הסתם דרעסירט צו פאַרשטעהן די אינטערעסען פון דער צייטונג. די אַלטע און די קלוגערע שרייבער פאַרשטעהען שוין אַליין וואָס זיי האָבען צו טון. און אַזוי זעהען מיר אַ וואונדערליכע ערשיינונג ספּעציעל אויף דער אידישער גאַס דאָס יעדעס שטיקעל נייעס וואָס קומט פון דעמזעלביגען קוואַל פאַר אַלע אידישע צייטונגען, זאָל אויף זיך טראָגען דעם שטעמפּעל פון יעדער צייטונג באַזונדער. און עס ווערט באַטראַכט אַלס די גרעסטע אונפעהיגקייט ווען אַ שרייבער קען זיך נישט צופּאַסען צו שרייבען יעדע שורה, צי זי איז אמת צי נישט, אַזוי ווי די אַלגעמיינע טענדענץ פון דער צייטונג געהט אַרויס. דערפאַר קען מען זעהן דאָסזעלביגע שטיקעל נייעס אין יעדער צייטונג אַנדערש אָנגעשריבען. אין אַ סאָציאַליסטישער צייטונג וועט עס אַרויסקומען סאָציאַליסטיש און העצעריש; אין אַ רעליגיעזער צייטונג וועט עס טראָגען דעם כאַראַקטער פון אַ רעליגיעזער פּאַסירונג; אין אַ נאַציאָנאַליסטישער צייטונג אָדער

ציוניסטישער וועט עס ארויסקומען שאָוויניסטיש און וועט שמע־
קען מיט אַנטיסעמיטיזם און מיט אַן אַנקומענדער סכנה פאַר
אידען. און אַזוי וועט אין יעדער צייטונג, הגם גלאַט און שעהן
אָנגעשריבען, זיין דאָסזעלביגע שטיקעל נייעס אַנדערש געפעלשט
און פאַרדרעהט. אַט דיזער ספּעציעלער צושטאַנד פון דער אידי־
שער גאַס ברייננגט אַמאָהל צו קאָמישע ערשיינונגען, וואָס אַפילו
אַן אונשולדיג שטיקעל נייעס וואָס האָט גאָרנישט צו טון מיט
פּאָליטיק אָדער רעליגיאָן זאָל אויך זיין טענדענציעז אָנגעשריבען,
ווייל געוואוינהייט איז שוין אַ צווייטע נאַטור. אין אַזעלכע
פאַלען, ווען איין און דאָסזעלבע שטיקעל נייעס איז איבערגע־
געבען פונקט פאַרקעהרט ווי אין דער צווייטער צייטונג זעהט
מען ערשט דעם געזונקענעם צושטאַנד פון דער אידישער פּרעסע.
מיט אַ געוויסער צייט צוריק האָט דער גרויסער ערפינדער
עדיסאָן זיך ארויסגעזאָגט אַ געוויסע מיינונג וועגען די גע־
היימניספאָלע קרעפטען פון דער נאַטור ביי אַ געוויסע געלעגענ־
הייט. אַזאַ מאַן, וועלכער איז אַזוי נאָהענט צו די פיזישע און
בעמישע קרעפטען פון דער נאַטור און קען זיי אַזוי גוט, וועט
געוויס נישט ריידען מעהר ווי דאָס, וואָס ער זעהט מיט די
אויגען. ווייטער געהט עס איהם נישט אָן און ער זאָגט עס
אָפּענהאַרציג ארויס דאָס מען קען גאָרנישט וויסען וואָס אין
„יענער זייט" פון די געהיימע קרעפטען איז פאַראַן. אין אַלע
ענגלישע צייטונגען איז עדיסאָן'ס מיינונג איבערגעגעבען גע־
וואָרען קאָרעקט אַזוי ווי זי איז ארויס פון זיין מויל: אָבער
אין די אידישע צייטונגען איז זי פאַרדרעהט און פאַרפעלשט
געוואָרען. אין אַ פּאָר צייטונגען איז אין קורצען געווען איבער־
געגעבען דאָס עדיסאָן זעהט אַ גאָט; אין די אַזוי גערופענע פרייע
צייטונגען איז אין קורצען איבערגעגעבען געוואָרען דאָס עדיסאָן
איז אַן אטהעאיסט ווייל ער זעהט נישט קיין גאָט אויף דער
וועלט. און אַזוי, ביי דער מינדעסטער ערשיינונג וואָס די שריי־
בער דאַכט זיך אויס אַז אַ שטיקעל נייעס וואָס איז אמת קען

שאטען דער טענדענץ פון דער ציטונג, פעלשען זיי עס און פאַר־דרעהען עס און פּטור.

אַט דיזע באַוואוסטע און אינבאַוואוסטע טענדענציעזע פעל־שונג איז אויף דער אידישער גאַס ענטוויקעלט ביז צום העכסטען גראַד. אַלע, פון גרויס ביז קליין, זיינען מיט דיזער קראַנקהייט אָנגעשטעקט. מען דאַרף נאָר אַ קוק טון ווי שנעל דער פאַר־שטאָרבענער אַלטער גוטער יצחק אייזיק האָט זיך צוגעפּאַסט צום „פאָרווערטס" סקאַרבאָווען סטיל פון העצערישער פּראָפּאַגאַנדע וואו מען דאַרף און וואו מען דאַרף נישט. נאָר לאָמיר זיך אומ־קעהרען צו די נייעס. עס איז אַזוי ווייט געקומען דאָס מען קען אין די אידישע ציטונגען פּשוט נישט זעהן אַן איינפאַך קאָרעקט שטיקעל מ ע נ ש ל י כ ע נייעס, נישט באַפאַרבט פון אַ געוויסער טענדענץ. אין די ענגלישע ציטונגען זעהט מען קיינמאָהל נישט אַזאַ זאַך. אויב איך וויל זעהן אפילו אַ קאָ־רעקטען באַריכט פון אַ געוויסער סאָציאַליסטישער פּאַסירונג, וועל איך עס געפינען אין דער „פאַרביסענער" קאַפּיטאַליסטישער „טיימס" און נישט אין דעם סאָציאַליסטישען „פאָרווערטס". דעם 12טען פעברואַר, 1924, איז נאָכמיטאָג מעקדאָנאַלד אַרויס פאַר דער וועלט מיט זיין ערשטער רעדע אַלס סאָציאַליסטישער פּרעמיער פון ענגלאַנד. דעם 13טען פעברואַר 5 אַ זייגער גאַנץ פריה האָב איך די גאַנצע רעדע געלייענט אין דער „קאַפּיטאַליס־טישער" „טיימס"; אָבער אין דעם „סאָציאַליסטישען" „פאָר־ווערטס" האָב איך ביז היינטיגען טאָג (ווען איך שרייב דיזע שורות) מעקדאָנאַלד'ס רעדע נישט געזעהן. אָנשטאָט דעם האָב איך געזעהן די געוויינטליכע פאַרקירצטע און פאַרפעלשטע שטי־קעל נייעס וועגען זיין רעדע. און עס איז קיין צווייפעל נישט דאָס אונטער אַ מענשליכער און עהרליכער רעדאַקציע וואָלט די גאַנצע רעדע געקענט ערשיינען אין „פאָרווערטס" אין דעמזעל־ביגען טאָג מיט אַלע ענגלישע ציטונגען. דאָס וואָלט געקענט אַריין מיט ווינציגער הוצאות ווי פיעל דער „פאָרווערטס" האָט זיך געלאָזט קאָסטען ספּעציעל צוליעב מעקדאָנאַלד'ען. מען קען

די „קאַפּיטאַליסטישע“ צייטונגען באַשולדיגען דאָס זיי פּאַררוקען אַמאָהל אַ געוויסע נייעס אין אַ ווינקעל, און גיבען אַ פּראָמי־נענטען אָרט יעדע נייעס וואָס האָט צו טון מיט דער פינאַנ־ציעלער וועלט: אָבער אין פעלשען און פאַרדרעהען די נייעס קען מען זיי קיינמאָהל נישט באַשולדיגען. אין די אידישע צייטונגען איז אָבער די טענדענציעזע פעלשונג אַ טעגליכע כשר׳ע ערשיינונג און האָט זיך ענטוויקעלט צו אַ ליטעראַרישער קראַנק־הייט. און ווען עס ערשיינט אַ ליטעראַרישע זאַך אויף דער אידישער גאַס ווערט עס אויפגענומען אין דיזען קרענקליכען גייסט. יעדער שרייבער וועט אויף דעם קוקען צי עס פּאַסט פאַר דער טענדענץ פון זיין צייטונג, חוץ וואָס איהם וועט זיך אויסדאַכטען אז דער אונאָבהענגיגער שרייבער קען נישט שרייבען גענוג גלאַט אַזוי ווי ער אַליין איז געאיבט אַלס זשורנאַליסט.

און די געאיבטקייט אַליין פון די באַשעפטיגטע שרייבער איז אויך נישט אַלע מאָהל פון דעם בעסערען סאָרט. די געאיבט־קייט פון שרייבען שנעל גלאַטע זאַצען איז אַמאָהל אַ גרעסערע קונסט ווי שרייבען שנעל גלאַטע פּערזען. אָבער איןביידע פאַלען האָבען פיעלע אַ טעות — דעם ערשטען האַלט מען פאַר אַ גע־וואַלדיגען דיינקער און דעם צווייטען פאַר אַ געוואַלדיגען פּאָעט. און דאָך איז עס אין ביידע פאַלען נישט מעהר ווי געוואוינהייט. די געוואוינהייט מאַכט די זשורנאַליסטען, און ספּעציעל די נייעס שרייבער, צו נוצען כמעט אַלע מאָהל דיזעלביגע פאָרמען פון פראַזען, אויסדרוקען און זאַצען. און אָט אין דיזער געוואוינהייט באַשטעהט די פלאַכקייט פון די אידישע זשורנאַליסטען. צו ברייגען אויסצוגען פון דיזען סאָרט איז נישט נויטיג איצט: אויב איך וועל צייט האָבען וועל איך אַמאָהל מיין מאַטעריאַל אויסנוצען. איך קען מיך אָבער נישט צוריקהאַלטען צו דער־מאָהנען אַ באַקאַנטען פאַקט. עס איז דאָ אַ באַקאַנטער זאַץ אָדער פראַזע: „ער האָט געגלענצט מיט זיין אָבוועזענהייט“. וועט מען דיזען זאַץ, וואָס קריכט שוין יעדען פון האַלז, נוצען כמעט טעגליך צי מען דאַרף, צי נישט. און ווען איינער וועט

אין פּראָסטע ווערמער שרייבען דאָס דער אָדער יענער גדול איז נישט געקומען צו אַ געוויסער פאַרזאַמלונג, וועט מען איהם זיכער באַטראַכטען פאַר אַן עם האָרץ אָדער קאַליקע. און ווען דער „קונדרס“, למשל, וועט אריינשטעלען אַ געלונגענעם וויצעל אָדער שפּריצעל וועט מען עס אויפכאַפּען אונבאַוואוסטערהייט, פון גע־וואוינהייט, עס אריינשמוגלען אין די נייעם שטיקלעך און עס נוצען טאָג איין, טאָג אויס, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַן ער־פינדונג פון די זשורנאַליסטען אַליין. אָט צו דיזען צושטאַנד האָט געבראַכט די איבונג פון שנעלקייט אין די טעגליכע צייטונ־גען, און ביז צו אַ געוויסען גראַד די איבונג צו שרייבען בדחנ'י־שע און גלאַטע פערזען וואָס מ'ען נעמט אָן פאַר הויכער פּאָעזיע. און מען קען זיך שוין פאָרשטעלען וואָס אַזאַ מין קרענקליכע ערשיינונג באַטייט פאַר אַ נייעם שרייבער. אַ נייער שרייבער ערשיינט אין אַזאַ עפּענטליכער מיינונג ווי אַ קרענק, ווי אַ ווילדער צוליעב זיין איינפאַכען, הגם גוטען שרייבען.

און צו דעם אַלעמען ליידט אויך די אידישע גאַס פון אַ מאָדנער קראַנקהייט, וועלכע איך וועל דאָ באַצייכענען מיט דעם נאָמען „קאָלעגיאַליטיס“. אפילו דיזער נאָמען אַליין איז אויך פון אַ זשורנאַליסטישער פראַזע. עס הערשט אַן אויסערגעוועהנ־ליכע פריינדשאַפט, פון אויווען אויף, צווישען איין באַשעפּטיגטען שרייבער און דעם צווייטען. דאָס איז נישט נאָר צווישען די נייעם שרייבער, נאָר אויך צווישען אַלע באַשעפּטיגטע שרייבער פון דער אידישער גאַס. קיין שלעכטע זאַך איז דאָס זיכער נישט — אָט די דאָזיגע פריינדשאַפט. די צרה איז נאָר וואָס אָט די דאָזיגע פריינדשאַפט, ווען זי ווערט מיסברויכט, שאַדט דער אידישער ליטעראַטור. קוים וועט אַ באַקאַנטער שרייבער פון דעם „פאַך“ עפּעס ארויסגעבען וועט מען עס לויבען אויף וואָס די וועלט וועט שטעהן. און ווען עפּעס וועט ערשיינען פון אַ נישט באַשעפּטיגטען שרייבער אָדער פון אַ נייעם טאַלאַנט וועט מען עס פאַרשווייגען אָדער „טויטען“, — ארונטעררייסען, הייסט עס. און דיזע ערשיינונג, ווי אַ מאַגנעט, האָט אויך אַ

נעגאַטיווען פאַל. פאַר דער קלענסטער קריוודע וואָס איינער פון די באַשעפטיגטע שרייבער האָט צו איינעם פון די נישט באַשעפטיגטע — אַ קריוודע וואָס איז אפשר אַ קליינינגקייט, וואָס איז גאָר אינגאַנצען קיין קריוודע נישט — וועט שוין דיזער באַשעפטיגטער שרייבער אַרבייטען מיט אַלע כחות דעם נישט באַשעפטיגטען שרייבער צו באַקעמפען. און ביי אַ נייעם שרייבער, אָדער אפילו ביי אַן עלטערען שרייבער וואָס איז נישט באַשעפטיגט, וואָס איז מחוץ למחנה, קען אפילו אַ קאַץ אויך קאַליע מאַכען דעם געווינשטען איינדרוק. אין אַזאַ פאַל, צו ליבען אַ שלעכטע ליטעראַרישע אַרבייט מיט דעם פולען באַוואוסטזיין, הייסט פשוט ארויסצונעמען דאָס געלד פון דעם לעזער'ס קעשענע. די זשורנאַליסטען און די באַשעפטיגטע שרייבער מיינען געוויס דאָס ווען זיי האָבען אַ פעדער אין דער האַנד קענען זיי מיט איהר טון וואָס זיי ווילען. ווער שטערט זיי דען אין דיזען הפקר צושטאַנד? אָבער דער לעזער, דער אינטעליגענטערער, שלאָגט כפרות מיט דעם גאַנצען הפקר צושטאַנד און וויל זיך נישט צוהערען צו די מיינונגען פון די באַקאַנטע שרייבער און קריטיקער. די באַשעפטיגטע שרייבער האָבען אַלזאָ אַליין געבראַכט אויף זיך דעם צושטאַנד, וואָס קיינער וויל זיך נישט צוהערען צו זיי און זיך רעכענען מיט זייער מיינונג. זיי האָבען אַליין באַשמוצט זייער פראָפעסיאָן; אָנשטאָט זי צו האַלטען הויך און ריין האָבען זיי די שעהנע פראָפעסיאָן אריינגעשליידערט אין אַ שמוציגען זומפ.

עס איז אָבער קיינמאָהל נישט צו שפעט צוריק אויפצוהויבען אַ שעהנע פראָפעסיאָן צו איהר הויכען צושטאַנד און צו געווינען דעם רעספעקט און דעם צוטרויען פון דעם אינטעליגענטערען לעזער. זאָלען נאָר די שרייבער איינמאָהל פאַר אַלעמאָהל באַשליסען צו זיין ערליך צו זיך אַליין, נישט צו דער פערזאָן פון אירגענד וועלכען שרייבער, וועלען זיי שוין נויטווענדיגער ווייזע מוזען באַטראַכטען יעדע ליטעראַרישע אַרבייט נאָך איהר אמת'דיגען ווערטה. עס איז אפשר שווער אָנצוהויבען פון דאָס

ניי: איז עס אָבער נישט ווערטה די מיה צו געווינען דעם רעס־פּעקט פון דעם לעזער און צו ברייגנען די אידישע ליטעראַטור צו ווייטערען פאָרטשריט? איז עס נישט ווערטה די מיה צו העלפען מיט א פריינדליך וואָרט, מיט אַן ערנסטער מיינונג ארויסצוראַטעווען די ליטעראַטור פון דער אידישער גאַס פון דעם געזונקענעם צושטאַנד, אין וועלכען זי געפינט זיך?

וועגען די פיעלע ליטעראַרישע זשורנאַלען וואָס ערשיינען אַלע מאָהל אויף דער אידישער גאַס.

דער גערעטעניש אויף ליטעראַרישע זשורנאַלעכלעך, וואָס ערשיינען אין נישט מעהר ווי איין־איינציגען נומער, און אַמאָהל מעהר, האָבען פיעל בייגעטראָגען צו דעם מיסטרויען פון דעם אידישען וואָרט. וואָס פאַר אַ סאָרט דיכטער און שרייבער זיינען אַלע יענע וואָס רופען זיך „יונגע“ און וואָס גרופּירען זיך אַרום די נייע אָדער שוין אַלט־נייע זשורנאַלעכלעך? צום באַדויערען מוז מען זאָגען דאָס זייער גאַנצע דיכטעריי און שרייבעריי האָט נישט דעם מינדעסטען רעכט זיך צו רופען ערנסטע ליטעראַטור. צוליעב אַ שוואַך ליעדעל אָדער אַ שלעכטער און שוואַכער סקיצע דאַרף קיינער נישט מאַכען קיין גערודער, און דורך דעם גערודער אַפּעלירען צו דעם אינטעלי־גענטערען לעזער דאָס ער, דער לעזער, זאָל פאַרלירען צייט און געלד אויף צו לייענען די אַלערליי זשורנאַלעכלעך. אָבער דאָס איז עס — שוואַכע ליעדעלעך און אונבאַדייטענדע סקיצעלעך, וואָס די נייע זשורנאַלעכלעך גיבען דעם לעזער און נישט מעהר. אָבער דיזער פאַקט שטערט דער ענטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס. און ווען עס געפינט זיך צווישען די נייע אָדער יונגע שוין יאָ אַ בעסערער דיכטער אָדער אַן ערנסטער שרייבער, שענקט שוין קיינער נישט קיין אויפמערקזאַמקייט אויף איהם, צוליעב דער מעהרצאָהל פון די שלעכטערע. דער בעסערער דיכטער אָדער דער נייער ערנ־

סטער טאַלאַנט ווערט בטול בששים צווישען די וועניגער פון מיטעלמעסיגע און שלעכטע.

וואָס איז דער צוועק פון אַ זשורנאַל? צו ווייזען דער וועלט וואָס מען האָט איהר צו זאָגען. אָבער די יונגע שרייבער, ווי עס ווייזט אויס, האָבען נישט וואָס צו זאָגען. פון יונגע שרייבער ערוואַרטעט מען צו הערען עפּעס אַ ניי וואָרט, צו זעהן אַ סימן פון אינטעלעקטועלען לעבען, פון פרישע און דער־קוויקענדיגע קלאָהרע געדאַנקען און אַ מוטיגען אַרויסטרעטען קעגען אַלטע און פאַרשימעלטע געדאַנקען, קעגען שלעכטע צו־שטאַנדען פון אַ געוויסער אומגעבונג. אָבער די אַלע זשור־נאַלכלעך, וואָס האָבען זיך באַוויזען זייט יאָהרען אויף דער ליכטיגער וועלט און באַלד טאַקי אויסגעגאַנגען, און אפילו יענע וואָס האַלטען זיך מיט מיה אַביסעל לענגער, זיינען אַזוי עהנליך איינער צום צווייטען, גלייך ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. אַ צוויפעלהאַפט ליעדעל, אַ שלעכט סקיצעלע, עטליכע פאַרשטיקטע, נאַרישע און אונקלאָהרע ווערטער אַלס אַזוי גערו־פענער פּראָטעסט פאַרוואָס מען האַלט די נייע דיכטער נישט פאַר קיין גרויסע ליטעראַטען, און אַ גרויסען אָנשטעל דאָס זיי געהען גרינדען אַ „היים“ פאַר דער אידישער ליטעראַטור — אָט דאָס איז דער גאַנצער אינהאַלט פון די טויטע אָדער טויט־געבוירענע זשורנאַלעכלעך. אייניגע האָבען נאָך צוגעגעבען שלעכטע אָנגעהויבענע איבערזעצונגען, און אַלע, צו באַווייזען אַז די אַרויסגעבער זיינען ערנסטע ליטעראַטען, האָבען נאָך רעקאָמענדירט דעם לעזער שלעכטע ליטעראַרישע אויסגאַבען אַלס די בעסטע ליטעראַרישע ערשיינונגען. אָבער קיין איינציגער פון די אַלע זשורנאַלעכלעך האָט נישט אַרויסגעוויזען אירגענד וועלכען סימן פון מוטה ביי אַן ערנסטער ערשיינונג.

מען דאַרף נאָר געבען אַ בליק צוריק אויף דער צייט ווען איך האָב אַרויסגעגעבען מיין פּראָטעסט ביכעל „ווערטער פון אַ ליטעראַרישען קרענק“. האָב איך מיך דען נישט אָנגענומען די פריוודע פון די יונגע שרייבער? און דאָך האָט קיין איינציגער

שרייבער אין די אַלע זשורנאַלעכלעך נישט אַרויסגעוויזען דעם מינדעסטען סימן פון מוטה צו זאָגען אַ וואָרט וועגען מיין ביכעל. איך מיין דווקא נישט אַ גוט וואָרט! איך מיין פשוט אַ וואָרט וואָס זאָל אַרויסווייזען זייער מוטה, זייער שטעלונג אין אַזאַ ערנסטער פראַגע, וועלכע איך האָב געבראַכט אויף דער ליכטיגער וועלט. אָבער די חניפה פון די אַלערליי דיכ־טערלעך און שרייבערלעך צו די גדולים פון דער אידישער גאַס איז געווען אַזוי איינגעפרעסען אין זייערע ביינער, און איז נאָך איצט אויך, דאָס זיי האָבען אפילו מורא געהאַט צו דערמאָהנען מיין נאָמען אָדער דעם נאָמען פון מיין ביכעל. אין פאַרלויף פון יאָהרען האָבען פיעלע פון די אַרויסגעבער זיך געווענדעט צו מיר איך זאָל צושטעהן צו זייערע גרופּעס און מיט זיי מיטאַרבייטען. אָבער מיטאַרבייטען אין די קליינע זשורנאַלעכלעך האָב איך מיך אָבגעזאָגט. נישט איצט איז די צייט צו זאָגען פאַרוואָס איך האָב מיך נישט באַטייליגט אין דער מיטאַרביי־טערשאַפט פון די קליינע זשורנאַלעכלעך. אָבער פון דעם קען מען זעהן אַז כמעט אַלע שרייבער האָבען גוט געוואוסט פון מיר און מיין ביכעל. און דאָך האָבען זיי קיין מוטה נישט געהאַט צו זאָגען דאָס מינדעסטע וואָרט.

איך וויל זיין קלאָהר. איך רייד דאָ נישט פון די אַלערליי שרייבערלעך מיט אַ געפיהל פון כעס פאַרוואָס זיי האָבען מיר נישט געהאָלפען צו קריגען אַ גרויסען נאָמען. איך דאַרף נישט אַ נאָמען פון דיזען סאָרט! דאָס האָב איך ערקלעהרט אין מיין ביכעל נאָך מיט 15 יאָהר צוריק. אַ נאָמען האָט נישט קיין ווערטה ווען אונטער איהם ערשיינט אונזין, שאַרלאַטאַנעריי, שלעכטע ליטעראַטור און גלאַט שוואַכקייטען און נאַרישקייטען. אויך בין איך גאַנץ גוט באַוואוסט ביי מיר אַז זיי האָבען מיר גאָרנישט געקענט העלפען, ווייל זיי אַליין זיינען דעמאָלט נישט געווען אין אַ בעסערער לאַגע פון מיר, און פיעלע זיינען עס נאָך עד היום. אָבער וואו איז דער מוטה זייערער? וואו איז די אינטעליגענץ וואָס פאָדערט זיך פון יונגע שרייבער, וואָס

ווילען ווייזען אַז זיי טוען עפּעס אויף? וואָס איז עס מיט די אַלע געוועזענע און איצטיגע יונגע שרייבער פון דער אידישער גאַס?

דער אמת איז, ווי איך האָב עס שוין טיילווייז אָנגעוויזען, דאָס יענע אַלע געוועזענע און איצטיגע „יונגע" זוכען נישט מעהר ווי באַקאַנט צו מאַכען זייער נאָמען. דער נאָמען, האָפען זיי, וועט זיי אַריינברענגען אַ שטעלע אין אַ צייטונג. ערנסטקייט, מוטה, קלאָהרקייט פון שרייבען, נייקייט פון שעהנע געדאַנקען — דאָס אַלעס איז נישט אין זייער געביעט. לוינט זיך עס צו מאַכען אַזאַ גערודער כדי איינער זאָל אַמאָהל אין אַ יובל קריגען אַ שטעלע אין אַ צייטונג אָדער איינער זאָל האָבען דאָס מזל מען זאָל פאַרלאַנגען זיינס אַ שוואַך ליעדעל אויסצופילען אַ לאָך אין אירגענד וועלכער אויסגאַבע? וואָלט עס נישט בעסער געוועזען די אַלע „יונגע" שרייבער זאָלען בלייבען באַהאַל־טען אין זייערע לעכער, פון וואַנען זיי שטעקען אַרויס זייערע נאַרישע נעזער? וואו איז דער מוטה, וואָס פאָדערט זיך פון יענע וואָס פּרעטענדירען צו זיין די צוקונפטיגע גרויסע ליטעראַטען, פיהרער און טאָנגעבער פון דעם אידישען פאָלק? פעהלען דען אוים שרעקעדיגע האָזען אויף דער אידישער גאַס?

שולדיג אין דיזער פייגהייט זיינען דווקא די מעהר טעטי־גערע פון די יונגע שרייבער, וועלכע טרעטען אַרויס אַלס רעדאַקטערע פון די טויטע זשורנאַלעכלעך. וואָס פאַר אַ מין פּערזענליכקייטען זיינען אָט דיזער מין ליטעראַרישע רעדאַק־טאָרלעך? די מעהרסטע פון זיי זיינען קליינע אַוואַנטוריסטלעך. איינער מיינט דורך אַ זשורנאַל שנעלער צו דערגרייכען זיין ציעל — צו קריגען אַ קלעגליכע שקלאַפען שטעלע אין אַ צייטונג. אַ צווייטער מיינט דווקא דאָס אָט, אָט וועט ער אָנכאַפּען דעם רבונו של עולם ביי די פּיס און די אידישע גאַס וועט איהם פאַרוואַרפען מיט לעזער און מיט אַנאָנסען, און ער וועט ווייזען וואָס ער קען. און אַ דריטער מיינט פּשוט צו כאַפּען אַ נאַש — צו פאַרדינען ביי דער זייט אַ טאָלער אָדער צוויי פאַר זיין

ארבייט אַרום דעם זשורנאַלעכעל. אָבער אַזוי שנעל ווי די זשורנאַלעכלעך קענען נישט ערשיינען, ווערען דיזע רעדאַקטאָרלעך פארשוואונדען — זיי נעמען זיך צו אַנדערע באַשעפטיגונגען. ווער מיר ליטעראַטור? וואָס מיר ליטעראַטען? אַט דאָס זיינען אונזערע גרינדער פון נייע זשורנאַלען. בלויז אַ קליינע צאָהל שרייבער בלייבט אויף דער אידישער גאַס. אָבער אויך זיי זוכען נישט מעהר ווי באַשעפטיגונג אין אַ צייטונג.

ווען אָבער די אַלע בעסערע יונגע שרייבער פון דעם גאַנצען לאַנד, און אפילו פון קאַנאַדאַ, וואָס פיהלען ווירקליך דעם דראַנג צו קעמפען פאַר אַ בעסערער ליטעראַטור זאָלען זיך פאַראייניגען און אַרויסגעבען איין־איינציגען גוטען ליטעראַרישען זשורנאַל: ווען אַלע יונגע שרייבער זאָלען זיך אַרויסווייזען צו זיין ליטעראַרישע קעמפער, צו זיין ווירדיגע קאַנדידאַטען פאַר צוקונפטיגע פאָרשטעהער פון דעם אידישען פאָלק, דאַן וואָלט מען געקענט האָפען צוריק צו געווינען דעם צוטרויען פון דעם לעזער צום ליטעראַרישען וואָרט. וואָלט עס נישט יווערטה געווען די מיה צו קעמפען אין דיזער ריכטונג כדי אוועקצושטעלען די אידישע ליטעראַטור אויף אַ געזונטען פונדאַמענט?

וואָס די אידישע גאַס האָט און וואָס זי האָט נישט.

מען קען נישט לייקענען דאָס די אידישע גאַס איז רייך אין אַלערליי אינסטיטוציעס. אָבער פון וואָס פאַר אַ מין זיינען זיי? איך וועל פּרואוועז זיי דאָ אויסרעכענען. דעם ערשטען אָרט פאַרנעמען די פאַך־אָרגאַניזאַציעס. אָבער ווי וויכטיג דיזע אָרגאַניזאַציעס מעגען זיין פאַר די ארבייטער זעלבסט — קען מען זיי נישט אָנרופען אידעאַלע. אַן אידעאַלע אָרגאַניזאַציע רוף איך אַן אַזאַ אָרגאַניזאַציע וואָס זוכט נישט קיין שום פּערזענליכען נוצען פאַר איהרע צוגויפשטעלער, חוץ איידעלקייט, גוט־האַרציגקייט, און מיט באַגייסטערונג צו זיין אַלע מאָל פאַרטיג, ווען נויטיג, צו מאַכען מאַטעריעלע קרבנות.

די פאַך־פאַראיינען, אַלזאָ, ווי שעהן זיי מעגען קלינגען אין מאַנכע אויערען, קען מען אָנרופען העכסטענס עגאָאיסטישע אָר־גאַניזאַציעס.

דעם צווייטען אָרט, הגם אין צאָהל זיינען זיי מעהר, פאַרנעמען די אָרגאַניזאַציעס פאַר געגענזייטיגער הילף. דאָס זיינען אָרגאַניזאַציעס פאַר קראַנקען בענעפיט און פאַר קרקע. אויך דיזע קען מען נישט אָנרופען אידעאַלע.

די דריטע אין דער רייהע זיינען די פילאַנטראָפּישע אינ־סטיטוציעס. דאָ געהען אַריין שפּיטאַלען און אונטערשטיצונג פאַר נויטליידענדע. דיזע קען מען שוין אָנרופען אידעאַלע, ווייל דיזע וואָס מאַכען פּערזענליכע מאַטעריעלע קרבנות פאַר אַזעלכע צוועקען, ערוואַרטען נישט צוריקצוקריגען עפּעס פון דעם וואָס זיי גיבען אַוועק מיט דעם גאַנצען הארץ.

אָבער מיט דיזע דריי מינים אָרגאַניזאַציעס איז די ליסטע פון ו ו י כ ט י ג ע אינסטיטוציעס אויסגעפּילט. די אַלע איבע־ריגע קלענערע אָרגאַניזאַציעס וואָס געפינען זיך אויף דער אידי־שער גאַס, און ווערען אויפגעהאַלטען פון אַלערליי גרופּען, קען מען נישט צורעכענען צו די וויכטיגע אינסטיטוציעס. דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי זיינען נישט פאַרזיכערט מיט זייער עקזיס־טענץ ווי די דערמאָהנטע אָרגאַניזאַציעס, און ווייל זייער גאַנצע טעטיגקייט ווערט געפיהרט איינזייטיג. און איינזייטיג מיין איך, דאָס זיי ווערען קאָנטראָלירט דירעקט אָדער אינדירעקט פון געוויסע אינטערעסען: דאָס זיינען רעליגיעזע, נאַציאָנאַליס־טישע אָדער סאָציאַליסטישע אינטערעסען.

איצט, איידער איך וועל ווייזען וואָס עס איז נויטיג צו טון אויפצוהויבען דעם צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס פון אַמעריקע, וועל איך פאַרגלייכען דאָס וואָס די אידען האָבען און דאָס וואָס די גוים האָבען. צום ערשטען וויל איך עפּעס פרעגען: קען עמיצער מיט אַ ריינעם געוויסען זאָגען, דאָס אַזעלכע אָדער עהנליכע אָרגאַניזאַציעס ווי איך האָב אויוּוען אויסגערעכענט, זיינען ביי די גוים נישטאָ? אָבער מיט

דעם פאַרגלייכען עהנליכע אינסטיטוציעס איז נאָך אַלץ נישט געזאָגט דאָס ריכטיגע וואָרט. די גייסטיגע אָרימקייט פון דער אידישער גאַס ווייזט זיך ערשט אַרויס ווען מען פאַרגלייכט זי צו דער גייסטיגער רייכקייט וואָס איז דאָ ביי די גוים. ביי די גוים זיינען דאָ פּריוואַטע פאַראיינינגונגען פאַר אַלערליי צוועקען. אָנוויזען וועל איך נאָר אויף יענע וואָס וואַרפען זיך זעהר שטאַרק אין די אויגען, דאָס קיינער וועט נישט וואַגען צו לייקענען דאָס די גוים שטעהען גייסטיג פיעל העכער פון אונז אין אַלע פּרטים, אפילו ווען מען זאָל מאַכען אַ פּראָפּאָרציאָנעלען פאַרגלייך מיט די באַפעלקערונגען. ביי די גוים, למשל, זיינען דאָ ריעזיגע מוזעאומס. און נישט נאָר האָט מען זיי אויפגעבויעט און מען האַלט זיי אויס, און די אידישע גאַס באַנוצט זיך גאַנץ גוט מיט זיי, נאָר מען לאָזט זיך קאָסטען פאַרמעגענס זיי צו באַר־בעסרען, פאַרגרעסערען און פאַרשעהנערען אָהן אַן אויפהער. ביי די גוים מאַכט מען אַלערליי וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען, וואָס ווערען אונטערשטיצט פון פּריוואַטע בייטראַגען, און די אונ־טערשטיצער חלום'ען אפילו נישט צו געווינען פון זיי פּערזענ־ליכען נוצען. חוץ דעם זיינען דאָ ביי די גוים אַלערליי געזעל־שאַפטען אָהן אַ צאָהל וואָס אַפילו די אידישע ליטעראַטען באַ־נוצען זיך מיט זיי, און זיי שטויסען דעם ראָד פון פּאָרטשריט אַלץ ווייטער און ווייטער. און דאָס אַלץ ווערט געדעקט פון פּריוואַטע בייטראַגען. מיט וואָס צייכענט זיך אויס די אידישע גאַס — דאָס פאָלק וואָס רופט זיך עם חכם ונבון און האַלט זיך קלוגער פון דער גאַנצער וועלט — מען זאָל קענען אָנווייזען כאָטש אירגענד וועלכען ברעקעל, אַ סימן פון אַן אָנהויב וואָס זאָל האָבען די מינדעסטע עהנליכקייט, אַ ווייטע, צו די לעצטע אָנגעוויזענע נישט אידישע אינסטיטוציעס? מיר קענען מיט זיכערקייט זאָגען: מ י ט ג אָ ר נ י ש ט!

וואָס פאַר אַן אָנהויב פעהלט עס אויף דער אידישער גאַס? צום ערשטען פעהלט אַ געזונטע עפענטליכע מיינונג. עס דאַרף פאַר יעדען אינטעליגענטען מענש קלאָהר ווערען ווי נויטיג עס

איז אויסצוליטערן די אידישע ליטעראַרישע גאַס פון דעם ליטעראַרישען תהו־ובהו,, אין וועלכען זי געפינט זיך איצט. דאָס איז נויטיג. צום ערשטען כדי מיר זאָלען זיך פריהער פאַר אַלעם קענען איינפאַרשטיהן. דאָרט וואו שאַרלאַטאַנעריי, אונזין, פּלוידערייען און שוואַכקייטען ווערען אונז געגעבען אַלס ליטעראַטור, ליטעראַריש־פילאָזאָפישע מייסטערווערק און פּאָעזיע; דאָרט וואו שוואַרץ־קינצלעריי און פאַלשקייט ווערט אונז געגעבען אַלס עהרליכקייט און אידעאַליזם; דאָרט וואו די אידישע שפּראַך ווערט פאַראָרימט און פאַרקריפּעלט: — אָט דאָרט דאַרף די געשאַפענע עפּיגנטליכע מיינונג פון דער אידישער גאַס אָנווייזען אַלס קוואַלען פון גייסטיגער געזונקענקייט. און ווי אַזוי קען מען דאָס טון? צום ערשטען דאַרף זיך גרינדען אַ פרייע פאַראייניגונג פון אינטעליגענטע מענשען צו שטעהן אויף דער וואַך כדי אָבצוהיטען די ליטעראַרישע גאַס מיט איהר טעטיגקייט אויף אַלע געביעטען. און ווען איך זאָג אינטעליגענטע מענשען מיין איך נישט אַזעלכע בלינדע נאָכשלעפּערס ווי יענע וואָס האַלטען אַ דר. זשיטלאָווסקי און זיין גלייכען פאַר געטער. אויך מיין איך נישט אַזעלכע בלינדע און אונעהרליכע נאָכשלעפּערס וואָס האַלטען זיך ביי די פּאָלעס פון אַ קאַהאַן. איך מיין אַ פאַראייניגונג פון מענשען — פון דער ווירקליכער אינטעלעקטועלער סמעטענע פון דער אידישער גאַס — רייכע פּראָפעסיאָנאַליסטען פון דעם גאַנצען לאַנד וואו אידען וואוינען, און אויך אָרימערע אַרבייטער מיט געבוירענער אינטעליגענץ, וואָס זאָלען אָהן פערזענליכען נוצען ווירקליך דיינקען פון דער גוטקייט, שעהנקייט, קלאָהרקייט און פון דעם פּאָרטשריט פון דער אידישער ליטעראַטור און פון דער אידישער שפּראַך. אַזאַ פאַראייניגונג, ווי געזאָגט, דאַרף זיין אַ פרייוויליגע און נישט אַ קוואַל, פון וואַנען אונריינע פערזאָנען זאָלען זוכען צו ציהען אַ פעטע חיונה. אַזאַ פאַראייניגונג וואָלט זיכער געקענט אויפטון וואונדער אויף דער אידישער גאַס. בלויז מיט איהר עקזיסטענץ אַליין וואָלט זי געקענט האַלטען ריין און ציכטיג דעם אידישען נאָמען, די

אידישע גאַס, די אינטעלעקטועלע אידישע וועלט און די אמת גוטע ליטעראַטור און די שפּראַך: מיט איהר עקזיסטענץ אַליין וואָלט זי אין אַ גאַנץ קורצער צייט געקענט געבען אַווירקליך געוואַלדיגען שטוים פאָרווערטס דער אידישער בעסערער ליטע־ראַטור. אַזאַ פאַראייניגונג וואָלט זיך שנעל געלאָזט פיהלען. עס וואָלט באַלד זיך אויפגעבויעט אַן אָבטיילענדיגע וואַנט צווי־שען דעם סאָרט אינטעליגענטען, וואָס האָבען אַזעלכע ווי קאַהאַן געמאַכט גרויס, און צווישען אמת'דיגע דיינקענדיגע מענשען מיט קלאָהרע מוחות. אַזאַ פאַראייניגונג וואָלט שנעל יעדען פון די צוויי סאָרטען אינטעליגענטען אָנגעוויזען זייערע ערטער. און דאָס אַליין וואָלט געצוואונגען שרייבער און ארויסגעבער צו קוקען מיט מיהר רעספּעקט און מיט מעהר ערנסט אויף דעם אידישען וואָרט ווי מען האָט עס געטון ביז איצט. די אידיש־ליטעראַרישע גאַס פון אַמעריקע וואָלט נויטווענדיגער ווייזע גע־מוזט אָננעמען אַן אַנדערען אָנבליק. אַזאַ פאַראייניגונג וואָלט גיצווען ווי אַן ערשטער ביסען וואָס וואָלט געמאַכט אַפּעטיט צו זיין טעטיג אויך אויף אַנדערע גייסטיגע געביעטען.

פאַרוואָס אַזאַ פאַראייניגונג איז נישט ענטשטאַנען ביז איצט קען איך נישט פאַרשטעהן. איך גלויב דאָס עס זיינען דאָ פּיעלע לעזער — דיינקענדיגע מענשען, רייכע און אָרימע, פון אַלערליי פּראָפעסיאָנען אויף דער אידישער גאַס. אָבער וואו זיינען זיי? זוכען דען אַלע דיינקענדיגע מענשען אַ שטעלע ביים „פאָרווערטס”? איז גאָר קיינער נישטאָ וואָס האָט עפּעס צו זאָגען אַ פריי און אינטעליגענט וואָרט דעם אידישען פאָלק און נישט דיינקען פון מאַכען אַ קלעגליכען לעבען אַלס פאַרשקלאַפטער שרייבער אין אירגענד וועלכער צייטונג? עס מאַכט נישט אויס צי דאָס אידישע וואָרט וועט זיך פאַרבייטען אויף אַנאַנדער שפּראַך: איז עס נישט נויטיג מיר זאָלען אין דער איצטיגער אידישער שפּראַך אין קלאָהרע ווערטער איבער־לאָזען עפּעס אַ שטיקעל גייסטיגע ירושה פאַר די צוקונפטיגע דורות? אַ פאַראייניגונג וואָלט געקענט שאַפען אַ גראַמאַטיק

און אַ אידיש־אידישען ווערטער־בוך. דאָס וואָלט געדיענט אַלס גוטער מאַטעריאַל און מיטעל אַלע זאָלען זיך איינפּארשטעהן, צי די איצטיגע אידישע שפּראַך וועט לעבען צעהר יאָהר מעהר אָדער גאָר טויזענד. איז נישט ווערטה די מיה זיך צו נעמען עפּעס אויפצוטון כדי צו האַלטען ריין דעם נאָמען איד און אינטעליגענט? און פאַרוואָס זאָל מען טאַקי נישט טראַכטען אונטערצושטיצען אַן אָרימען גוטען שרייבער ווען די געלעגענהייט באַווייזט זיך און זיינע שריפטען זיינען ווערטה פאַרעפּענטליכט צו ווערען? איז אַזאַ זאַך דען אַ זינד און אַ נאַרישקייט? און פאַרוואָס זאָל מען טאַקי נישט טראַכטען פון אַ פאָלקס־פאַרלאַג צו געבען גוטע ליטעראַטור פאַר אַ ביליגען פּרייז און נישט טראַכטען פון פערזענליכען פּראָפיט? אַ פאַראייניגונג פון אינטעליגענטע מענשען וואָלט דאָס געקענט גרינג אויספיהרען. קיין גרויסע פאַרמעגענס פאַר אַזאַ גוטען צוועק זיינען נישט נויטיג און יעדער פאַרשטענדיגער מענש און עהרליכער דיינקער וואָלט פרייוויליג ביינעשמייערט זיין חלק צו דעם. מוזען מיר דען אייביג און אייביג שטילערהייט צוקוקען ווי קאַהאַן און יענע וואָס חנפה'נען איהם האַלטען די אידישע ליטעראַטור ביי זיך אין די קעשענעס? פּאַסט עס פאַר אַ פאָלק, וואָס האַלט זיך פאַר אַן עם הספר, דאָס אַ ליטעראַרישער שוואַרץ־קינצלער זאָל איהם פיהרען פאַר דער נאָז? פּאַסט עס פאַר אַ פאָלק דאָס גייסטיגע קריפּעלס און נאַרישע אינגלעך זאָלען מאַכען געוואַלדען אַז זיי זיינען עס זיינע גייסטיגע פיהרער? ביז איצט זיינען מיר געוועזן אָבגעלאָזט, פויל, גלייכגילטיג, און מיר האָבען חוזק געמאַכט פון אידישע שרייבער; אָבער וואָס האָבען מיר מיט דעם אויפגעטאָן? און מוז עס דען אייביג אַזוי בלייבען?

צום שלום וויל איך נאָכאַמאָל זאָגען דאָס עס איז קיינמאָל נישט צו שפּעט מיט אַן אָנהויב אויפצוטון אַ גוטע זאַך. איך בין זיכער דאָס עס זיינען דאָ אינטעליגענטע עהרליכע לעזער, צו וועלכע מען קען ריידען אַן אינטעליגענט וואָרט. אָט צו דיזע

לעזער דאַרף מען זיך ווענדען און זייער צוטרויען דאַרף מען געווינען. אויך גלויב איך, דאָס חוץ אַזעלכע גדולים ווי קאַהאַן און זיין גלייכען, אָדער אַזעלכע ווי דר. זשיטלאָווסקי מיט זיינע נאָכפאָלגער און זייער גלייכען, זיינען נאָך דאָ אויף דער אידישער גאַס אַנדערע עהרליכע און אמת אינטעליגענטע פיהרער גענוג. עס וואָלט געווען ווירקליך טרויעריג ווען עס וואָלט אַזוי געווען אייביג און ווי עס האָט זיך געפיהרט ביז איצט. ווער עס וועט צונויפברייגען די בעסערע לעזער מיט די בעסערע פיהרער, דער וועט זיכער געווינען דעם רעספּעקט פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק נישט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין דער גאַנצער וועלט. און ווער עס וועט מאַכען דעם אָנהויב צו שאַפען אַ פּרייוויליגע אינטעליגענטע אָרגאַניזאַציע, דער וועט זיכער פאַרשריבען ווערען מיט גאָלדענע אותיות אין דער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק אין אַמעריקע.

איניגע געמישטע באַמערקונגען.

1

א באַמערקונג אויף א באַמערקונג.

אין צווייטען נומער „טעאַליט“ באמערקט דר. קאַראַלניק וואָס פאר א שעהן פנים מיר וואָלטען געהאַט ווען עמיצער זאָל שטודירען דאָס אידישע פאָלק נאָך דער היינטיגער אידישער ליטעראַטור. זיין פנים פלאַמט פאר חרפה ווען די גוים זאָלען זיך דערוויסען אז מיר זיינען א פאָלק פון קליין־שטעדטעלדיגע ברואים. ווייל איך דאַ באמערקען דאָס קליין־שטעדטעלדיגקייט איז נישט קיין חרפה. גאַר פיעלע גרויסע מענשען זיינען געבוירען געוואָרען אין קליינע שטעדטלעך, אין דערפער און אין פאַרוואָרפענע ערטער. ווען מען זאָל אָבער שטודירען דאָס אידישע פאָלק נאָך דר. זשיטלאָווסקי'ס פילאָזאָפיע, נאָך די פאַרדרעהטע און צוגעפּעלשטע נייעס, נאָך דעם „בינטעל בריעף“, נאָך מאנכע פון אונזערע אזוי גערופענע עראָטישע ליעדער, נאָך דער שוואַרץ־קינצלערישער ליטעראַטור און נאָך דעם פיגורירען פון אזא גרויסע צאָהל נעמען — אידישע נעמען — פון דער אונטער וועלט: ווען מען זאָל דאָס אַלעס שטודירען און נישט געפינען אירגענד וועלכען סימן פון אן אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל כאָטש א טייל פון דיזע ערשיינונגען ערנסט באַקעמפען אויף דער אידישער גאַס, — דאַן, דאַן... וועט מען אונז מוזען באַטראַכטען פאר א פאָלק פון גייסטיגע קאַליקעס, פעלשער, אויסגעלאַסענע ברואים און באנדיטען.

2

דער „פאָרווערטס“ און די „צוקונפט“.

עס געפינען זיך מענשען וואָס וועלען אַלע מאָהל געפינען א זכות אויף קאַהאַן'ען דאָס אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה איז

ער אַליין אַ שטיקעל אידעאַליסט. אַט, ווען זיי אָנווייזען, האַלט אויף דער „פאָרווערטס" אַ מאָנאַטליכען ליטעראַרישען זשורנאַל וואָס קאָסט אַ שלל מיט געלד. צו זעהן ווי ווייט קאַהאַן'ס אידעאַליזם געהט מיט דעם אויסהאַלטען די „צוקונפט" איז גוט אַ בליק צו טון אויף צוריק. איך וועל דאָ אַלזאָ מוזען דער־צעהלען אַ שטיקעלע סוד פון מיינע אייגענע „געשעפטען" מיט מיין אייגענער טעטיגקייט.

ווען די „צוקונפט" האָט געקעמפט פאַר איהר עקזיסטענץ, איידער דער „פאָרווערטס" האָט זי ארונטערגענומען אונטער זיין רשות, האָט זי געזוכט אַלערליי קוואַלען פון הכנסה. איינע פון די קוואַלען איז געווען וואָס כמעט אַלע ארבייטער רינג „בּרענ־טשעס" און פיעלע פרייהייטליכע אָרגאַניזאַציעס האָבען אין דער „צוקונפט" געהאַט זייערע באַריכטען פון די פאַרזאַמלונגען מיט די נעמען און אַדרעסען פון זייערע סעקרעטערע. צו דיזע סעקרעטערע האָב איך מיך געווענדעט ווען דער אַגענט האָט מיר אומגעקעהרט צוריק מיין געלד, זאָגענדיג דאָס דער „פאָרווערטס" און די „פרייע ארבייטער שטימע" האָבען זיך אָבגעזאָגט אָנצו־נעמען אַן אַנאָנס פאַר מיין ערשטער בראָשורע. דאָ דאַנקענדיג די סעקרעטערע פאַר זייער פריינדליכער הילף, האָב איך דורך דעם פאַרטיילט אַרום פופצעהנהונדערט קאָפּיעס פון מיין בראָשורע „ווערטער פון אַ ליטעראַרישען קרענק". ווען איך האָב אַרויס־געגעבען מיין בוך „בריעף פון אַן אונטערדריקטען שרייבער" האָב איך געוואָלט טון דיזעלבע זאַך, אָבער די באַריכטען מיט די אַדרעסען פון די סעקרעטערע זיינען שוין פון „פאָרווערטס" געווען אָבגעשאַפט, ווייל די „צוקונפט" איז שוין געווען אין „רייכע" הענט.

צי דער „פאָרווערטס" האָט אָבגעשאַפט די באַריכטען מיט די אַדרעסען פון די סעקרעטערע אין דער „צוקונפט" אונטער דעם איינפלוס פון מיין שטילער טעטיגקייט וויל איך מיך נישט אונטערנעמען צו זאָגען. נאַטירליך איז שווער צו טרעפען אויף ריכטיג די יסודי סודות פון קאַהאַנ'ס פערזענליכע מעטאָדען אַרוינ־

צושטעקען די גאַנצע פאַרטגעשריטענע אידישע גאַס צו זיך אין קעשענע. עס איז איבערהויפּט שוין אַ פ א ר ג א נ ג ע נ ע וויכ־טיגקייט אויב דער „ליטעראַרישער קרענק" וואָלט דיצמאָלט פאַר־קויפט עטליכע קאָפּיעס פון זיין גוטען בוך מעהר אָדער ווינציגער. עס איז אָבער אַ א י צ ט י ג ע וויכטיגקייט צו וויסען ווי אזוי קאהאַן האָט געשטרעבט צו פארשטאָפּען אַלע לעבער פון דער אידישער ליטעראַרישער גאַס כדי אַ פריש ווינטעלע זאָל אהין נישט אריינבלאָזען. קאהאַן האָט שטאַרק מורא די אידישע גאַס זאָל זיך חס־ושלום נישט פ א ר ק י ה ל ע ן.

איז עס נישט ווערטה צו פארגלייכען קאהאַן'ס „אידעאַ־ליזם", קאהאַן'ס „קולטור", קאהאַן'ס „קונסט", קאהאַן'ס שווארץ־קינצלעריי און קאהאַן'ס יעדע איינציגע שורה מיט דער געזונ־קענקייט פון דער אידישער ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס?

3

אַ וואָרט וועגען דער שאַרפקייט פון מיין שפּראַך.

פיעלע אינטעליגענטע פּערזאָנען האָבען מיר געשריבען בריעף און אַנדערע האָבען מיר פּערזענליך געזאָגט, דאָס מיין צו ש א ר פ ע שפּראַך ערלויבט זיי נישט מיר צו העלפען אין מיין ליטעראַרישער טעטיגקייט. מיין אָנרופען גוט באַקאַנטע און באַריהמטע מענשען פּראָסט דומקעפּ אָדער שאַרלאַטאַנעס מאַכט פאַר זיי אונמעגליך צו געהן מיט מיר האַנד אין האַנד. אויב אַזאַ קלייניגקייט קען זיין אַן אורזאַך איך זאָל נישט קענען בייטראָגען מיין חלק צו דעם אוצר פון דער ב ע ס ע ר ע ר אידישער ליטעראַטור, ווייס איך טאַקי נישט ווי אַזוי די אידישע גאַס וועט קענען אַמאָהל מאַכען פאָרטשריט. אויב דיזע אינטע־ליגענטען וואָס האָבען עס מיר געלאָזט וויסען און אַנדערע שרעקע־דיגע בתוכם וועלען מיט מיר איינגעהן אויף אַ ליטעראַרישען וועט, וועל איך זיי ברייגגען אויסציגע פון גרויסע מענשען, וואו די ווערטער „דומקאָפּ", „שאַרלאַטאַן" און אַנדערע נאָך פיעל שטאַרקערע ווערטער שפּיעלען אַ דערקוויקענדיגע ראָלע. און

איך ווייס ווירקליך נישט אויף וואָס פאר א דיפּלאָמאַטישען אופן מען קען איינעם אָנרופען „געניאַלער דיינקער“ ווען ער איז אין אמת'ן א דומקאָפּ. אויך ווייס איך נישט ווי אזוי מען קען שאַר־לאַטאַנעס, מוח־צעשטערער און אַלערליי פאַלשע נביאים געבען אויף א דיפּלאָמאַטישען אופן א קניפּ אין זייערע פּאַסקודנע און פּראָסטיטואירטע בעקלעך. דיפּלאָמאַטיע איז דאָך די צרה פון דער אידישער ליטעראַרישער גאַס. האָט מען דאָך ביז איצט „באקעמפט“ אויף א זעהר קונציגען און דיפּלאָמאַטישען אופן די גייסטלאָזע ליטעראַטור און דעם שאַרלאַטאַנעריזם: אָבער וואָס האָט מען מיט דעם אויפגעטון? גאָרנישט! וואָס מעהר מען קעמפט דיפּלאָמאַטיש אַלץ מעכטיגער ווערט קאַהאַן און דער קאַהאַניזם, און אַלץ טיעפער אין זומפּ זינקט די אידישע גאַס.

איך קען נישט פארשטעהן פאַרוואָס מען דאַרף זיך שרעקען פאַר די אונשולדיגע ווערטער „דומקאָפּ“ און „שאַרלאַטאַן“, ווען מען נוצט זיי דאָרט וואו מען דאַרף און די גערעכטיגקייט פאַר־לאַנגט מען זאָל ווירקליך און ערנסט באקעמפען אַלעס וואָס איז שלעכט און פאַרדאָרבען. זיינען דאָך נישט די אונשולדיגע ווער־טער וואָס מאַכען א ליטעראַטור גייסטיג אָרים, מיאוס און שלעכט, נאָר די נאַרישע און שלעכטע ברואים וואָס ווייסען נישט ווי אזוי זיך מיט זיי צו באַנוצען אָדער מיסברויכען זיי. זיי, די נאַרישע און שלעכטע ברואים, ערנידעריגען די ליטעראַטור דורך די שעה־נע ווערטער פון דער מענשליכער שפּראַך. זעהט נאָר וואָס פאַר א פלאַכקייטען עס ווערען יעדען טאָג געדרוקט דורך שעהנע ווער־טער! זעהט נאָר ווי די קאַהאַנס און זייער גלייכען באַנוצען זיך מיט די שעהנסטע ווערטער צו שטיקען און צו דריקען — און אין דער זעלבער צייט צו פאַרפלוידערען און גאָר אָהן ווערטער צו פאַרשווייגען אַלעס וואָס איז שעהן פאַר דער אידישער ליטע־ראַטור! זעהט נאָר ווי אונפאַרשעהמט זיי שפּייען אין פּנים מיט די שעהנסטע ווערטער דעם אמת'דיג אינטעליגענטען מענשען, און ווי ציניש זיי פאַרטיידיגען אַלעס וואָס איז פלאַך, נאַריש, פאַלש און שלעכט. זיינען דאָך די שעהנע ווערטער פון דער

מענשליכער שפּראַך געוואָרען צו שאַנד און צו שפּאָט אין זייערע פּאַסקודנע מיילער אויף דער אידישער גאַס. זעהט ווי אונפאַר־שעהמט זיי מאַכען חוזק פון יעדען ערנסטען דיינקער און אונ־טערדריקען אפילו יעדע אונשולדיגע פּערזאָן וואָס פּאַסט נישט צו זייער פּאַרטומליענדיגען רומעל. פאַרוואָס זאָל מען זיי פאַר־שווייגען? פאַרוואָס זאָלען זיי האָבען דאָס רעכט צו באשמוצען און אונטערדריקען יעדען איינציגען וואָס וואַגט צו זאָגען אַן אמת וואָרט און אַ צווייטער זאָל נישט האָבען דאָס רעכט צו רופען זיי מיט אזעלכע נעמען ווי זיי האָבען זיך כשר פאַרדיענט? זאָל די גאַנצע וועלט וויסען ווער זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט און זאָלען זיי אליין פיהלען דעם טעם פון זייערע שלעכטע האַנד־לונגען.

4

זעלבסטקריטיק.

מען זאָגט דאָס ווען אַ מענש קריטיקירט זיך אליין, צי פאַר די האַנדלונגען פון דער געגענוואַרט אָדער פאַר יענע פון דער פאַרגאַנגענהייט, איז עס אַ גוטער סימן. דאָס איז אָבער טאַקי נאָר „געזאָגט" — און זאָגען זאָגט די וועלט אַ וועלט מיט נאַרישקייטען. זעלבסטקריטיק, ווי שאַרף זי זאָל נישט זיין, איז אין דער אמת'ן אַ זעלבסטלויב. אָט אַזאַ מין זעלבסטקריטיק, אָדער זעלבסטלויב — רופט עס ווי איהר ווילט — וועל איך דאָ פאַרצייכענען איבער מיין בראָשורע „ווערטער פון אַ ליטעראַרישען קרענק". ווען עס געהט אַוועק אַ צייט פון 14—15 יאָהר, נאָכ־דעם ווי מען טרעט אַרויס פאַר דער וועלט אַלס אונאָבהענגיגער מענש, איז גוט צו טון אַ בליק אויף צוריק.

צום ערשטען, ווען מען קומט אויף די עלטערע יאָהרען (און ביי היינטיגע צייטען איז אַן אַרבייטער צו 50 יאָהר שוין אַן אַלטער מאַן) דאַרף מען זיך מודה זיין אויף די פאַרגאַנגענע חטאים. אין מיינע „בריעף" האָב איך אָבגעגעבען אַ שטיקעל אָרט צו ווייזען דאָס שולדיג אין דער נישט געראָ־

טענקייט פון מיין ערשטער בראָשורע איז דער דרוקער. דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ העלפט פון דער אמת. דעם אַנדערען חלק האָב איך געלאָזט פאַר אַן אַנדערער צייט. זאָל איצט זיין יענע צייט, ווייל קיינער ווייסט נישט וואָס דער מאָרגען קען ברייגען פאַר דעם יחיד.

נישט אויף די שאַרפע ווערטער האָב איך חרטה — דער הונד איז דאָך ווערטה דעם שטעקען! — נאָר אויף דעם פאַקט וואָס אין מיין איילעניש אַרויסצוקומען פאַר דער וועלט מיט אַ פּראָטעסט, האָב איך פאַרנאַכלעסיגט די טעכנישע זייט פון דעם שרייבען גופא. איבערהויפּט מערקט זיך דער חילוק, ווען מען גיט אַ קוק, למשל, אויף די „בריעף". די „בריעף", הגם איך האָב געוואָלט מאַכען אַ שטיקעל רעפאָרם נישט צו נוצען צוויי נעגאַטיווע אדווערבען אין דעמזעלבען זאַץ, און עס דאַכט זיך בלויז דאָס זיי קלינגען דייטש, — זיינען דאָך געשריבען אין דעם בעסט מעגליכען סטיל. אויך מיינע אַנדערע שריפטען זיינען זעהר גוט אַרויס ליטעראַריש. ווי זשע קומט עס דאָס דווקא אין דעם ביכעל וואָס איך האָב געוואָלט ווייזען דעם באַנקראָט פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, זאָל אַליין נישט אַרויס גוט ליטעראַריש? וועל איך ענטפערען, דאָס שולדיג אין דעם איז מיין מזל. און וואָס איך מיין מיט דעם מזל וועל איך שפּעטער בעסער ערקלעהרען. דערווייל אָבער בין איך זיכער דאָס דער אינטעליגענטער לעזער וועט נישט זיין צופרידען וואָס איך זוך אַרויפצוואוואַרפען די שולד אויף עפּעס אַנדערש און נישט נעמען די פאַראַנטוואָרטליכקייט אויף זיך אַליין.

אַלזאָ, שולדיג אין דער ליטעראַרישער נישט גערעכטענקייט פון מיין פּראָטעסט־בראָשורע בין איך אַליין! איך בין נישט געווען פאַרזיכטיג גענוג צו טראַכטען דאָס די אידישע גאַס קוקט מעהר אויף דער טעכניק פון שרייבען ווי אויף דעם אינהאַלט. מיין אַנגעהויבענער קאַמף איז געווען שטאַרק פאַר־בונדען מיט אונערפאַהרונג און אָרימקייט. צום ערשטען,

אַנשטאָט אָנצושרייבען די בראָשורע ליטעראַריש, דאָס הייסט פּראָסט אַזוי גלאַט ווי די זשורנאַליסטען קענען עס טון, האָב איך גאָר צום ערשטען געזוכט געלד־מיטלען מיט וואָס זי צו קענען אַרויסגעבען. און, נאָך אַ צייט פון מוח־ברעכעניש צו־נויפצושטעלען די עטליכע טאָלער — ווען איך האָב שוין דאָס געלד געהאַט אין דער האַנד, האָב איך די גאַנצע בראָשורע אויפגעשריבען אין איין־איינציגען זונטאָג. דער האָס צו די ספּעציעלע גדולים, וואָס זיינען דירעקט שולדיג אין דעם טרויע־ריגען צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור, איז געווען אַזוי שטאַרק, דאָס ער האָט פאַרטונקעלט יעדע פאָרזיכט. און נישט נאָר האָב איך זי אויפגעשריבען אין דעם איינציגען פרייען טאָג, וואָס איך האָב געהאַט, נאָר איך האָב זי אויך אויפגעשריבען מיט אַ בלייפעדער, זי אַרומגעטראָגען עטליכע טעג אין קעשענע ביז צום קומענדיגען פרייען טאָג, ביז זי האָט זיך מן־הסתם אַביסעל אָבגעריבען אויך, און, נישט צייט האָבענדיג זי איבער־צוקוקען, האָב איך זי אַזוי איבערגעגעבען צום דרוקען. דער דרוקער, ווי שוין גענוג געזאָגט אין מיינע „בריעף“, האָט שוין „פאַרריכט“ דאָס איבעריגע. אין אַזאַ היילעניש, נישט נאָר ביי מיין בעסטען ווילען, נאָר אַפילו אויך ביי דעם בעסטען שרייבער, און נישט ביי אַ נישט־געאיבטען שרייבער, ווי איך בין עס געווען, קען קיין גוטע ליטעראַרישע זאַך נישט אַרויס־קומען. טעות'ן מוזען זיך ווייזען אין יעדען זאַץ כמעט. וואָס אויף מיר איז דעמאָלט געווען אַזאַ בייזע היילעניש, נישט נאָר זי נישט גוט איבערצושרייבען אויף טינט, נאָר אַפילו זי נישט איבערצוקוקען, קען איך נישט פאַרשטעהן עד היום הזה.

עס איז אָבער געווען נאָך אַן אורזאַך וואָס האָט פיעל בייגעטראָגען צו דער נישט ליטעראַרישקייט פון דער גענאַנטער בראָשורע. ביי רעדנערס, וואָס טרעטען צום ערשטען מאָהל אַרויס פאַר אַ פובליקום, און ביי שוישפּיעלער, איז פאַראַן אַזאַ זאַך, וואָס מען רופט אָן אין ענגליש „סטיידזש פיווער“ — אַ שרעקעדיגקייט, וואָס שטערט זיי אין זייער ריידען אָדער

שפּיעלען. ביי שרייבער, וואָס טרעטען צום ערשטען מאָהל אַרויס אין אַן עפענטליכען קאַמף אַקעגען די עקזיסטירענדיגע גדולים, איז אויך מן־הסתם פאַראַן די זעלבע ערשיינונג. ביי נייע שרייבער, וואָס לאָזען זיך פיהרען פון עלטערע, קען מען דאָס פאַרריכטען. ביי מיר, אַלס אָריגינעלער שרייבער, האָב איך נישט פאַרלאַנגט קיין הילף פון קיין שום שרייבער, און קיינער וואָלט מיר אין אַזאַ אונטערנעמונג נישט געהאָלפען. פונדעסטוועגען האָב איך געפיהלט אַ געוויסע שרעקעדיגקייט. וואָס וואָלט איך דעמאָלט געקענט טון ווען, למשל, אַ יאַנאָווסקי, אַ קאַהאַן אָדער אַן אַנדערער זאָל געוועזען למען חוזק פאַרפיהרען מיט מיר אַ דעבאַטע? איך וואָלט אפשר דעמאָלט נישט געווען געוואוסט וואָס צו ענטפערען. אַט דיזער פאַקט, וואָס איך האָב מיך דעמאָלט אַביסעלע געשראָקען פאַר אַן ענטפער פון די גדולים, האָט זיך געפיהלט אין מיין שרייבען. און דאָס, מיט דער וויסטער היילעניש, האָט געבראַכט דערצו די בראָשורע זאָל זיין אַזוי און נישט אַנדערש. דערפאַר, ווייל עס איז געווען מיין אייגענע שולד, בין איך איצט פיעלע שרייבער מוחל וואָס זיי האָבען געהאַט אַ טעות אין מיין שרייבען.

אָבער אָבגעזעהען פון די אַלע שלעכטע אומשטענדען און אורזאַכען, אונטער וועלכע די בראָשורע איז געווען געשריבען און אַרויסגעגעבען, קען איך זי רעקאָמאַנדירען מיט דעם פולען הארצען אַלס אַ מייסטער־ווערקעל פון זאָגען דעם אמת אונ־ערשראָקען פריי און אויפריכטיג אַזוי ווי מען דאַרף איהם זאָגען. דער לעזער וועט זיכער באַמערקען אַז איצט איז דאָס שוין נישט מעהר דער פאַל מיט מיין שרייבען. צום ערשטען בין איך איצט זעהר פאָרזיכטיג, אויף ווי ווייט מעגליך, דאָס אירגענד וועלכער ליטעראַט זאָל נישט געפינען קיין טעכנישע אורזאַך מיינע געדאַנקען צו פאַרשווייגען. צווייטענס האָט מיך מיין נאָכדיינקען געבראַכט צום שלוס דאָס מען דאַרף זיך פאַר קיינעם נישט שרעקען. מיט דער וואָפע פון אמת דאַרף מען אפילו פאַר אַזאַ זשורנאַליסטישען ריטער ווי אברהם קאַהאַן

נישט האָבען קיין מורא, אויב ער וועט ברעכען זיין כאַראַקטער־פעסטע טבע פון אונטערדריקען און פאַרשווייגען אַן אונבאַקאַנטען און אָרימען געגנער. און פון דיזער ערפאַהרונג, וואָס איך האָב אין פאַרלויף פון די יאָהרען דורכגעמאַכט, וועט דער לעזער פיעל געווינען אי אין דיזע שורות, אי אין די אַנדערע שריפטען, אויב איך וועל זיי קענען בריינגען אויף דער ליכטיגער וועלט.

נאָר וואָס די צוקונפט וועט פאַר מיר בריינגען קען איך נישט פאָראויסזאָגען. גענוג איז צו וויסען דאָס מיין מזל האָט אַזוי געפיהרט, אַז מיין ערשטע פרייע בראָשורע, הגם זי איז פאַר פיעלע טויזענדער לעזער געווען אַ פרישע ערשיינונג, זאָל פון מאַנכע ליטעראַטען באַטראַכט ווערען מיט חוזק. זאָל איך מיך אויף דיזען שלעכטען מזל באַקלאָגען? ניין! דער אמת איז אַז מיין מזל אַלס שרייבער איז געווען שיינענדיג. וואו איך האָב נאָר עפּעס געשיקט — צום ערשטען מאָהל — איז עס אין יענע יאָהרען, מיט אַ פּאָר אויסנאַהמען, געדרוקט גע־וואָרען. וואָס־זשע וואָלט געווען ווען די ליטעראַטען, חוץ יאַנאָווסקי און קאַהאַן, זאָלען געווען געפינען אַ גוט אָנגעשריבענע בראָשורע אַנשטאָט אַן אונגעלונגענע? מען וואָלט זיך מיט מיר געווען אינטערעסירט אַלס שרייבער און איך וואָלט מן־הסתם אַריינגעפאַלען אַלס שרייבער־שקלאַף אין אַ רעדאַקציע אויף אייביג. מיין פרייהייט וואָלט געווען געבראָכען אויף מיין גאַנץ לעבען. אָבער אַזוי בין איך אַ פרייער מענש מיט אַ פרייעם בליק אויף דער וועלט. און אונטער דיזער לאַנגער צייט פון 15 יאָהר האָב איך נאָך אָנגעשריבען אַ ווערק מיט דעם נאָמען „די געשיכטע פון אַ זייפען־בלאָז“ און אויך אַ טראַגעדיע „די אידישע זשורנאַליסטען“. און מיין גוטער ראָמאַן וואַרט נאָך אַלץ צו זעהן די ליכטיגע וועלט. און אויב איך זאָל דערלעבען צו זעהן דיזע אַלע ארבייטען געדרוקט, מיינע ערשטע ארבייטען אין אַ צווייטער און פאַרבעסערטער אויפלאַגע, אָהן די באַצייכענטע פעהלער, אינאיינעם מיט דיזער ארבייט, דאַן וועלען אַלע מיינע ליטעראַרישע ארבייטען זיכער זיין אַ גוטער

בייטראַג צו דעם בעסערען ליטעראַרישען אוצר פון דער אידי־שער גאַס. די אידישע ליטעראַרישע גאַס פון אמעריקע וועט זיך זיכער נישט דאַרפען שעהמען מיט מיין בייטראַג און מיט מיין טעטיגקייט. די עהרליכערע ליטעראַטען האָבען אַלזאָ איצט נישט די מינדעסטע אורזאַך מיך צו פאַרשווייגען אַלס שרייבער.

5
וועגען פרעמדע ווערטער.

ווען מען קוקט זיך צו צו יענעם סאָרט ליטעראַטור, וואָס ווערט באַטראַכט אַלס די בעסערע — אין גענענזאַץ צו די איינפאַכע און גלאַט־געשריבענע זאַכען פון די טעגליכע צייטונגען, זעהט מען אַ וואונדערליכע טאָפּעלטע ערשיינונג. פון איין זייט זעהט מען אַ צעקאַליעטשעטע אידישע שפּראַך דורך דעם וואונש און שטרעבען זיך צוצופּאַסען צו שרייבען אַזוי וואולגאַר ווי דאָס פּראָסטע פאָלק רעדט. דיזער סאָרט ליטעראַרישע שפּראַך איז אַזוי שלעכט דאָס זי האָט אַ שלעכטערען אויסזעהען פון דעם תחינה־לשון — נאָר אָהן די נקידות. אויב מען זאָל נאָר וועלען נאָכגעהן נאָך דיזער נייער פאָרם פון אויסלייגען, זיך צו היטען אין דערזעלבער צייט דאָס דיזער אָדער יענער וואָרט זאָל חלילה נישט קלינגען אַביסעלע דייטש (און וואָס פאַר אַ אידיש וואָרט קלינגט דען נישט קיין דייטש?), מוז מען זיין אין דער לאַגע פון יענע פרעמדע, וועלכע זיינען געקומען קיין סדום־ועמורה, אָדער אין די גריכיש־לעגענדאַרישע שטעט פון טהעזעאוס'עס צייטען. אויב מען איז געווען צו קורץ צו זיין צוגעפּאַסט צום בעטעל, האָט מען אויסגעצויגען די פיס; אויב מען איז געווען צו לאַנג, האָט מען זיי אָפּגעהאַקט. אָט פּונקט אַזוי מוז מען אָפּהאַקען אָדער אויסציהען די געדאַנקען ביז צו עקעל, ווען מען וויל זיך צופּאַסען צו דער נייער, האַרטער, העכסט אידישער פאַרצייטיגער תחינה שפּראַך. אָבער אין דערזעלבער צייט זעהט מען אַ צווייטע ערשיינונג, נעמליך: אַ

גאַנצע ענציקלאָפּעדיא פֿון פרעמדע ווערטער אויף יעדער זייט, און כמעט אויף יעדער שורה. איז נישט דיזע ערשיינונג אליין א קאָמישע?

וואָלטען כאָטש געווען די פרעמדע ווערטער אויף די ריכטיגע ערטער, וואָלט דאָס נאָך געווען צו דערליידען. עס ווערען אָבער אריינגעהאקט גרויס־קלינגענדיגע ווערטער, וואו מען דארף נישט — און דאָ זעהט מען ערשט דאָס קאָמישע. מען נוצט אזוי גערופענע „וויסענשאַפטליכע" ווערטער, מען נוצט דייטשע, פראַנצויזישע, איטאַליענישע, און איבערהויפּט האָט מען זיך אין דער לעצטער צייט גענומען צו לאַטייניש. וואָלט כאָטש דער געדאַנק־גאַנג פֿון דעם שרייבער געווען א קלאָהרער, וואָלט דאָס „פאָלק" זיך געבראָכען דעם מוח יענע ווערטער צו פארשטעהן. אַזוי אָבער האָבען זיך צונויפגע־טראָפען אַלע סבות פֿון דעם באַנקראָט־צושטאַנד אינאיינעם. אונקלאָהרע געדאַנקען, פרעמדע ווערטער, וואָס פאלען אריין ווי יונים אין א סוכה, און דערצו נאָך א צעקריפּעלטע אידישע וואולגאַרע שפּראך, וועלכע קלינגט הארט און רודערט אויף די נערוועז פֿון דעם לעזער — אָט דאָס איז כמעט דער אינהאַלט פֿון דער אַזוי גערופענער בעסערער ליטעראטור. און צו זעהן, למשל, אַזעלכע לאַטיינישע אויסצוגען: ס י מ פ ל ע ק ס ס י ג י ל ל ו ם ו ו ע ר י — דאָס זעהט מען דווקא נישט! איך וויל זיך דאָ נישט פאָרשטעלען דאָס איך קען לאַטייניש! אָבער אַזעלכע און אַנדערע באַקאַנטע לאַטיינישע ווערטער זיינען אַזוי פּאָפּולער, דאָס יעדער קען זיי גרינג אויסלערנען אויף אויסענ־ווייניג. פונדעסטוועגען האָב איך איבערגעגעבען דיזען לאַ־טיינישען זאַץ — דאָס די איינפאכקייט איז דער שטעמפּעל פֿון אמת — אויף אַן אַנדער אָרט אין אידיש.

לאָמיר זיך אומקעהרען צו די בעסערע פריהערדיגע צייטען. לאָמיר אָנהויבען אַן ערנסטען קאמף אקעגען אַזעלכע פרעמדע ווערטער, וואָס ווערען אויף אַן אונזיניגען אופן אריינגעבראכט אין דער אידישער שפּראך פֿון שלעכטע שרייבער. גוטע שרייבער

קענען זיך אַלע מאָהל באַנוצען מיט פרעמדע ווערטער — אָבער זיי ווייסען ווי אַזוי יענע ווערטער קלאָהר און פארשטענדליך צו מאַכען. די איצטיגע געברויכער פון פרעמדע ווערטער אין אַ צעקאַליעטשעטע וואולגארע שפּראַך ווילען נאָר ווייזען אַז זיי זיינען געוואַלדיגע חכמים און מעהר גאַרנישט. לאָמיר פריהער שאַפען אַ פשוט'ען אידיש־אידישען ווערטער־בוך, און לאָמיר אין איהם באַצייכענען אַלע נוצליכע פרעמדע ווערטער, און דאַן וועט שוין פאַר יעדען איינציגען קלאָהרען מוח זיין גרינגער צו געברויכען וואָס פאַר אַ שפּראַך עס פּאַסט פאַר זיינע געדאַנקען. אָבער צו וואָס טויג דאָס נוצען פון פרעמדע ווערטער ווען דער שרייבער אַליין פארשטעהט נישט זייער באַדייטונג? לאָמיר זיין עהרליך צו זיך אַליין און צום אידישען אינטעליגענטערען לעזער, און די אויפלעבונג פון דער אידישער ליטעראַטור וועט זיכער שוין קומען פון זיך אַליין.

6
דאָס בלוט פון אַ שרייבער איז ביליג.

אוי, ווי מען באָדט זיך אין דעם בלוט פון אַ שרייבער, וואָס האָט דעם מוטה צו זאָגען אַן אמת וואָרט! צום ערשטען באָדען זיך אין זיין בלוט די באַשעפטיגטע שרייבער מיט זייער טעות אין דעם שרייבער, מיט זייער חוזק, מיט זייער פאַר־שווייגען, מיט דעם ארונטעררייסען און מיט זייער רשעות'דיגער נקמה, אויב אַ שרייבער דרוקט עפּעס אויף זיין אייגענעם חשבון און ברעכט דעם קאָפּ מיט די אריינגעלעגטע עטליכע טאָלער! און אויך דער לעזער באָדט זיך אין דעם שרייבער'ס בלוט! דאַכט זיך, אַז דער פּרייז פון 50 סענט פאַר אַ בוך פון 256 זייטען, שעהן געדרוקט, שעהן און עסטעטיש באַצירט כמעט אויף יעדער זייט און עלעגאַנט ארויסגעגעבען, איז נישט גרויס. און דאָך האָט מען דעם בוך נישט געקויפט. די „בריעף פון אַן אונטערדריקטען שרייבער" ענטהאַלטען אַן אוצר מיט לעזע־שטאָף. איך מוז זיי אַליין לויבען, ווייל איך האָב שלעכטע שכנים.

די פּאָרלעזונג, אָדער די אָבהאַנדלונג איבער קונסט, וואָס איז אין איהם אָבגעדרוקט, איז אַליין ווערטה דעם פּרייז צוליעב די אָריגינעלע געדאַנקען, חוץ די אַנדערע נוצליכע און קולטורעלע לעזע־שטאָף. און דאָך האָט די אידישע גאַס נישט געקויפט דעם בוך. און פאַר נישט וועלען קויפען דעם בוך קען איך אויף קיינעם קיין פּאַראיבעל נישט האָבען. אָבער ווען איך בין געווען געצוואונגען פון די אומשטענדען מיינע 3000 קאָפּיעס צו פאַרקויפען צו אַ בוכהענדלער פאַר כמעט אומזיסט, ווייל איך האָב זיי פּשוט נישט געהאַט וואו צו האַלטען, ערשט דעמאָלט האָט די אידישע גאַס אויסגעכאַפּט דעם בוך. וואו זיינען איצט די 3000 קאָפּיעס פון מיין גוטען בוך? נישטאָ מעהר זיי צו קריגען! צו 5 סענט אַ קאָפּיע האָבען די גוט־באַצאָהלטע ארבייטער אויסגעקויפט דעם גוטען בוך, וואָס האָט צום ווינציגסטען ווערטה צוויי טאָלער. אוי, ווי פיעל נעכט די ארבייט האָט מיך געקאָסט יענעם גוטען בוך צו שרייבען און צו זעצען אַליין מיט די אייגענע הענד! פון נישט פאַרגינען זיך אַרויסצופאָהרען אַמאָהל אויף דער פרייער פרישער לופט אין מיינע פרייע טעג וויל איך שוין גאָר נישט ריידען! ווי פיעל טרערען (מעגען אַפילו די גוט באַצאָהלטע שרייבער לאַכען פון דעם) און שווער פאַרהאָרעוועטע טאָלערס מיך האָט געקאָסט יענעם גוטען בוך צו זעהן אויף דער ליכטיגער וועלט. זאָל אבער מיין בלוט די גוט באַצאָהלטע ארבייטער וואויל באַקומען! זאָל אָבער מיין בלוט און מיינע טרעהרען איצט ריהרען זייערע הערצער עפּעס צו טון פאַר דער אידישער בעסערער ליטעראטור. עס איז קיינמאָל נישט צו שפּעט צו פאַרריכטען אַ געמאַכטען פעהלער. ווי אזוי? זאָלען זיי אַליין טראַכטען וועגען דעם. איך האָב שוין ביז איצט גענוג געבעטעלט און זיך ערנידעריגט ביז אין דער טיעפסטער בלאָטע. זאָלען אַלע, וואָס האָבען דעם בוך געלייענט אומזיסט אָדער פאַר אַ פּרייז וואָס איז גלייך צו אומזיסט, פון דאָס ניי איבערלייענען יענעם גוטען בוך, אפשר וועלען זיי איצט מיך בעסער פאַרשטעהן.

און אויך די בוכהענדלער באַדען זיך אין דעם בלוט פון דעם ערנסטען שרייבער. נישט גענוג וואָס די בוכהענדלער ריזיקירען נישט מיט זייער געלד ארויסצוגעבען אַ שרייבער'ס בוך, מוז נאָך דער שרייבער צוצאָהלען דעם הענדלער אַ גוטען פּרייז דעם בוך צו פארקויפען. אַזוי זיינען די אומשטענדען אויף דער אידישער גאַס מיט דעם ראַבאַט־סיסטעם. און ווען מען זאָל אפילו נעמען פאַר אַ בוך דעם גרעסטען פּרייז, בלייבט פאַר דעם שרייבער גאָרנישט איבעריג צו דעקען די קאָסטען פון דרוק און פּאַפּיער, ווייל עס פארקויפט זיך זעהר זעלטען די געמאכטע צאָהל קאָפּיעס. צו יעדען פארקויפטען בוך מוז דער שרייבער צוצאָהלען אַ געוויסע סומע צום בוכ־הענדלער און צום לעזער. און דאָך באַקלאָגען זיך די לעזער, דאָס אידישע ביכער זיינען טייער. יעדע ערשטע אויסגאַבע מוז אויסקומען טייער אפילו ביי די גוים. נאָר אַזעלכע ביכער, וואָס פארקויפען זיך אין מיליאָנען, קענען פארקויפט ווערען ביליג. אָבער אויף דער אידישער גאַס האָבען זיך שוין געזאָרגט די קאַהאַנס, די יאַנאָווסקים, די גוט באַצאָהלטע שרייבער, אַז אַ נייער בוך פון אַ גוטען נייעם שרייבער זאָל זיך נישט פאַרקויפען. אַט צו דיזען צושטאַנד פון חוזק איז עס געקומען אויף דער אידישער גאַס. און די בוכהענדלער האָבען פונקט אַזאַ חלק אין דיזען טרויעריגען צושטאַנד. און דאָך איז ביי אַנדערע פעלקער אַנדערש. אַ ביישפּיעל וועל איך ברייגנען דאָ פון שאָפּענהויער'ן.

ווען שאָפּענהויער האָט אָנגעשריבען זיין ערשטען באַנד „וועלט אלס ווילע אונד פאָרשטעלונג", האָט אַ פארלעגער אָרויסגעגעבען דיזען בוך, ארום 700 זייטען, און דעם פארפאסער נאָך צוגעצאָהלט האָנאָראַר אַ געוויסע סומע אין דוקאַטען. (אַ דוקאַט איז אַ רענדעל — אַ גאָלדענע מטבע פון צוויי מיט אַ האַלבען טאָלער). דיזער באַנד איז געווען געדרוקט אין 750 קאָפּיעס. אין אַ צייט פון 24 יאָהר איז דער בוך געווען במעט אונבאַקאַנט, פּאַרקויפענדיג זיך נישט מעהר ווי ארום

150 קאָפּיעס אין דער גאַנצער צייט. די איבעריגע 600 קאָפּיעס זיינען פאַרניכטעט געוואָרען אויף פּאַק־פּאַפּיער און צופרעסען געוואָרען פון ראַטען אין דעם פאַרלעגער'ס קעלער. דאַכט זיך, אז דאָס וואָלט שוין גענוג געדארפט זיין א גוטע לעקציע פאַר א פאַרלעגער נישט אריינצולעגען קיין געלד אין שאָפּענהויער'ס שריפטען! פונדעסטוועגען, נאָך 24 יאָהר, ווען שאָפּענהויער האָט פאַרטיג געבראַכט זיין צווייטען באַנד פון דעמזעלביגען ווערק, האָט דערזעלבער פאַרלעגער איבערגעדרוקט דעם ערשטען באַנד אין א פאַרגרעסערטער אויפלאַגע, און דערצו נאָך אויך ארויסגעגעבען דעם צווייטען באַנד פון ארום 800 זייטען. און דאָס שעהנסטע דערביי איז וואָס דער פאַרלעגער האָט נאָך צוגעצאָהלט צום צווייטען מאָהל האָנאָראַר אויך! וואָלט אויף דער אידישער גאַס געקענט געשעהן אזא זאַך? און דאָך עקזיסטירט נאָך ביז איצט יענע דייטשע פאַרלאַגס פירמע. דאָ אָבער זיינען אונזערע פאַרלעגער העכסט־קלוגע סוחרים און נישט נאָר מוז דער שרייבער צוצאָהלען דעם בוכהענדלער און דעם לעזער, נאָר די נשמה ווערט נאָך ארויסגענומען ביי דעם שרייבער. אָבער אַנדערע פעלקער האָבען אַנדערע באַגריפען וועגען ליטעראַטור און וועגען שרייבער.

א קאַמף וועט מוזען אָנגעפיהרט ווערען צו שאַפען א פאָלקס־פאַרלאַג, אונטערשטיצט אי פון רייכע, אי פון אָרימע — פון דער אינטעליגענטער סמעטענע פון דער אידישער גאַס — כדי צו קענען פאַרקויפען גוטע ביכער פאַר א צוגענגליכען פּרייז. ווער וויל זיין אין דער ערשטער רייהע צו שאַפען אזא פאָלקס־פאַרלאַג? זאָל מיין בלוט און מיינע טרערען ווייך מאַכען די הערצער פון די לעזער פון דער אידישער גאַס. זאָלען זיי אויף אירגענד וועלכען אופן, ווי זיי אליין פאַרשטעהען עס, זעהן צו שאַפען אזא מין פאָלקס־פאַרלאַג אָהן פּראָפיט. אפילו די אינטעליגענטערע בוכהענדלער, צוליב דער צוקונפט פון דער אידישער ליטעראַטור און צוליעב זייער אייגענעם צוקונפטיגען פּראָפיט, דאַרפען צושטעהן צו אזא באַוועגונג. מען דאַרף זיך

נישט שרעקען דאָס קיין לעזער זיינען נישטאָ. איך זאָג, דאָס עס זיינען דאָ געגוג לעזער אויף דער אידישער גאַס, צו וועמען מען קען ריידען אַ קלאָהר און ערנסט וואָרט. אין אַזאַ באַוועגונג וועט ערשט יעדער לעזער ווערען שטאַרק אינטערעסירט. יעדער אָנהויב איז שווער. אָבער אַזוי שנעל ווי דער אָנהויב וועט געמאַכט ווערען, וועט זיך באַווייזען אַ נייע גאַס, אַ נייע אידישע ליטעראַטור און טויזענדער לעזער וועלען האָבען צוטרוי צום גוטען שרייבער און צום בעסערען אידישען וואָרט. דער איינפלוס פון די קאַהאַנס מיט זייערע נאָכשלעפּערס וועט זיין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

7

דער חילוק צווישען אַן אָריגינעלען געדאַנק און אַ געוויינטליכען.

אויף דער אידישער גאַס קען מען נישט זאָגען דאָס מינדעסטע וואָרט וואו מען זאָל נישט באַמערקען אָדער הערען, דאָס דיזע אָדער יענע זאַך ווייסט מען שוין פון לאַנג, אָדער אַז אַנדערער האָט עס שוין געזאָגט פריהער. דערפאַר וויל איך דאָ אויפ־מערקזאַם מאַכען דעם לעזער אויף דעם חילוק צווישען דעם וואָס איך זאָג און דעם וואָס אַן אַנדערער זאָגט. אויף מעהר ווי איין אָרט מאַך איך אויפמערקזאַם דעם לעזער פון דיזע שורות דאָס עס זיינען דאָ געגוג לעזער אויף דער אידישער גאַס. נו, אַזוי ווי דיזע ווערטער האָבען נישט די מעגליכקייט צו זעהן די ליכטיגע וועלט אין צייט, קען מען מיר אָנווייזען דאָס ניגער האָט דאָס שוין לאַנג געזאָגט אין „טעאַליט". און טאַקי צווישען דיזע צוויי ערליי זאָגעכצען ליגט עס דער הונד באַגראָבען.

ניגער, אין דריטען נומער פון דעם „טעאַליט", נעמליך, אין זיינע „קורצע שמועסען וועגען דער אידישער ליטעראַטור", זאָגט אויך דאָס עס זיינען דאָ לעזער פון אידישער ליטעראַטור.

נאר ער זאגט, אז זיי לייענען יא ליטעראטור, און איך זאג אז לעזער זיינען טאקי דא — אבער לייענען זיי זיי ניט. פון וואנען דרינגט ניגער אז די לעזער לייענען יא די אידישע ליטעראטור? הערט און שטוינט! „וואלט ער (ניגער באציהט זיך אויף די אידישע לעזער מיט א קאלעקטיווען פיר־ווארט) עס נישט געלייענט, וואלט מען עס נישט געדרוקט אין דער פרעסע". דאס איז א וואכעדיגער געדאנק. דאס איז גלייך צו דער מיינונג פון דעם פראסטען פאלק, „אז מען צאהלט געלד האט עס ווערטה געלד". פון דעם איינציגען קריטיקער צווישען אידען ערווארטעט מען א מעהר אריגינעלערען געדאנק. ניגער דארף וויסען, אז נישט אלעס וואס גלאנצט איז גאלד. אין דיזער וועלט פון כאפ־לאפ און באנקראט צאהלט מען געלד פאר זאכען וואס האבען נישט קיין ווערטה און מען דרוקט זאכען וואס קיינער לייענט נישט.

און טאקי ווייטער רעכענט ער אויס א גאנץ צעטעל מיט נעמען פון שרייבער, וואס ווערען געלייענט פון די לעזער, וואו ער רעכענט אריין אויך דר. זשיטלאווסקי'ן. אזוי ווי איך האב מיך שוין סיי ווי סיי „רואינירט" ליטעראריש מיט מיין „אנ־גרייפען" דיזען דאקטאר, מוז איך שוין ווייזען אין אלע ארגו־מענטען דעם טעות וואס די וועלט האט אין דיזען הער. ניגער מיינט, דאס אויב מען צאהלט דר. זשיטלאווסקי'ן א פעטען האנאראר און מען דרוקט זיינע זאכען, ווערען זיי געוויס געלייענט פון דעם „פאלק". מען דארף נישט האבען קיין גרעסערען טעות אויף דער אידישער גאס ווי דיזען, כדי אויף ווייטער צו לאזען זינקען די אידישע ליטעראטור אין דעם טיעפסטען אבגרונד. איך גלויב אז קיינער לייענט נישט הייגטיגען טאג אפילו א ווארט וואס דיזער דאקטאר שרייבט אן. שטילערהייט האב איך אין פארלויף פון יאהרען געמאכט אן אנקעטע צו זעהן אויב עמיצער לייענט דר. זשיטלאווסקי'ס שריפטען. אבער וועגען דעם אביסעלע שפעטער. צום ערשטען א פאר פאקטען.

ווען פינסקי האט געמאכט הוצאות ארויסצוגעבען „די

צייט", האָט ער מיט גרויס פּאָמפּ אַנאָנסירט דר. זשיטלאָווסקי'ן, אינאיינעם מיט אַנדערע גדולים פון דער אידישער גאַס. אָבער וואָס איז געווען דער רעזולטאַט? מען קען מיט זיכערקייט זאָגען, אַז דר. זשיטלאָווסקי מיט די איבעריגע גדולים, האָבען נישט צוגעצויגען קיין שום לעזער און די צייטונג האָט געמוזט אונטערגעהן. איך בין זיכער, ווען פינסקי זאָל זיך געווען באַנוצען מיט די שריפטען פון אונבאַקאַנטע שרייבער, וואָלט די צייטונג זיכער געהאַט אַן ערפאָלג. די וועלט זוכט נייע שרייבער. עס איז אַזוי ביי די גוים, און ביי די אידען איז עס אויך אַזוי. נאָר דער חילוק איז וואָס ביי די אידען ווערען נייע שרייבער שרעקליך אונטערדריקט, און דערפאַר שטעהט די ליטעראַטור אויף אַן אָרט אָדער זינקט אין אַ טיעפען אָבגרונד. און דאַרף מען דען דערמאָהנען דאָס צוליעב דר. זשיטלאָווסקי'ן האָט שוין קיינער כמעט נישט געוואָלט אָנקוקען „דאָס נייע לעבען" ביז עס איז אונטערגעגאַנגען? איך ווייס פון פיעלע פאַלען דאָס צוליב דר. זשיטלאָווסקי'ן האָט שוין קיינער נישט געוואָלט לייענען ניגער'ן אויך. איצט אַ וואָרט וועגען מיין שטילער אַנקעטע.

פאַר יאָהרען און יאָהרען, פאָהרענדיג צו און פון דער אַרבייט, וואו נאָר איך האָב געזעהן אַ אידען מיט אַ „טאָג" אין דער האַנד, האָב איך געפּרואווט צו פאַרפיהרען מיט איהם אַ שמועס אויב ער לייענט דר. זשיטלאָווסקי'ס שריפטען. ק י י ן א י י נ צ י ג ע ר ה אָ ט מ י ר נ י ש ט ג ע ז אָ ג ט ד אָ ס ע ר ל י י ע נ ט ז י י. און דאַן ווייטער. אין פאַרלויף פון יאָהרען, וואו נאָר אפילו די אינטעליגענטערע לעזער האָבען געזוכט צו פאַרטיידיגען דר. זשיטלאָווסקי'ן אָקעגען מיין „אָנגריף", ווי זיי האָבען עס אָנגערופען, האָט זיך אַרויסגעוויזען, דאָס קיינער לייענט נישט אפילו אַ וואָרט וואָס דיזער דאָקטאָר שרייבט אָן. אפילו שרייבער אַליין לייענען נישט זיינע שריפטען, חוץ אפשר איינער וואָס וויל צוליעב פרנסה פאַרפיהרען מיט איהם אַ שטיקעל דעבאַטע. און מען קען אויף דיזע אַלע מענשען נישט האָבען קיין פאַראיבעל:

מען לייענט א זאַך צוליעב עפּעס צו לערנען אָדער צוליב געַנוס. און ווי אַזוי קען מען לייענען די שריפטען פון דיזען הער, ווען ביידע זאַכען קען מען נישט קריגען? אין דער ערשטער צייט, ווען מען האָט נאָך דיזען הער נישט געקענט, האָט מען אפשר געמיינט עפּעס צו לערנען פון זיין שרייבען: אָבער ווער קען נישט איצט דיזען דאָקטאָר? איך צווייפעל אויב ניגער אליין לייענט די שריפטען פון דיזען הער. איך צווייפעל אויב אפילו צעהן אינטעליגענטע לעזער לייענען זיינע שריפטען, חוץ אפשר עטליכע אידיאָטען וואָס ווייסען איבערהויפט נישט וואָס זיי לייענען, און דאָך צאָהלט מען גאָלד פאר זיינע שריפטען, און דעמאַגאָגען און אויך מאַנכע ערנסטע אינטעליגענטען זוכען מיט אַלע כחות אויפצוהאַלטען זיין נאָמען, אינאיינעם מיט פיעלע נעמען פון גדולים אויף דער אידישער גאַס.

דער איצטיגער צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור ווייזט אַז מיין בליק איז געווען און איז אַ קלאָהרער. נאָך מיט יאָהרען צוריק האָב איך אָנגעוויזען דאָס אַזעלכע געדאַנקען, ווי דר. זשיטלאָווסקי׳ס, פּאַראַליזירען דעם אינטעליגענטען לעזער׳ס מוח. נישט נאָר האָט דער לעזער דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט צו איהם גערעדט, נאָר ער, דער לעזער, האָט נאָך צוליעב זיינע און אויך אַנדערע אַזעלכע שריפטען, געשלאָגען אַ כפּרה מיט דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור, און וויל שוין איצט אַפילו נישט הערען וואָס קלאָהרע שרייבער ריידען צו איהם. צוריק צו געווינען דעם צוטרויען פון דעם לעזער פאַרלאַנגט זיך אַן אָריגינעלער און רעוואָלוציאָנערער שריט. זאָל ניגער, אַלס איינפלוסרייכער שריפטשטעלער, אויפפאָדערען דר. זשיטלאָווסקי׳ן צו ענטפערען אויף די איינוועגדונגען וואָס איך האָב געמאַכט אויף דער „פילאָסאָפיע" אין מיין בוך „בריעף פון אַן אונטערדריקטען שרייבער". אונטער ניגער׳ס איינפלוס מוז איינמאָהל פאַר אַלע מאָהל דאָס דערשטיקען און פאַרשווייגען אויפהערען. צווישען אינטעליגענטע מענשען מוז באַשטימט ווערען ווער עס איז

גערעכט. איך ווייס נישט אויב ניגער האָט געלייענט מיינע „בריעף". אויב נישט, קען ער צו יעדער צייט זעהן וואָס אין זיי איז אָנגעשריבען. אַזאַ ערשיינונג, דאָס אַ שטודירטער דאָקטאָר זאָל פון אַן עפענטליכער מיינונג זיין אויפגעפאָדערט צו ענטפערען אויף די איינוועגדונגען פון אַ שרייבער, וואָס ארבייט אין אַ פאַבריק, וואָלט געווען אַ נייע זאַך און וואָלט צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון יעדען אינטעליגענטען איד פון גאַנץ אמעריקע, און אפשר אויך פון אויסלאַנד. נאַטירליך, מוז מיר געגעבען ווערען די מעגליכקייט צו פאַרטיידיגען זיך ווען נויטיג. אויב די אידישע גאַס זאָל זיך נאָר צוגעוויינען צום געדאַנק דאָס אַן ארבייטער קען דורך זעלבסטבילדונג זיין פונקט אַזאַ גוטער שריפטשטעלער ווי אַ געלערענטער דאָקטאָר, דאַן וועט די אידישע ליטעראַטור פיעל געווינען פון דעם. דער רעזולטאַט פון אַזאַ עפענטליכען ליטעראַרישען קאַמף וואָלט געווען אַ געוואַלטיגער. יעדער אינטעליגענטער לעזער וואָלט געווען אינטערעסירט צו וויסען וואָס דער סוף וועט זיין. אויב דר. זשיטלאָווסקי וואָלט אַרויס דער זיעגער, וואָלט זיין רוהם געווען נאָך גרעסער ווי ער איז געווען פריהער; און אויב איך וואָלט אַרויס דער זיעגער, וואָלט דר. זשיטלאָווסקי געמוזט פון איצט אָן און ווייטער זיך געבען די מיה צו שרייבען קאָרעקט און קלאָהר, אויב ער וואָלט געקענט; און אויב ער קען נישט שרייבען קאָרעקט און קלאָהר, מוז ער פאַלען אלס גדול.

אָט אין אַזאַ ליטעראַרישער רעוואָלוציע נויטיגט זיך איצט די אידישע גאַס. אַלע גדולים, וואָס שרייבען אונזין אָדער פאַלשקייטען, מוזען ווערען גוטע שריפטשטעלער, אָדער זיי מוזען פאַלען אלס גדולים. האָט אָבער ניגער דעם מוט אונטערצונעמען אַזאַ געוואַגטען רעוואָלוציאָנערען שריט פאַר דער אידישער ליטעראַטור? אויב עס פעהלט איהם דער מוטה פאַר אַזאַ גוטען שריט, דאַן וועט עס געהן ווי עס איז געגאַנגען ביז איצט, און יעדער וואָרט פון זיין זייט צו העלפען דער אידישער ליטעראַטור וועט פון קיינעם נישט געהערט ווערען. און אויב

עס וועט נישט געטון ווערען פון ניגער'ן, ווען איך האַלט פאַר אַ מעהר קלאָהרען שרייבער ווי אַנדערע פון דער אידישער גאַס, דאַן וועט עס מוזען געטון ווערען פריהער אָדער שפּעטער פון אַנדערע. און יענע, וואָס וועלען האָבען דעם מוטה אונ־טערצונעמען אַזאַ געוואַגטען רעוואָלוציאָנערען שריט, וועלען פיעל אויפטון פאַר דער אידישער ליטעראַרישער גאַס און פאַר אַ צענטראַליזירטער עפענטליכער מיינונג. זאָלען אַלע שרייבער, וואָס ריידען פון ליטעראַטור, נעמען אין אַנבאַטראַכט מיין פאָרשלאַג. אויך זאָלען זיי וויסען דאָס קיין זאַך אין דער וועלט ווערט נישט געטון אָהן אַביסעלע מוטה פון די, וואָס זיינען פאַרשטענדליכער פון דער גרויסער מאַסע. און אַלע מוזען וויסען דאָס די ליטעראַטור איז נישט געשאַפען געוואָרען צוליעב די שרייבער אַליין, אָדער צוליעב דיזען אָדער יענעם גדול, נאָר צוליעב דעם נוצען פון דעם לעזער און פון דער אַלגעמיינער קולטור.

8

נאָך אַ וואָרט וועגען מיין מזל אַלס שרייבער.

צו ריידען וועגען מזל איז זעהר אַ שווערע זאַך. דיזע ערשיינונג (דאָס שיינענדיגע אָדער אונשיינענדיגע מזל פון דעם יחיד) איז זעהר טונקעל. געוויינטליך, ווען אַלעס געהט דעם מענש גוט ווי אַזוי ער ווינשט זיך, שרייבט ער עס צו צו זיינע פערזענליכע פעהיגקייטען. און יענעם, וועמעס אונטערנעמונגען געלינגען נישט, באַטראַכטען די „קלוגע" פאַר אַן אונפעהיגען מענשען. ווען אָבער דער מענש בליקט צוריק, נאָכדעם ווי ער איז אָבגעגאַנגען אַ גרויסען מהלך פון זיין לעבען, און זעהט ווי נישט פאָראויסגעזעהענע פאַסירונגען געהען בלויז אין איין און דערזעלביגער ריכטונג, דאַן מוז ער זיך פאַרטראַכטען וועגען דער מאַכט פון דעם געהיימניספאָלען מזל. פיעלע גרויסע שרייבער האָבען דיזע טונקעלע ערשיינונג שוין באַמערקט און האָבען וועגען דעם געשריבען. אויך איך וויל אין קורצען דאָ דערצעהלען ווי

אזוי ־יִנס איז מיט מיר געגאַנגען זייט איך בין ארויסגעקומען פאַר דער וועלט אַלס אונאַבהענגיגער שרייבער.

דעם אמת געזאָגט האָב איך נאָך מיט מיין ערשטען ארויס־טרעטען אין זין געהאַט צו שאַפען אַ פאָלקס פארלאַג פאַר גוטער ליטעראַטור. איז אָבער מיין ערשט ביכעל נישט געלונגען און ערנסטע מענשען האָבען געצווייפעלט אויב עס לוינט זיך צו געהן מיט מיר האַנד אין האַנד. דאָס אַליין איז שוין אַ שפּיצעל פון דעם מזל. דאָס צווייטע בוך, הגם עס איז ארויס זעהר געלונגען, האָט שוין נישט געקענט פאַרריכטען דעם ערשטען איינדרוק. ווי דער לעזער קען עס זעהן פון די „בריעף", האָב איך זיי אַליין געזעצט. האָבענדיג ביי מיר אין הויז אַ קליינע דרוקעריי האָב איך שוין גע׳חלום׳ט צו קענען אויפטון וואונדער. אָבער ווער האָט עס דען געקענט פאָראויסזעהן אַז מיינע אויגען וועלען קראַנק ווערען פון דער ארבייט? ארבייט׳ענדיג אַ גאַנצען טאָג אין דער פאַבריק, נאָך מיט „אָווערטיים" מעהרער מאָהל, און זיצענדיג ביז שפּעט אין דער נאַכט ביים שרייבען און זעצען, זיינען מיינע אויגען אַזוי קראַנק געוואָרען דאָס עס האָט נישט פיעל געפעהלט איך זאָל אינגאַנצען בלינד ווערען. חוץ דעם האָט דער בוכהענדלער, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו פארקויפען מיינע ביכער, געפאָדערט דירה געלד ווען זיי האָבען זיך נישט פארקויפט אַזוי גיך. 3000 קאָפּיעס איז געווען אַ גרויסע מאַסע און איך האָב זיי פּשוט נישט געהאַט וואו צו האַלטען. זייענדיג אין אַ לאַגע נישט מעהר צו זעהן צוריק אפילו קיין איין־איינציגען סענט, ווייל דער בוכהענדלער האָט מיר גע־זאָגט דאָס ער וועט פאַרהאַלטען די ביכער פאַר „רענט", בין איך געווען געצוואונגען זיי צו פאַרקויפען פאַר אירגענד וועלכען פּרייז וואָס מען האָט מיר געגעבען. און אַזוי, נאָך מוזענדיג פאַר־קויפען מיין „דרוקעריי" אַלס נוצלאָזע בליי, בין איך געבליבען אויס פאַרלעגער, אויס דרוקער, אָהן ביכער, מיט אַ שווערע משׂא פון חובות און נאָך מיט קראַנקע אויגען דערצו.

אָט דיזע נישט פאָראויסגעזעהנע צופאַלען האָבען אַ סך

בייגעטראָגען צו דעם גלייכגילטיגען פארהאַלטען זיך פון דער אידישער גאַס צו מיין קאַמף. פאַר די ווינציגע סימפּאַטיזירער וואָס איך האָב יאָ געהאַט האָב איך מיין פאַרשפּרעכען נישט געקענט האַלטען. אין מיינע „בריעף" האָב איך כמעט געגעבען אַ פאַרשפּרעכען דאָס איך וועל אין קורצען לאָזען הערען פון זיך, ווייל איך האָב מיך געשטיצט אויף דעם פאַקט וואָס איך וועל אַליין זעצען מיין שרייבען. ביי די גלייכגילטיגע לעזער אין די אויגען בין איך נאָך מעהר ערנידעריגט געוואָרען, ווייל מיין בוך האָט זיך פאַרקויפט צו 5 סענט אַ קאָפּיע. דאָס ביליגקייט פון אַ בוך ווערט באַטראַכט פאַר אַ סימן פון דער קליינקייט פון דעם שרייבער.

אַז דאָס וואָס איז מיט מיר פאָרגעקומען איז געווען אַ רעזולטאַט פון אונערפאַהרונג — האָט קיינער נישט געוואָלט וויסען. פון דעם געשעפטס־שטאַנדפּונקט ווערט אונערפאַהרענקייט און אונפעהיגקייט באַטראַכט פאַר דערזעלביגער זאַך. איך האָב אָבער געקעמפּט צו באַווייזען דאָס איך בין יאָ „פעהיג" עפּעס אויפצוטון. און דאָ ווייזט זיך אַרויס דאָס דער לויף פון אַ מענשען'ס לעבען און טעטיגקייט האָט גאָר נישט צו טון מיט זיין פּערזענליכער פעהיגקייט אדער אונפעהיגקייט. ווי פיעל מאָהל איך האָב מיך באַצאָהלט פון מיינע שווערע חובות און איך האָב געמאַכט פאָרבאַרייטונגען עפּעס אַרויסצוגעבען פון מיינע שריפטען, האָט זיך געטראָפען אַ סבה וואָס האָט מיך אַריינגעשלעפּט אין נייע חובות. איינמאָהל איז עס געקומען דורך אַ שווערער קראַנקהייט, אַ צווייטען מאָהל דורך אַ פאַרליינגערטען סטרייק און אַ דריטען און פיערטען מאָהל דורך אַן אַנדערער אורזאַך אָדער פּשוט דורך אַרבייטסלאָזיגקייט. און די אַלע אורזאַכען האָבען גאָרנישט געהאַט צו טון מיט מיין פּערזענליכער פעהיגקייט אָדער אונפעהיגקייט. אָבער דאָס יאָהר 1921, ווען איך האָב מיך שוין ווידער באַצאָהלט פון די חובות און געמאַכט נייע פאָרבאַרייטונגען עפּעס אַרויסצוגעבען, האָט געוויזען וואָס פאַר אַ שפּיצעל דאָס מזל קען אָפּטון. דעם 25טען מאי פון יענעם

יאָהר, ווען איך בין גאַנץ פריה געגאַנגען צו דער ארבייט און, אַנשטאַט אַנצוקומען אין דער פאַבריק, האָב איך גאָר געלאַנדעט אין שפּיטאָל מיט א צעבראָכענעם פוס. א שכור'ער בריעפ־טרעגער איז אַנגעלאָפען מיט א „מאָטאָרסייקל" פון א זייט וואו ער האָט נישט „געטאָרט" פאָהרען און מיך געמאַכט פאַר א קדוש. זעקס חדשים צייט בין איך געלעגען אין שפּיטאָל און דריי אין הויז. און צו קריגען עפּעס פאַר דיזען אונגליק איז נישט געווען פון וועמען, ווייל דער בריעפטרעגער איז אַן אָרימאַן און איך האָב אפילו נישט געקלאָגט. דער אונגליק איז געווען מיין אייגענער און דאָס האָט ווידער אָפּגעשטעלט מיין ארבייט פאַר א לאַנגער צייט. איך דאַרף נאָך זיין צופרידען וואָס איך בין ארויס א ליעבעדיגער און קען איצט שטעהן אויף ביידע פיס אַנשטאָט אויף איינעם. איצט, ווען איך שרייב דיזע שורות, מאַך איך ווידער פאַרבאַרייטונגען עפּעס ארויסצוגעבען. וועט דאָס מזל ווייטער מיר אָפּטון א שפּיצעל? אויב דער לעזער וועט האַלטען דיזע ארבייט אין האַנד וועט ער וויסען ווי שטאַרק איך האָב געקעמפט אקעגען מיין זעהר נישט שיינענדיגען מזל.

איבערהויפּט איז דאָס מזל פון א שרייבער וואָס זאָגט דעם אמת זעהר נישט שיינענדיג. איך האָב מיך קיינמאָהל צו קיינעם נישט גע'חנפה'ט און איך וועל עס פאַר ווייטער אויך נישט טון. איך ווייס די ערפאַהרונג וואָס איך האָב דורכגעמאַכט און איך ווייס די שנאה וואָס איך וועל באַגעגענען. איך ווייס דעם צו־שטאַנד פון דעם ליטעראַרישען מארק און איך ווייס פון דער געזונקענער מאָראַל, אין וועלכער דער איצטיגער לעזער געפינט זיך. איך ווייס אויך, פונקט ווי מיט 15 יאָהר צוריק, דאָס מען קען נישט זאָגען דאָס מינדעסטע וואָרט וואו מען זאָל נישט באַגעגענט ווערען מיט חוזק. און דאָך קעמפ איך קעגען דעם אלעם, פונקט ווי איך קעמף אקעגען מיין אייגענעם מזל. איך קעמף דערפאַר, ווייל איך זוך נישט קיין מאַטעריעלע נוצען פאַר זיך פערזענליך. און איצט, פונקט ווי מיט יאָהרען צוריק, שטעה איך ווי א דערשלאָגענער אָרימאַן, כעני בפּתח, און בעט מען זאָל

מיר העלפען שאפען א ליטעראַרישע עפענטליכע מיינונג, כדי מען זאָל נישט מורא האָבען צו זאָגען א פריי וואָרט. איך בין אין דער לאגע פון יענעם אָרימאַן וואָס בעטעלט זיין גאַנץ לעבען פאַר אַנדערע. אויך דיזע פערזענליכע פאָרם פון בעטלען ווערט באַטראַכט פאַר א נאַרישקייט. אָבער ווי אַזוי קען איך עס דען מאַכען אַנדערש ווען איך בין א פריוואַט מענש? אָבער דאָס מאָהל, אויב דיזע אַרבייט וועט דערלעבען צו זעהן די ליכטיגע וועלט, וועל איך מאַכען א נייע פּראָבע. איך דיינק דיזע אַרבייט אַרויסצוגעבען אונטער דעם נאָמען פון א פאַרלאַג. איך גלויב דאָס דער נאָמען „פאַרלאַג דאַן" וואָלט זיך זעהר געפאַסט פאַר א פאָלקס פאַרלאַג. דאָס איז דער אָבגעקירצטער נאָמען פון „די אידישע נאַכבאַרשאַפט". אין ענגליש וואָלט עס געקענט הייסען „די דזשואיש נייבאָרהוד פּובלישינג קאָ.", ווען עס איז פּריוואַט, אָדער „אינסטיטושאָן", ווען עס זאָל זיין אונטער א קאָנטראָל פון א קאָמיטע אָדער פאַראיין. דערפאַר מאַך איך מיך איצט פּונקט אַזוי נאַריש ווי מיט 15 יאָהר צוריק און בעט מען זאָל מיר העלפען צו דעם צוועק. שרייבער האָבען א געלעגענהייט זיך צו אינטערעסירען מיט דיזען נאָמען, ווען זיי ווילען זיך מיט מיר פאַראייניגען. אינטעליגענטערע לעזער, פּערזאָנען פון די איידעלע פּראָפעסיאָנען אַזוי גוט ווי פּראָסטע אַרבייטער, זיינען געבעטען צו שענקען אויפמערקזאַמקייט אויף דיזען קליינעם פאַרלאַג און איהם העלפען וואַקסען, כדי ער זאָל ווירקליך ווערען א פאָלקס אינסטיטוציע. אַלע עהרליכערע שרייבער זיינען געבעטען צו ברעכען דעם רשעות'דיגען מנהג פון פאַרשווייגען א זאַך וואָס דאַכט זיך זיי אויס צו זיין נאַריש אין זייערע אויגען. עס האָט נישט איינמאָהל געטראָפען אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, דאָס זאַכען וואָס פּראָסטע מענשען האָבען באַטראַכט פאַר נאַרישקייטען, זיינען געוואָרען וויכטיגע פאַקטאָרען פון קולטור און פאָרטשריט.

נאַטירליך קען מען אויך דאָ געבען א ווינק נישט צו וועלען העלפען דיזע קליינע אונטערנעמונג אונטער דעם אויסרייד אַז זי-

איז א פּריוואַט זאַך — און א פּריוואַט זאַך מיינט „געשעפט“. אין וואָס די אידישע גאַס איז נישט פעהיג — אָבער אין דער־שטיקען א זאַך גאַר ביים אָנהויב, ווייזט זי אַרויס די גרעסטע גאונות. מען פאַרשווייגט, מען מאַכט חוזק, מען רייסט אַרונ־טער, מען גיט א רשעות׳דיגען ווינק אז דיזע אָדער יענע זאַך וועט נישט געהן אָדער זיך נישט פאַרקויפען און נאָך אַנדערע מיטלען צו דערשטיקען א זאַך נאָך איידער זי האָט גאַר אָנגע־הויבען צו לעבען. דאָס לעצטע מיטעל איז „געשעפט“. א פּריוואַט געשעפט, אויב דער גרינדער האָט נישט קיין „קאַפּיטאַל“, איז עס זיין אייגענע זאַך. און אויף דעם אופן קומט עס אויס אז צו האַנדלען מיט ליטעראַרישען סם מעגען נאַר יענע וואָס האָבען שוין קאַפּיטאַל. און טאָמער וויל איינער האַנדלען מיט ליטעראַרישען געזונטען שטאָף דאַרף מען איהם פאַרשווייגען, ווייל ער איז אָרים. און אַזוי קען דער „פאָרווערטס“ מאַכען געוואַלדען דאָס ער איז די בעסט׳ע ליטעראַרישע צייטונג אין דער וועלט און קיינער קען צו דעם גאַר נישט זאָגען. און ווען איינער וויל שוין טון די ריכטיגע זאַך, דאַרף מען איהם דערשטיקען. די קאַהאַניסטישע ערגסטע פאָרם פון דעמאַגאָגיע, אָדער די עקעלהאַפ־טעסטע פאָרם פון טון געשעפטען אונטער דער פאַלשער פּרע־טענציע פון עהרליכקייט האָט אַזוי פאַר׳סם׳ט די אידישע גאַס דאָס יעדע זאַך ווערט באַטראַכט פאַר א געשעפט וואָס דאַרף פאַרשוויגען ווערען. און אַזוי זעהען מיר ווי גוט באַצאָהלטע שרייבער מאַכען צו גאָרנישט וויכטיגע ערשיינונגען מיט דעם געבען א ווינק — „געשעפט“. מישטיינס געזאָגט, וואָס׳ערע געשעפטען מען קען שוין מאַכען פון אידישע ביכער! דערפאַר וויל איך דאָ מאַכען אַן עפענטליכע ערקלערונג. זאָלען אַלע מיטהעלפען דיזער קליינער פאַרלאַג זאָל האָבען אַן ערפאָלג, און יעדער סענט פּראָפיט וועט אָוועקגעגעבען ווערען, למשל, אַלס בייטראַג צו א פאָנד אויף צו שאַפען א אידיש־אידישען ווערטער־בוך. אָדער איך בין בערייט צו יעדער צייט איבערצוגעבען מיין גאַנץ געשעפט צו א פאַראיין אָהן פּראָפיט. איך מאַך דיזע

עפּענטליכע ערקלעהרונג, ווייל איך דיינק גאָר קיינמאָהל נישט פון קיין פּראָפיט. מיין ערקלעהרונג מיט 15 יאָהר צוריק דאָס איך בין בערייט צו טיילען דעמזעלבען שיקזאל וואָס דער פּראָסטער ארבייטער האָט, איז איצט פונקט אַזוי גילטיג ווי דעמאָלט. איך האַלט מיך גאָרנישט פאַר אַזאַ גרויסען יחסן איך זאָל מיינען אַז עס איז אַ חרפּה צו ארבייטען מיט די הענד פאַר א לעבען. איך בין בערייט אָבצוגעבען מיין פרייע צייט אָהן אירגענד וועלכע באלוינונג. איך בין בערייט צו ווייזען אַלע מיינע חשבונות און איך וועל טון אַלעם אונטער דעם קאָנטראָל פון אַ קאָמיטע. איך וויל ווייזען אַ ביישפּיעל דאָס מען מוז ברייגען מאַטעריעלע קרבנות אויף דעם מזבח פון דעם ליטעראַרישען באנקראָט. אָהן מאַטעריעלע קרבנות וועט מען גאָרנישט קענען אויפטון אויף דער אידישער ליטעראַרישער גאַס פאַר דער צוקונפט פון דער ליטע־ראַטור און אויך פאַר די צוקונפטיגע ליטעראַטען אפילו.

ווער וויל מיר העלפען שאפען אַ פאָלקס פארלאַג? ווער וויל מיר העלפען אין דיזער ארבייט זיך אַקעגען צו שטעלען דער גלייכגילטיגקייט און דעם חוזק פון דער אידישער ליטעראַרישער גאַס? איז נישט ווערטה אַ קליינער מאַטעריעלער קרבן פון אַ געוויסער צאָהל אייניגע לעזער און אַ גוט וואָרט פון עהרליכע שרייבער נאָכאמאָהל צו מאכען אַן אָנשטריינגענדיגע פּראָבע עפּעס אויפצוטון פאַר דער בעסערער אידישער ליטעראַטור? ווער עס האָט מוטה זאָל צושטעהן צו מיין קאמף איצט אויף די עלטערע יאהר.

צום שלום נאָך אַ וואָרט. פון מיין ערשטען ארויסטרעטען ביז צום צווייטען איז אַוועק דריי יאָהר; פון דעם צווייטען ארויס־טרעטען ביז צו דעם איצטיגען איז אַוועק אַן ערך פון ארום 12 יאָהר: אָבער איצט בין איך שוין אַלט און קען נישט פאָראויס־זאָגען וואָס די צוקונפט וועט ברייגען. וועט די אידישע גאַס מיך לאָזען שטאַרבען נישט צו זעהן מיינע גוטע שריפטען געדרוקט און אַ בעסערע צייט פאַר דער אידישער בעסערער ליטעראַטור? פריינדע! דיינקט נאָך איידער איהר באַשליסט צו בלייבען אַזוי גלייכגילטיג ווי איהר זיינט געווען ביז איצט!

א צוגעקומענע באמערקונג.

עס זיינען דא גליקליכע שרייבער אויף דיזער וועלט. אזוי שנעל ווי זיי שרייבען עפּעס אָן, מעג עס זיין די גרעסטע נאַריש־קייט, ווערט עס תיכף געדרוקט. גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער מיט מיר. איך שרייב און שרייב, מאַך אַלע מאָהל פאָרבאַריי־טונגען עפּעס פון די שריפטען ארויסצוגעב׳ען, אָבער ווען עס קומט די צייט מיין באשלוס אויסצופיהרען, דאַן קומט עפּעס אַן אונ־ערוואַרטעטע שטערונג און פאַרשפּאַרט מיר דעם וועג; און דאָס אָנגעשריבענע מוז בלייבען אַלס מאַטעריאַל פאַר די׳ם וואָס וועט אמאָהל זיך נעמען די מיה צו שרייבען די געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס פון אַמעריקע. און מיט דיזער אַרבייט, אויב זי וועט דערלעבען ווען עס איז צו זעהן די ליכטיגע וועלט, איז אויך אַזוי געווען. האָבענדיג אין זין דאָס דיזע אַרבייט זאָל אַרויס אַרום דעם ערשטען יאַנואַר, 1925, און זייענדיג אַ פאַרקויפטער פאַבריק־אַרבייטער און דאָך וועלענדיג זעהן אַ פאָרזיכטיגע אויסגאַב׳ע, האָב איך זי געמוזט פאַרטיג מאַכען מיט אַ געוויסע צייט פריהער. אָבער איך האָב זי נישט געקענט אריינגעבען צום דרוק אין דער באַשטימטער צייט צוליעב פינאַנציעל׳ע אורזאַכען. און אין דיזער צייט, זינט איך האָב זי פאַרטיג געמאַכט צום דרוק ביז צום ערשטען יאַנואַר און זי נישט געגעבען צום דרוקער, איז דערווייל פאָרגעקומען אַ וויכטיגע ליטעראַרישע פּאַסירונג וואָס קען נישט פאַרבייגעלאָזט ווערען אָהן אַ באמערקונג. יוליוס צעזאַר זאָגט אויף אַן אָרט אין זיינע קאָמענטאַרען איבער דעם קריעג אין גאַליען: „קיינער איז נישט אַזאַ וואַוילער יונג נישט צוטומעלט צו ווערען ביי אַן אונערוואַרטעטער ערשיינונג". אָט דאָס איז געשעהן מיט מיר אויך ווען די ליטעראַרישע פּאַסירונג האָט זיך באַוויזען אויף דער אידישער גאַס. דערפאַר, ווען עס האָט זיך יאָ אַזוי געמאַכט דאָס

דיזע אויסגאַבע האָט זיך פאַרשפּעטיגט און איך האָב זי נישט געקענט געבען צום דרוקער אין דער ריכטיגער צייט, וועל איך פּרוּאווען געבען אַ שטיקעל איבערבליק איבער דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען זייט יענער צייט, מיט עטליכע חדשים פריהער, ביז צום ערשטען יאַנואַר.

צום ערשטען אַ וואָרט וועגען דעם „טעאַליט". שטילערהייט האָט זיך דער „טעאַליט" באַוויזען און שטילערהייט האָט מען איהם אויפגעהערט צו זעהן. און ווען מען זעהט נישט אַ זשורנאַל אויף דער אידישער גאַס מוז מען איהם באַטראַכטען אַלס אונטערגעגאַנגען. דער לעזער וועט באַלד פאַרשטעהן אַז נישט דער ערשיינען פון יענעם זשורנאַל האָט מיך געמאַכט צו שרייבען דיזען בוך, נאָר דעם „טעאַליט" האָב איך גענומען פאַר אַ מוסטער צו ווייזען ווי גערעכט איך בין אַלע מאָהל געווען מיט מיין קאַמף פאַר אַ בעסערער ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס. אונגליקליכער ווייזע, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, האָט דער „טעאַליט" געהאַט דעמזעלביגען מזל ווי אַלע ליטעראַרישע זשורנאַלען. און דאָס איז אַ גרויסער שאָדען. ווי שוואַך ער איז געווען איז ער דאָך געווען אַ שטיקעל ליכט אין דעם פינסטערען באַנקראָט פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. די אַנדערע זשורנאַלעכלעך, אפילו ווען זיי ערשיינען מיט פיעלע מאַטעריעלע קרבנות מצד די אַרויסגעבער, פעהלט די נויטיגע פעהיגקייט, די קענטניש און דער מוטה וואָס פאָדערט זיך פאַר אַ פאַראַנטוואָרטליכען אידישען ליטעראַרישען זשורנאַל אונטער די איצטיגע אומשטאַנדען. אפשר, אויב עס זאָלען זיך געפינען מענשען, פאַראַנטוואָרטליכע, און מיט דעם גוטען ווילען אויסצוהאַלטען; אַ גוטען זשורנאַל אפילו אונטער די שווערסטע אומשטאַנדען פאַר אַ לענגערער צייט, און דערזעלביגער זאָל זיין אַ ווירקליכער קעמפער פאַר אַ בעסערער ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס, וואָלט דאָך געווען אַ מעגליכקייט סוף כל סוף אַזאַ זשורנאַל זאָל געפינען אונטער זיך אַ באָדען און זאָל קענען שטעהן אויף זיינע אייגענע פיס.

ווייטער, חוץ דער פאסירונג, אויף וועלכער איך וועל באלד אנווייזען, איז נישט געשעהן קיין וויכטיגע זאך וואס זאל פאר־דיענען א באזונדערע באמערקונג אדער וואס זאל מיך צווינגען איבערצושרייבען דעם גאנצען בוך. דיזעלביגע צושטאנדען הערשען אויף דער ליטעראַרישער אידישער גאס פונקט ווי מיט א יאהר פריהער. און אויב איך האב געוויסע זאכען נישט גע־שענקט קיין אויפמערקזאמקייט אין מיין זאמלונג פון אורזאכען פארוואס דער אידישער לעזער האט פארלוירען דעם צוטרויען צום בעסערען אידישען ווארט, זיינען זיי מן־הסתם פון אזא סארט וואס זיינען נ.ך מיין מיינונג נישט ווערטה באמערקט צו ווערען. איך וועל געווים דאנקבאר זיין יעדען איינעם וואס וועט מיר אנווייזען נאך מעהר אורזאכען פארוואס דער אידישער לעזער קערט זיך אפ מיט עקעל פון יעדען אינטעליגענט וואס וויל צו איהם ריידען אן ערנסט ווארט. און אויב איך האב גערעדט פון געוויסע זאכען וואס זיינען אין דער בעסערער פרעסע יא דער־מאהנט געווארען שוין נאכדעם ווי איך האב געהאט אנגעשריבען יענע שורות, און ווען זיי וועלען ערשיינען וועט עס אויסקומען אז „אנדערע" האבען שוין דאס פריהער געזאגט, איז אויך נישט קיין גרויסער אומגליק. זאלען יענע האבען דעם קרעדיט ווען אויף דער אידישער גאס זאל זיך אנהויבען אן ערנסטע באוועגונג פאר אן ערנסטער אידישער ליטעראטור. יעדענפאלס וועלען מיינע באמערקונגען, ווי שפעט זיי וועלען ערשיינען, נויטווענ־דיגער ווייזע מוזען באטראכט ווערען פאר אריגינעלע פון דעם ליטעראַרישען פיינשמעקער, וויל קיינער האט נאך דערוויל נישט געהאט דעם מוטה אזוי פריי און אונערשראקען אנצואווייזען אויף דעם סאמע אמת, ווי איך האב עס געטון אין מיינע שורות. און וואס קען מען זאגען נייעס וועגען דעם וואס עס ווערט אנגע־שריבען אין דער טעגליכער פרעסע אדער אפילו אין אנדערע אויסגאבען וואס שטעלען צונויף די ליטעראַרישע אידישע גאס? דיזעלביגע גערעטעניש אויף קוואנטיטעט וואס פארמעהרט זיך אויף דעם חשבון פון קוואליטעט. דיזעלביגע שטאף, דיזעלביגע

טהעמאַס, דיזעלביגע פּעליעטאַנען און דיזעלביגע ליטעראַרישע שריפטען וואָס ווערען נישט געלייענט פון דער גרויסער מאַסע לעזער. און לייענען לייענט זיי נישט דער לעזער ווייל יענער שטאָף קען איהם נישט געבען קיין ריכטיגע מאָס צו קענען מאַכען דעם נויטיגען חילוק פון דעם וואָס עס הייסט גוטע ליטעראַטור און פון דעם וואָס עס הייסט שלעכטע.

איך וויל נאָר דערמאָהנען דעם בעסערען לעזער אויף איינגע פאַקטען וואָס זיינען געשעהן פריהער איידער איך האָב פאַר־ענדיגט יענע שורות און דאָס וואָס איז געשעהן שוין נאָכדעם ווי איך האָב געהאַלטען די פאַרטיגע שריפטען פאַר דעם דרוקער, און עס געשעהט דיזעלביגע זאַך טאָג־טעגליך. און דאָס מיין איך דווקא שוין פון יענע זאַכען וואָס ווערען פון פיעלע לעזער באַטראַכט פאַר דער בעסערער ליטעראַטור. צום ערשטען זעהט מען אַ גרויסע ליעבשאַפט פון די שרייבער צו שריפטען וואָס ענטהאַלטען אין זיך נעמען פון גרויסע שרייבער, וויסענשאַפטס־מענער און פילאָסאָפען. דיזע ליעבשאַפט צו גרויסע נעמען איז אַ מערקווירדיגע ערשיינונג. געוויסע שריפטען זיינען אָנגעפילט אין אַ יעדער שורה כמעט מיט קלינגענדיגע נעמען. און דאָ זעהט מען ערשט אַרויס די נוצלאָזיגקייט פון אַזאַ סאָרט שריי־בעריי. ווייל, ווען איינער, למשל, דערמאָהנט דעם נאָמען פון אימאַנועל קאַנט׳ס „קריטיק פון דעם ריינעם שכל“ מיט אַ נישט געשטויגענעם און נישט געפלויגענעם אויסצוג און גיט נאָך דערצו אָן דעם נאָמען פון דעם פּראָפעסער אַלס אויגוסט קאַנט, דאַן איז עס דער קלאָהרסטער באַוויז אַז דער שרייבער איז נישט געווען זעהר פאָרזיכטיג מיט זיין שרייבען. אין דעם טעטיגען געזעלשאַפטליכען לעבען, ווען איינער מאַכט אַמאָהל אַ טעות אין אַ נאָמען ביי אַ פּריוואַט געשפּרעך, איז נישט אַזוי געפעהרליך ווען ער פאַרבייט איין נאָמען אויף אַ צווייטען: אַזאַ מענשען קען מען נאָך נישט האַלטען פאַר קיין אונוויסענדען. ווען איינער אָבער שרייבט פאַר דער אינטעליגענטער עפענטליכקייט און פאַר־בייט אַ דייטשען פילאָזאָף אויף אַ פראַנצויזישען, דאַן זעהט זיך

קלאָהר אַרוים די נישט פּאָרזיכטיגקייט פון די אַזוי גערופענע בעסערע שרייבער אויף דער אידישער גאַס. עס ווייזט זיך אַרוים אַז זיי ציהען אַרוים פּלווידערייען, נעמען און אויסצוגען פון זייערע אייגענע אַרבעל אַרוים, זיך נישט רעכענענדיג אויב זייערע שריפּ־טען וועלען האָבען אירגענד וועלכען ליטעראַרישען אָדער קול־טורעלען ווערטה.

און פּונקט דיזעלביגע זאַך זעהט מען אַרוים אויף דער אידישער גאַס אין אַ פּאַרקעהרטער ריכטונג. שרייבער גיבען אַרוים גוט באַקאַנטע פילאָזאָפישע געדאַנקען און פוילען זיך אפילו צו דערמאָהנען אַז דיזער אָדער יענער געדאַנק באַלאַנגט צו דעם אָדער צו יענעם געלעהרטען. דאָס מיינט אַז זיי גיבען אַרוים אַלע זייערע געדאַנקען אַלס אָריגינעלע און אייגענע, וואָס האָט די ריכטיגע געלעהרטע גענומען אַ לאַנגען לעבען צו קומען צו יענע געדאַנקען. אויך זעהט מען אַ גרויס גערעטעניש אויף לאַטיינישע ווערטלעך און אַפילו קעפּלעך אַלס אַ טייל פון יענער פּרעסע וואָס דיינקט צו זיין די אַזוי גערופענע בעסערע. ווי לעבערליך אַזעלכע שרייבער מאַכען זיך פאַר יענעם וואָס פאַר־שטעהט זיך אין די קליינע פינטעלעך פון די גריכישע און לאַטיי־נישע שפּראַכען, ווען זיי גיבען אַ פאַל אַריין ווי יונים אין סכה מיט צווייפעלהאַפטע לאַטיינישע פראַזען! אָבער וואָס באַווייזען דיזע אַלע פאַקטען וואָס זיינען געשעהן פריהער, איידער איך האָב דיזע אַרבייט אַריינגעגעבען צום דרוק, זיינען געשעהן נאָכדעם און פאַרמעהרען זיך עד היום הזה? זיי באַווייזען אַז די שרייבער זיינען נישט זעהר ערנסט מיט זייער שרייבען, נאָר זיי ווילען גלאַנצען אין די אויגען פון די קאַפע־הויז אינטעליגענטען. נו, גלאַנצען זיי טאַקי אין די אויגען פון מאַנכע רעדאַקטערע און קריטיקער, געפינען אַן אָרט פאַר זייערע פוסטע שריפטען און זעהן אַ וואָרט אין מאַנכע רעצענזיעס. אָבער דער ריכטיגער לעזער בלייבט קאַלט צו יענע אַלע סאָרטען שרייבער און האַלט זיך פון וויטען אי פון די בעסערע ביכער, אי פון די בעסערע זשורנאַלען און לייענט זיי נישט. און דערפאַר האָט די אמת׳דיגע

בעסערע ליטעראַטור דעמזעלביגען מזל ווי די צווייפעלהאַפטע, וויל דורך דיזען גלאַנצען פאַרגעסט דערוויל די אידישע גאַס אַז ליטעראַטור האָט פאַר זיך אַן אַנדערען צוועק — אַ צוועק קלאָהר אויפצוקלעהרען דעם לעזער איבער געוויסע פּראַקטישע און ליטע־ראַרישע פאַסירונגען פון דער געגענווערטיגער צייט אָדער פון די פאַרגאַנגענע צייטען.

אָבער דיזע אַלע געשעהענישען, וועלכע איך האָב דאָ אין קורצען דערמאָהנט, זיינען נישט אַזוי שעדליך פאַר דער אידישער ליטעראַטור. פאָרט קען מען דיזען סאָרט שרייבען דערמאָהנען צום גוטען. מיט אַביסעלע פאָרזיכט אין דעם שרייבען, מיט אַביסעלע איינזעהעניש פאַר דעם לעזער און מיט אַביסעלע וויני־ציגער גאוה צו יענע שרייבער וואָס האָבען נישט געהאַט די מעגליכקייט צו געהן זיך לערנען אין אַן אוניווערסיטעט, קענען דיזע אַלע איבלען אין אַ קורצער צייט פאַרריכט ווערען. צוליעב דעם אַליין וואָלט איך נישט פאַרלוירען פיעל צייט, וויל אין אַזעלכע אָדער אין אַנדערע ווערטער האָב איך שוין דאָס פריהער אָנגעוויזען און איבערצו׳חזר׳ן איז נישט נויטיג. אָבער אַן אַנ־דערע פאַסירונג, ווי געזאָגט, האָט מיך געצוואונגען צו געבען דיזען איבערבליק. איך מיין דאָ די „ליטעראַרישע" דעבאַטע וואָס איז אָנגעגאַנגען אַ שטיק צייט אין „פאָרווערטס" און וואָס איז פאַרביי געגאַנגען אַזוי שטיל אויף דער אידישער גאַס. אָט דאָס האָט מיך געמאַכט צוצוגעבען נאָך אַ באַמערקונג, און דווקא דערפאַר וויל קיינער מאַכט זיך נישט קיין גרויסען צימעס וואָס עס ווערט טעגליך געשריבען אין יענער צייטונג.

וואָס איז געווען די אורזאַך, וועלכע האָט קאַהאַן׳ען באַוועגט אָנצוהויבען די לאַנגע דעבאַטע איבער ליטעראַטור און האָט אָנגע־האַלטען דעם גאַנצען זומער פון דעם יאָהר 1924? צו פאַר־ענטפערען דיזע פראַגע איז ווערטה מען זאָל טיעפער אַריינבליקען אין דער נשמה פון אַ דעמאַגאָג. דער נאָמען דעמאַגאָג איז אין זיך אַליין אַ גאַנץ אונשולדיג וואָרט. עס איז פונקט אַזוי אונ־שולדיג ווי דאָס וואָרט פעדאַגאָג, אָדער ווי אַנדערע ווערטער וואָס

שטאמען פון דער גריכישער שפראך. דעמאגאג הייסט א פאלקס־פיהרער, פונקט ווי פעדאגאג הייסט א קינדער־פיהרער, א קינדער־לעהרער. היינט פארוואס־זשע זאל דאס שעהנע ווארט ארויס־רופען אזא עקעל? פארוואס האסט אזוי יעדער אינטעליגענטער מענש א דעמאגאג? אט דא קען יעדער פארשטענדיגער מענש אליין זעהן, פונקט ווי אין דער ליטעראטור, דאס נישט די שעהנע ווערטער מאכען א זאך שעהן, נאר עס איז דער תמצית פון דעם געדאנק, אדער די מענשליכע האנדלונגען וואס גיבען שעהנקייט אדער מיאוסקייט צו צו א נאמען איידער די בלויזע טרוקענע ווערטער. און א דעמאגאג איז דערפאר אזוי פארהאסט היינטיגען טאג, און איז אלע מאהל געווען פארהאסט פון די עלטסטע צייטען אן, ווייל ער זוכט צו קריגען זיין פאפולאריטעט אויף אן עקעלהאפטען אופן אונטער אלע אומשטאנדען, נישט קוקענדיג צי זיינע האנדלונגען וועלען ברייגען עפעס נוצען צו דער געזעלשאפט, אין וועלכער ער לעבט, און אפילו נישט טראכ־טענדיג דאס זיינע האנדלונגען ברייגען זיכערען שאדען. אט אזא מין דעמאגאג איז אב. קאהאן.

קאהאן האט געזוכט צו קריגען זיין פאפולאריטעט אויף די עקעלהאפטעסטע אופנים וואס די וועלט האט ווען עס איז געזעהן. דאס האט זיך ארויסגעוויזען אזוי שנעל ווי ער האט איבערגע־נומען די ממשלה פון „פארווערטס“. יעדער אינטעליגענטער עלטערער מענש וועט זיך זיכער דערמאהנען די אומגעלומפערטע אנגריפען וואס זיינען געמאכט געווארען אין „פארווערטס“ אויף די אנדערע עקזיסטירענדיגע צייטונגען, אויף פריוואט מענשען און אויף אינסטיטוציעס. נאטירליך האט דער סאציאליזם איהם געגעבען א גוטען אויסרייד דערצו. געהייסען האט עס דאס ער „שטורמט“ די קאפיטאליסטישע פעסטונגען. מישטיינס געזאגט! וואס פאר א קאפיטאליסטישע פעסטונגען עס זיינען געווען דער „טאגעבלאט“, דער „מארגען זשורנאל“, מילער'ס „וואהרהייט“ אדער אנדערע צייטונגען, געשעפטען און אינסטיטוציעס אויף דער אידישער גאס אין די פריהערדיגע יאהרען! אבער יעדען

ליגט איינגעוואַקסען ביז צום מארך פון די ביינער די פּאַסקודנע מארק-ווייבערישע זידלערייען, מיט וועלכע די שפּאַלטען פון „פאָרווערטס" זיינען געווען אויסגעפּילט. מיט דער צייט אָבער, נאָכדעם ווי דער „פאָרווערטס" האָט אויף זיך געהאַט פּראָצעסען און עס האָט איהם געקאָסט גענוג רבי געלד אויך, זעהט מען שוין נישט אַזוי היינטיגען טאָג פון אויווען אויף די פּראָסטע זידלערייען, נאָר זיי באַהאַלטען זיך אונטער אַן אַנדערער דעמאַגאָגישער און אַנשטענדיגער מאַסקע.

אין דערזעלביגער צייט מיט די זידלערייען האָט קאַהאַן אויסגעפּילט דעם „פאָרווערטס" מיט דעם עקעלהאַפטעסטען און קיצעלדיגסטען שונד וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזעהן. חוץ אַמאָהל שבת אָדער זונטאָג, כדי אויך צו קריגען אויף זיין זייט דעם אַזוי גערופענעם אינטעליגענטערען לעזער, האָט מען אין „פאָרווערטס" מעהר נישט געזעהן ווי שונד און עקעלהאַפטע זידלערייען. שונד איז געוואָרען דאָס סאַמע וויכטיגסטע אויף דער אידישער גאַס. און טאַקי צוליעב דעם שונד מיט די זידלערייען האָט קאַהאַן שוין נויטווענדיגערווייזע געהאַט אויף זיך מעהר שונאים ווי פריינדע און ער האָט שוין געמוזט איינפיהרען אין „פאָרווערטס" אַ טאַקטיק פון איגנאָרירען יעדען פּראָטעסט, אונטערדריקען יעדען בעסערען טאַלאַנט און אָנפיהרען אַ דירעקטען קאַמף אַקעגען אַלעם וואָס איז שעהן און איידעל אין אַ אינטעליגענטער געזעלשאַפט. און אין דיזען איגנאָרירען און אונטערדריקען האָט ער ארויסגעוויזען אַ מוסטער פון כאַראַקטער פעסטקייט וואָס קיין גלייכען צו איהם איז נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. קיין פּראָטעסט און קיין זאַך אויף דער אידישער גאַס האָט איהם נישט געקענט באַוועגען אָנצוהויבען אַ מעהר אַנשטענדיגע ליטעראַרישע ווענדונג אין „פאָרווערטס". און אַזוי האָט ער געמאַכט פון דער אידישער גאַס דאָס וואָס זי איז היינטיגען טאָג. און אַזוי האָט ער געגעבען „ליטעראַרישע" אָבהאַנדלונגען אויף זיין דעמאַגאָגישען שטייגער, ווי איך האָב עס געוויזען אויף אַן אַנדער אָרט. דאָס וואָס איז פאָרגעקומען ארום

איהם האָט ער נישרי געוואָלט נעמען אין אנבאטראכט, נאָר ער איז זיך געגאַנגען זיין אייגענעם שלעכטען וועג צו קריגען די געווינשטע פּאָפּולאַריטעט. היינט ווי־זשע קומט עס, וואָס גראַדע אין דיזער צייט, ווען צוליעב דעם „טעאַליט" איז די ביכער און ליטעראַרישע פראַגע געוואָרען אַ וויכטיגע טאַגעס פראַגע אויף דער אידישער גאַס, האָט קאַהאַן דווקא אָנגעהויבען אַ דעבאַטע איבער ליטעראַטור? אָט צוליעב דעם אַליין איז ווערטה מען זאָל גרינדליך נאָכזוכען וואָס אויף דער אידישער גאַס איז פאָר־געקומען, כדי מען זאָל זיך קענען מאַכען אַ באַגריף וואָס דאָס איז אַזוינס וואָס מאַכט אַ דעמאַגאָג זיך צו פאַרנעמען מיט אַ וויכטיגער פראַגע און אויף וואָס פאַר אַ שעדליכען אופן ער זוכט צו דערשטיקען יעדען פּראָטעסט.

מיט ווינציג פרייד מוז איך זאָגען די אַלע ליטעראַטען וואָס האָבען גענומען אַזאַ וויכטיגען אַנטייל אין דער ביכער און ליטע־ראַרישער פראַגע פון דעם ווינטער 1923—1924, דאָס נישט צוליעב זיי אַליין האָט קאַהאַן אָנגעהויבען די „ליטעראַרישע" דעבאַטע. וואָס־זשע איז פאָרט פאָרגעקומען אויף דער אידישער גאַס? און דאָ קען מען זעהן אַ מערקווירדיגע ערשיינונג. פונקט ווי אַ ריזיגער עלעפאַנט ווערט נערוועז און אונרוהיג ביים דורכ־לויפען פון אַן אונשולדיג מייזעלע, אַזוי איז דער „כאַראַקטער פעסטער" קאַהאַן נערוועז און אונרוהיג געוואָרען ביי דער פּאַסי־רונג פון אַן אונשולדיגער זאַך, און ער האָט זיך גענומען אויף זיין שעדליכען שטייגער „אויסצוקורירען" די אידישע גאַס פון אַ ליטעראַרישער „קראַנקהייט". אויף דער אידישער גאַס האָט זיך באַוויזען דאָס ווערק „זכרונות לבית דוד" אויף מאַמע לשון, און עס האָט זיך געמאַכט דאָס מען האָט עס אויפגענומען פריינדליך, דאָס הייסט צייטונגען האָבען געפונען פאַר נויטיג צו זאָגען אַ גוט וואָרט פאַר דעם — אָט דאָס איז די פּרוזשינע וואָס האָט געטריבען קאַהאַן'ען אָנצוהויבען אַ ליטעראַרישע דעבאַטע, און עס האָט שוין געהייסען אַז ער באַשפּרעכט אַ וויכטיגע צייט פראַגע. די האָפנונגען פון די ליטעראַטען האָבען קאַהאַן'ען

נישט געריהרט; אויך האָבען אויף איהם נישט געווירקט זייערע האַרץ-וועהטאַגען, זייערע שטרעבונגען, זייערע אידעאַלען און די אַלע גוטע זאַכען וואָס אינטעליגענטע מענשען האָבען אין זיך: פאַר דעם איז קאַהאַן צו כאַראַקטער פעסט. אָבער דאָס וואָס מען האָט געזאָגט אַ גוט וואָרט אויף אַ ליטעראַרישער ערשיי־נונג — דאָס האָט ער שוין נישט געקענט פאַרטראָגען. אָט דאָס איז דער סוד וואָס ער האָט געלעגט אַזוי פיעל וויכטיגקייט אויף „היסטאָרישע ראָמאַנען" און זיך באַמיהט מיט אַלע כחות צו באַווייזען אַז זיי זיינען דווקא שונד.

וואָלט אָבער קאַהאַן געהאַט דעם מוטה אָפען אַרויסצוטרעטען אַקעגען אַ זאַך וואָס איהם האָט זיך אויסגעדאַכט צו זיין שונד, וואָלט נאָך געוועזען אַ האַלבע צרה. איז אָבער די צרה וואָס קאַהאַן — דער כאַראַקטער פעסטער קאַהאַן! — האָט קיין מוטה נישט געהאַט אָפען אַרויסצוטרעטען אַקעגען „זכרונות לבית דוד", און ער האָט שוין צוליעב דעם צוגעלעגט נאָך אַ לאָפּעטע ערד אויף דעם קבר פון דער בעסערער וועלט ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס. און אַזוי, אין פאַרלויף פון זיין לאַנגער קאַריערע צו קריגען זיין עקעלהאַפטע פּאָפּולאַריטעט, האָט קאַהאַן יאָהר איין, יאָהר אוים צעשטערט דעם גלויבען און דעם צוטרויען פון דעם בעסערען אידישען לעזער אויך צו דער בעסערער אידישער ליטעראַטור. עס מאַכט שוין איצט נישט אוים צי קאַהאַן האָט יאָ דערמאָנט „זכרונות לבית דוד" צי נישט — דער „פאָרווערטס" לעזער וועט שוין זיכער נישט נעמען אין דער האַנט אַריין נישט דאָס דערמאָהנטע ווערק, וועט נישט זוכען צו לייענען אירגענד וועלכע אַרבייט וואָס די בעסערע ליטעראַטען וועלען אַרויסגעבען אָדער האָבען שוין אַרויסגעגעבען, און ער וועט גאָר אינגאַנצען נישט שטרעבען צו זוכען אירגענד וועלכע בעסערע ליטעראַרישע אַרבייט. ווי קען אַזאַ נאַאיווער „פאָרווערטס" לעזער נעמען איר־גענד וועלכע גוטע ליטעראַרישע אַרבייט אין דער האַנט אַריין ווען מען האָט מיט איהם פאַר יאָהרען און יאָהרען געקנעלט דאָס די בעסטע ליטעראַרישע אַרבייטען, אָנגעהויבען פון שעקספּיער'ן און

ענדיגענדיג דערוויי? איצט מיט סיענקעוויטש'ן, זיינען דווקא שונד ? ווי קען א „פארווערטס" לעזער איבערהויפט נעמען אירגענד וועלכע גוטע ליטעראַרישע ארבייט אין דער האנט אריין, ווען מען האט מיט איהם פאר יאהרען און יאהרען געקנעלט דאָס די „פאר־ווערטס" ליטעראטור — דער ערגסטער שונד אין דער וועלט ! — איז דווקא די העכסטע און בעסטע ליטעראטור וואָס די וועלט האט ווען עס איז געזעהן ?

און פארוואָס האט קאהאן דעם מוטה מיט אזא פרעכקייט און מיט אזא פארביסענקייט צו פארניכטען די וועלט־ליטעראטור און צו דערהויבען אויף אזא שעדליכען אופן די ליטעראטור פון „פארווערטס" ? עס זיינען דא, צווישען פיעלע אנדערע אורזאַ־כען, צוויי הויפט אורזאכען פאר דעם. צום ערשטען, ווי געזאָגט, איז קאהאן א „פעסטער" כאראקטער און ער פיהלט די שוואכ־קייט פון די ליטעראַרישע טאלאנטען אויף דער אידישער גאַס. באשעפטיגענדיג א פאָר בעסערע שרייבער פאר שבת און זונטאג מיינט ער צו פארשטאָפּען זייערע פראטעסטירענדיגע מיילער. ער ווייסט איבערהויפט גאנץ גוט אלע שוואכע זייטען פון דער אידי־שער גאס, אזוי ווי איך האב זיי אנגעוויזען אין דיזען בוך. ער ווייסט גאנץ גוט, דאס דער בעסערער לעזער, דורך פיעלע אורזאַ־כען, צוליעב די ארבייטער ארגאניזאציעס, צוליעב דעם ארבייטער רינג און צוליעב דעם סאציאליזם, איז ענג פארבונדען מיט דעם „פאָרווערטס", און, טרויעריג ווי עס איז, לייענט נישט קיין אנ־דערע צייטונגען. קאהאן ווייסט גאנץ גוט דאס אזעלכע לעזער, ווי דער „טאגעבלאט" האט, למשל, וואס זיינען ניכער געגייגט צו כאפען א „קדושה'לע", א „ברכי" אדער א מנחה און מעריב — און אפילו די באלעבאטישע לעזער פון די אנדערע צייטונגען — וועלען זיך גאנץ ווינציג צוהערען צו פראגען, וואס האבען צו טון מיט בעסערער ליטעראטור. ריידען וועגען בעסערער ליטעראטור קען מען נאָר צו אזעלכע לעזער, וואס האבען א בעסערע פאר־שטענדניש פון וועלט ערשיינונגען. און דיזע לעזער זיינען עס יענע, וואס זיינען אנגעשמעקט מיט סאציאליזם. האבען די לי־

טעראַטען פון דער אידישער גאַס אירגענד וועלכען איינפלוס אויף דיזען סאָרט לעזער? מיט באַדויערען מוז איך זאגען, אז נישט! און קאַהאַן ווייסט דאס גאנץ גוט. קאַהאַן ווייסט גאנץ גוט, אז דאס ריידען פון די היגע ליטעראַטען און אפילו די פּראָטעסטען, וואס קומען פון פארשטיקטען האַרץ־וועהטאג, זיינען נישט מעהר ווי שטורמס אין א גלאָז וואסער. ווייל, וואָלטען זיי יאָ געהאט אירגענד וועלכען איינפלוס אויף דיזען סאָרט לעזער, וואלט דאָך געדאַרפט עקזיסטירען א לעבהאַפטע גוטע ליטעראַטור אויף דער אידישער גאַס, א געזונטער האַנדעל פון ליטעראַרישע ווערק און איבערהויפּט אן אונאבהייניגע אינטעליגענטע באוועגונג נישט קאָנטראָלירט פון „פאָרווערטס“. אָבער צו דיזען סאָרט לעזער קענען די היגע בעסערע ליטעראַטען נישט צוקומען, און ווען נישט דער האנדעל מיט דער אינדוסטריע, וואס גיט זיי א מעגליכקייט צו זיין באַשעפטיגט אין אַנדערע צייטונגען, וואָלטען זיי זיך גע־מוזט נעמען צו אנדערע באשעפטיגונגען. קאַהאַן זאָרגט זיך שוין גוט, ווי איך האָב עס באוויזען אויף אן אנדער אָרט, דאס דיזער סאָרט לעזער זאָל זיך חלילה נישט פארקיהלען און קיין עין הרע זאָל איהם נישט טרעפען. אָט דאָס איז איין אורזאַך פאַרוואָס קאַהאַן קען אזוי פרעך קנעלען מיט דעם אינטעליגענטערען לעזער און דורך דעם פארניכטען דעם צוטרויען צום בעסערען וואָרט.

די צווייטע הויפּט אורזאך וואָס מאכט קאהאנ׳ען אלץ פרע־כער און פרעכער צו פאַרניכטען דעם צוטרויען צו דער וועלט־ליטעראַטור אין דער לעצטער צייט און צו דערהויבען דעם שונד צו דער העכסטער מדרגה פון גוטקייט, איז דיזע:

אַמאָהל, אין די גוטע אַלטע צייטען, האָט קאהאַן נאָך ארויס־געוויזען אין זיין עקעלהאפטער דעמאַגאָגיע, כאָטש לפנים וועגען, א שטיקעלע בושה פאר די עלטערע אינטעליגענטען. און דע־מאָלט האָט עס געהייסען, אז מען מוז זיך ארונטערלאזען צו די פאָלקס־מאַסען מיט „פאָלקס־ליטעראַטור“, כדי זיי, די פאלקס־מאַסען, צו קענען דערהויבען צום סאציאַליזם און צו דער בעסע־רער ליטעראַטור. צו „געהן צום פאָלק“ איז געווען דעמאָלט

שטאַרק אין דער מאָדע און אויף דעם חשבון האָט קאהאַן געאַר־בייט אויף אַלע כלים צו געהן זיין וועג, כדי צו קריגען די גרעסטע פּאָפּולאַריטעט מיט דער ערגסטער דעמאַגאָגיע און מיט דעם ערג־סטען שונד. אבער יענע גוטע אַלטע צייטען פון בושה זיינען שוין לאַנג אוועק. די עלטערע אינטעליגענטען האָבען איינציג־ווייז באַצאָהלט זייער חוב צו דער נאַטור און זיינען אויסגע־שטאָרבען. אייניגע זיינען אריין אַלס שרייבערס אין די אנדערע צייטונגען. צו אנדערע האָט מען געגעבען פעטע שטעלען. און איצטער האָט שוין קאהאַן אַ פרייע האַנד און אויף אַ פרעכען אופן צעשטערט ער דעם צוטרויען צו דער וועלט ליטעראַטור און פּראָ־קלאַמירט דורך דעם דעם „פאָרווערטס“ שונד אַלס די בעסטע ליטע־ראַטור אין דער וועלט. פאַר די היינטיגע אינטעליגענטען האָט קאהאַן גאַנץ ווינציג דרך־ארץ. ער ווייסט גאַנץ גוט, דאַס זייערע פּראָטעסטען זיינען נישט מעהר ווי אַ סימן, דאָס זיי וואָלטען גע־וואונשען צו זיין אונטער זיין קנאַפּעל.

איצטער שטעלט זיך די פראַגע: טוט מען נאָך אזא זאַך ביי די גוים? ערלויבט מען זיך ביי זיי אויף אזא פרעכען אופן צו צעשטערען דעם גלויבען און צוטרויען צו דער וועלט־ליטעראַ־טור? אויך ביי די גוים פעהלט נישט קיין שונד. אונזער וועלט איז איבערהויפּט אזא צרה'דיגע, דאָס מען זוכט צו טון געשעפ־טען אויף אַלערליי אופנים און מען גיט שונד צוליעב דעם. אָבער מען גיט שונד און מען שווייגט! און כאָטש מען גיט שונד, בלייבט נאָך אַלע מאָהל אָרט פאַר אַ גוט וואָרט פאַר דער בע־סערער וועלט־ליטעראַטור. קאהאַן געהט אבער ווייטער: נישט גענוג, וואס ער גיט דעם ערגסטען שונד, צערשטערט ער נאָך צוליעב דעם דעם צוטרויען צו דער גוטער וועלט־ליטעראַטור! וואָלט קאהאַן אליין דאס געוואגט צו טון ביי די גוים ווען ער פארבלייבט ביי זיי, ווי ער איז עס אמאָהל געוועזן? איז אבער אויסגעפאַלען דער גורל אויף דער אונגליקליכער אידישער גאַס, דאס קאהאַן זאָל זיך אומקעהרען צוריק צו אונז און אויף אזא געמיינעם אופן צעשטערען דעם צוטרויען צו דער וועלט ליטע־

ראטור, און צוליעב דעם צו צעשטערען אויף דער אידישער גאַס דאס בעסערע וואָרט און נישט לאָזען זיך אנטוויקלען דאָ ביי אונז א גוטע ליטעראטור, ווי אלע פעלקער פון דער וועלט האָבען עס. און וואס האָבען מיר געזעהן ביי דער ערשיינונג פון דער „פארווערטס" דעבאטע פון דעם יאהר 1924? כמעט אלע מיט־ארבייטער פון „פארווערטס" האָבען קאהאנ'ען געהאָלפען אין דעם.

וואָלטען די „פארווערטס" מיטארבייטער געהאט רעספּעקט צו זיך אליין — איך וויל שוין נישט ריידען פון רעספּעקט צום בעסערען לעזער! — וואלטען זיי זיך פּשוט געדארפט אבזאגען פון צו נעהמען אנטייל אין אזא דעבאטע. יעדער פון יענע מיט־ארבייטער כמעט זיינען געשפּרונגען פון די האָלאָבלעס צו זאגען עפּעס וועגען איינשטיינ'ען און זיין רעלאטיוויזם. אבער ווען עס קומט אנצואווענדען כאָטש עפּעס פון דעם רעלאטיוויזם אין דעם פּראַקטישען לעבען, פארגעסט יעדער וואו ער געפינט זיך ערגיץ אין דער וועלט. וואלטען זיי פארגלייכט דאס, וואס קאהאן האָט אויף אזא שווארץ־קינצלערישען אופן געוואלט באווייזען צו זיין שונד מיט יענעם שטאָף, וואס ער איז מכבד זיינע טעגליכע לע־זער; וואלטען זיי פארגלייכט דאס א גרויסער טייל פון דער אזוי גערופענער בעסערער ליטעראטור פון שבת און זונטאג באַ־שטעהט טאַקי צום מעהרסטען פון קאהאנ'ס שווארץ־קינצלערישער תורה; ניין! וואלטען זיי אפילו פארגלייכט דאס וואס ווערט געגעבען אין די אנדערע טעגליכע צייטונגען צום טראָץ פון אלע זייערע חסרונות אלס פּראדוקט פון דער אידישער גאַס: וואָל־טען זיי דען געפינען אן ערגערען, א געזונקענערען צושטאנד ווי דער, אין וועלכען דער „פארווערטס" געפינט זיך? אנשטאט אבער דאס צו טון האָבען זיי כמעט אלע אין איין קול צוגעשטימט צו קאהאנ'ס פארניכטען דעם צוטרויען פון דעם אינטעליגענטע־דען לעזער צו דער בעסערער ליטעראַטור. איניגע, ליבערמאַן, למשל, מיט זיין „גוטען ווארט" פאר שונד און דער שטעכיגער, מיט זיין חוזק מאַכען פון די בעסערע שטרעבונגען פון די אי־דישע טאלאנטען פון דער ליטעראַרישער אידישער גאַס, האָבען

עס געטון דירעקט, גאר אהן שום חרפה. אנדערע האבען עס געטון אביסעלע פארשטעלט. און פון דער גאנצער דעבאטע האט זיך געטראגען דער כמעט הארמאנישער כאר, דאס די ליטעראטור איז אין זיך אליין גארנישט, מען קען צו איהר נישט האבען קיין צוטרויען, און עס איז שוין במילא ארויסגעקומען, דאס קאהאן איז גערעכט מיט זיין פרעכען אנגריף אויף דער גוטער וועלט־ליטעראטור.

אבער אין דעם צווייפלען, צי מען קען האבען צוטרויען צו דער בעסערער ליטעראטור און אין דעם צווייפלען אליין צי שונד און גוטע ליטעראטור איז נישט איין און דיזעלביגע זאך, ליגט נישט נאר די „פארווערטס" מיטארבייטער'ס שולד, נאר אויך זייער גרוסער טעות. נאך אלעמען, אנהויבענדיג פון קאהאנ'ען אליין און זיך אראבלאזענדיג ביז צו דעם אונוויכטיגסטען שרייבער, האבען זיי גענומען זייער ראפינירטקייט, זייער ביסעל וויסען וואס זיי האבען אין זיך, נישט פון שונד, נאר טאקי פון דער בעסערער ליטעראטור. עס איז אמת, איצטער קען עס מעגליך זיין לייענען זיי מעהר גארנישט און זיי באנוצען זיך מיט „ענציקלאפעדיעס" אדער מיט אנדערע ארבייטען געמאכט נישט פון זיי. אבער ביז זיי האבען דערגרייכט זייער איצטיגען צושטאנד — האבען זיי נישט געלערענט אין דער יוגענד דוקא פון דער גוטער ליטעראטור און נישט פון שונד? אבער צו שפייען אין דעם קוואל, פון וואנען מען האט זיך אליין געשטילט דעם דורשט און זיך דערפרישט די נשמה, זיך אננעמענדיג מיט כחות פאר דעם גאנצען לעבען, כדי אנדערע זאלען נישט קענען טרינקען, איז איינפאך פארברעכעריש! און אפשר זיינען די ארימע שרייבער געווען געצוואונגען אנטייל צו נעמען אין אזא אומגעלומפערטער דעבאטע? ווער קען וויסען, וואס עס טוט זיך הינטער די קולי־סען פון דער „פארווערטס" רעדאקציע? יעדענפאלס האט קאהאן אזוי אנגעהויבען די דעבאטע, דאס זיי זיינען געווען געצוואונגען, ווילענדיג צו נישט ווילענדיג, צוצוגעבען דאס קאהאן איז גע־רעכט מיט זיין אנגריף אויף דער בעסערער ליטעראטור. און

אויב עס האָט זיך געפונען איין־איינציגער פון די שרייבער, וואס האָט געהאט דעם מוטה און געפּרואווט זאגען אינדירעקט אָן ערנסט ווארט, האָט איהם קאהאַן מכבד געווען מיט א פּאָרציע טוכלע אייער (קאהאנ׳ס אייגענע שפּראַך), דאס יענער וועט זי מן־הסתם געדיינקען זיין גאַנץ לעבען.

ראָגאָף איז עס דער איין־איינציגער שרייבער, וואס האָט געפּרואווט צו זיין אביסעלע אונאבהענגיג. ראָגאָף, וועלענדיג מן־הסתם זאגען דאס קאהאַן האָט א ספּעציעלע שוואכקייט פאר דער רוסישער ליטעראטור — אבער דאס נישט קענענדיג זאגען אָפען צו א ברויט־געבער — האָט געזאגט, דאס קאהאַן האָט זיך אזוי ספּעציאליזירט אין דער רוסישער ליטעראטור, אז ער קען דערפאר נישט זעהן קיין גוטע זאכען אין דער אנדערער ליטעראַטור פון דער וועלט. אויב אבער ראָגאָף דיינקט ווירקליך, דאס קאהאַן האָט איבערהויפּט אירגענד וועלכע שוואכקייט צו א געוויסער זאך, אדער אירגענד וועלכע ליעבע צו א געוויסער זאך, דאן לעבט ער אליין און אלע וואס דיינקען אזוי אין גרויסען טעות. די אפשר צום טויזענדסטען מאָהל איבערגעקייעטע מעלה־גרה׳כץ וועגען די לויב־ליעדער אויף דער רוסישער ליטעראטור, אָדער דאָס דראפּען זיך אויף גלייכע ווענט, למשל, צו לויבען די מאָסקאָווער שוי־שפּיעלער און אין דערזעלביגער צייט צו געבען א ווינק, דאס איבסען איז א שונד שרייבער, — דאס אלעס איז נישט מעהר ווי א לאנגע קייט פון עקעלהאפטער דעמאגאָגיע צו ערנידעריגען דעם צוטרויען צו דער בעסערער ליטעראַטור פון דער וועלט און צו דער בעסערער ליטעראַטור פון דער אידישער גאַס. און פאר דיזער דעמאגאָגישער ארבייט איז דיזער מאַן געבוירען געוואָרען. ער קען גארנישט אנשרייבען! די מינדעסטע זאַך אָהן א דעמאגאָגישען ציעל. און דיזער ציעל געפינט זיך אין א יעדער שורה מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט אין אלע זיינע אידישע שרייבערייען, כדי אלע מאָהל צו זיין גערעכט, ווען עמיצער וועט איהם וועלען נעמען אויף א פארהער. און אָט אויף אזא אופן איז די דעבאטע פון „פארווערטס״ פון דעם זומער פון 1924 געווען

א פרעכער רינג אין דער קייט צו צעשטערען דעם צוטרויען צו דער בעסערער ליטעראטור און דורך דעם דערהויבען דעם „פארווערטס" שונד צו דער העכסטער מדרגה פון גוטקייט.

עס איז אבער א מערקווירדיגע ערשיינונג, דאס אפילו קאַהאַנ׳ס שונאים גיבען איהם קרעדיט אין זיין עקעלהאַפטער דעמאַגאָגישער ארבייט, ווייל ער האָט ארויפגעארבייט דעם „פארווערטס" צו א ריזיגען, גוט־געהענדיגען געשעפט. פון קאַהאַנ׳ס פריינדע איז דאָך אָבגערעדט. און אָט פון דיזען געשעפטס־שטאַנדפּונקט און צוליעב דעם אינטערעס, וואס זיי האָבען אין דער ארבייטער באוועגונג אויף דער אידישער גאס, זעהען מיר ווי העכסט אינטעליגענטע ארבייטער פיהרער און אנדערע גרויסע פיהרער פון גרויסע ארגאניזאציעס מאכען צו אַן אויג אויף אלעס וואָס קאהאַן טוט, און העלפען איהם דירעקט און אינדירעקט צו אונטערדריקען דערשטיקען יעדען סמן פון פראטעסט אקעגען איהם. און דאס איז אויך איינע פון די פיעלע אורזאכען, וואס קיין שום באוועגונג קען זיך אויף דער אידישער גאס נישט אַנהויבען, וואס האָט נישט קאהאנ׳ס צושטימונג. און אזוי ווי קאַהאַן האָט נישט מעהר אין זין ווי זיין אייגענע דעמאַגאָגיע, זיין אייגענע פּאָפּולאַריטעט, און ער האסט שנאת מות יעדען בעסערען טאלאנט און יעדע בעסערע באוועגונג, קומט שוין ממילא אוים, דאָס א חוץ דאס גרויסע געשעפט פון „פארווערטס" טאָר קיין שום זאך נישט עקזיסטירען אויף דער אידישער גאס. עס פרעגט זיך אבער: ווי ווייט דארף קאהאן געהן מיט זיין „געשעפט"? מוז ער דען צוליעב זיין אייגענער פעל און צוליעב דעם גרויסען „פארווערטס" געשעפט פארניכטען די בעסערע ליטעראטור אויף דער אידישער גאס? מוז ער דען טרעטען מיט די פיס יעדען בעסערען שטרעבען פון די אינטעליגענטען אויף דער אידישער גאס? און וואס פאר א געשעפט איז עס דען דער „פארווערטס"? וואס פאר א באלעבאָס דארף מען עס דען רייך מאכען, כדי מען זאָל זיין געצוואונגען צו האלטען זיך ביי אזעלכע שעדליכע געשעפטס מעטאָדען? האָבען דען די ארבייטער מיט יאהרען צוריק

געגעבען זייערע ארימע פארהאָרעוועטע גראשענס כדי מען זאל גרינדען אזא ריזיגען געשעפט, וואס זאל זיין א שאנדע און א חרפה פאר אלע קומענדיגע אידישע דורות? איך ווייס אבער, דאס אויך דיזע פראגען וועלען באטראכט ווערען פאר נאאיווע און יעדער אנגעבלאזענער אינטעליגענט, וואס האָט דעם מזל צו זיין א צייטונגס-שקלאף אין אירגענד וועלכער רעדאקציע, וועט פון מיר חוזק מאכען, אפען אדער שטילערהייט, ווי זיי האָבען עס געטון פריהער. און אזוי, צוליעב דער דלת אמות'דיגער עפענט־ליכער מיינונג פון דער אידישער גאַס, זיינען מיר הילפלאָז, און וואָס דער „פארווערטס" העלפט נישט מיט, מוז עס שטארבען שיין ביים אנהויב, נאָך איידער עס האָט אנגעהויבען צו לעבען. אבער אויך פון דעם שטאַנדפּונקט פון געשעפט וואָלט איך גע־וואונשען צו ווייזען דאָס עס קען מעגליך זיין, אז די אינטעלי־גענטען האָבען א גרויסען טעות.

און אזוי ווי איך קען אזא זאך נישט באווייזען מיט פאקטען, ווייל מיר זיינען אזוי הילפלאז און נידערגעשלאגען, מוז איך דאָ ריידען ווי א אינגעל און מיך נאריש מאכען מיט נסים. און איך ווינש עס זאל געשעהן א נס דאס אירגענד וועלכע צייטונג זאל זיך צוהערען צו מיינע רייד, נישט אזוי נאָכלויפען די „פאר־ווערטס" מעטאָדען, נאָר אָנהויבען צו האנדלען אויף אַן אנשטענ־דיגען אופן, זיך אנפרעגען וועגען אַן עצה ביים „קרענק" און אנ־הויבען גאר א ניי לעבען פון אינטערעסאנטען זשורנאליזם אויף דער אידישער גאַס. זיינען דען נישטאָ הונדערטער אנשטענדיגע צייטונגען אויף דער וועלט, וואס מאכען די בעסטע געשעפטען? אבער ווער וועט דען פרעגען עצות ביי א „קרענק"? און אויב דיזער נס טויג נישט, דאַן זאָל געשעהן אַן אנדערער. איך ווינש עס זאל געשעהן א נס, דאָס קאהאַן זאל זיך צוריקציהען אויף די עלטערע יאהרען און איבערלאזען די ממשלה פון „פארווערטס" אויף אַן אנדערען. עס זיינען דאָ גענוג פעהיגע מענשען אויף דער אידישער גאַס, וואס וואלטען געקענט פיהרען די „פאר־ווערטס" שיף אלץ ווייטער און ווייטער. שוין גענוג געקולטורע־

וועט די אידישע גאַס! און ווען דאס וואלט געשעהן, דאן וואָלט זיך אפשר אנגעהויבען א נייע צייט פאר דער אידישער ליטעראַ־טור. און נישט נאָר וואלט זיך אנגעהויבען א נייע צייט פאר דער אידישער ליטעראטור, נאָר פון דער ארבייטער באוועגונג וואָלט אפילו א האָר אויך נישט געקרומט געוואָרען, און דער „פארווערטס" אליין וואלט נישט געהאט אזוי פיעל שונאים צו־ליעב קאהאנ'ען, און ער וואלט נאָך אפשר געהאט א גרעסערען ערפאלג ווי איצטער. נישט נאר וואלט די אידישע גאס גע־שטיצט די אידען פון דער גאנצער וועלט מיט געלד, ווייל די היגע אידען זיינען בעסער מאטעריעל אב, נאָר די אידישע גאַס וואָלט אויך געקענט ווערען דער ליטעראַרישער צענטער פאר אלע אידען פון דער וועלט און זיי געבען די בעסטע ליטעראטור פאר א ביליגען פרייז. וועט אָבער אזא נס געשעהן? צו וואָס זאָל עס קאהאַן טון? צו וואס זאל ער עס טון, ווען איהם איז געלונגען איבערצוציינגען אויף זיין שווארץ־קינצלערישען אופן די ארביי־טער־פיהרער, דאס ער אליין איז עס וואס האלט פאר זיי אויף די ארבייטער באוועגונג, און די ארבייטער איז איהם געלונגען איבערצוצייגען דאס נאר ער אליין און נישט קיין אנדערער האָט פאר זיי געשאפען די היינטיגע הצלחה זייערע? און עס ווערט ביטער אויפ'ן הארץ צו זעהן אזוי הילפלאז די אינטעליגענטע אידישע גאַס און זוי קאהאַן געהט אן אלץ ווייטער און ווייטער מיט זיין עקעלהאפטער, שווארץ־קינסטלערישער ליטעראטור און נארעריי.

קאהאנ'ס ליטעראַרישע נאַרעריי איז פון דעם געפעהרליכסטען סאָרט פאַר אַן אינטעליגענטער געזעלשאַפט. ווען אויף דער וועלט וואָלטען עקזיסטירט געזעצען צו באשיצען די מענשען פון געפעל־שטער ליטעראטור, ווי עס עקזיסטירען געזעצען אקעגען געפעל־שטע שפייזען מיט סם, דאַן וואָלט קאהאן געווען א קאנדידאט אבצוזיצען זיין גאנצען לעבען אין טורמע. אונגליקליכער ווייזע געפינען זיך נישט אזעלכע געזעצען אויף דער וועלט און קאהאַן איז דער רעדאקטאר פון א מעכטיגער צייטונג, וואס האלט א

גאַנץ פאָלק אין זיינע לאַפּעס און דערפיהרט איהם צו באַרבאַריי אין הלכות ליטעראַטור. און צוליעב דעם מוזען פיעלע פון די בעסטע שריפטשטעלער פון דער אידישער גאַס, אנשטאַט צו זיין נוצליך אויף דעם ליטעראַרישען געביעט, אַבפינסטערען אַ לעבען לאַנג אין די פאַבריקען ביי אַ שווערער אַרבייט און אויסגעהן אין עלענד און פאַרגעסענקייט. און איז טאַקי נישטאַ קיין מיטעל צו אָט דיזען איבעל? ווי קומט עס וואָס די וועלט, וועלכע מאַכט אין אַלע אַנדערע זאַכען אַזוינע ריעזיגע פּאַרטשריטע, זאָל אין הלכות דעמאַגאָגיע זיין אין דעמזעלביגען צושטאַנד ווי זי איז געווען מיט טויזענדער יאָהרען צוריק? די וועלט ליידט און האָט אַלע מאָהל געליטען פון דעמאַגאַגיע. וואָלט אפשר נישט געווען אַ גוטער פּלאַן צו מאַכען אַ פּרוּאוו די וועלט צו באַפרייען אויך פון דיזער געפעהרליכער מגפה? די אידישע ליטעראַרישע גאַס וואָלט געדאַרפט מאַכען דעם אנהויב. נישט נאָר וואָלט זי אַליין ליטעראַריש אויפגעלעבט, נאָר זי וואָלט געוויזען דער וועלט אַ ביישפּיעל פון טון זעהר אַ גוטע זאַך.

באַקאַנטמאַכונג.

אין פארלאג „דאַן" זיינען פאראן דריי ארבייטען פארטיג צום דרוק. די ערשטע ארבייט איז דער ראָמאַן, צוליעב וועלכען דער פארפאסער האָט אנגעהויבען זיין קאמף מיט 15 יאהר צוריק. דיזער ראָמאַן הייסט איצט „סיגעלמאנ'ס אידעאל", אנשטאט „א פארברעכער'ס אידעאל", ווי דער פארפאסער האָט איהם א נאָמען געגעבען פריהער. דיזער ראמאַן, אויב ער וועט דערלעבען צו זעהן די ליכטיגע וועלט און וועט נאָר עהרליך דערמאָהנט ווע־רען פון די בעסערע שרייבער, וועט זיכער באטראכט ווערען פאר א קונסט ווערק און וועט זיכער געלייענט ווערען פון טויזענדער מענשען מיט גרויס אינטערעס. די צווייטע ארבייט הייסט „די אידישע זשורנאַליסטען" — אן אריגינעלע טראגעדיע פון דעם לעבען פון דער אידישער שרייבער וועלט. די דריטע ארבייט הייסט „די געשיכטע פון א זייפען בלאָז". דיזע ארבייט איז דער רעזולטאט פון א גאנץ לעבען ליידען און ערפאהרונג, וואס דער פארפאסער האָט דורכגעמאכט אלס דיינקער און שרייבער.

קיין געלד צו דרוקען דיזע ארבייטען איז פארלויפיג נישטאָ אין פארלאג „דאָן", אבער ווער עס האָט צוטרויען צום פארפאסער, י. שווארץ, דער קען זיך פארשרייבען אויף איינער פון דיזע אר־בייטען און צושיקען א קלייניגקייט אלס זיין חלק צו קענען אנ־געהן מיט דער פאָרבאַרייטונג עפעס אריינצוגעבען צום דרוק. קיין פרייז קען מען פריהער נישט באשטימען אונטער די איצטיגע אומשטענדען, ווען ארבייט און ראבאט צו די בוכהענדלער איז אזוי טייער. אבער יעדער סענט וועט יעדען אבגעגעבען ווערען צוריק, אויב איינע פון דיזע ארבייטען וועט נישט ארויסגעגעבען ווערען ביז אין א געוויסער צייט.

אין פארלאג „דאָן" איז דאָ עטליכע געצעהלטע קאָפּיעס פון די ערשטע אויסגאבען „ווערטער פון א ליטעראַרישען קרענק" און

„בריעף פון אַן אונטערדריקטען שרייבער״. דער פּראָפעסער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, דאָס עס וועט קומען אַ צייט, ווען דיזע אויס־גאַבען וועלען נישט זיין צו קריגען אפילו צו 10 טאָלער אַ קאָפּיע. אַבער נישט צוליעב פּראָפיט האָט ער זיי באַהאַלטען, נאָר צו גע־בען אַ מעגליכקייט אַן אינטעליגענטען לעזער זיך צו באַקענען מיט זיינע שריפטען. דער פּרייז פון דער ערשטער בראָשורע, 64 זייטען, איז געווען 7 סענט, און אַזוי רעכענט דער פאַרלאַג „דאָן״ איצט אויך. די „בריעף״, אַ שעהן אויסגעשטאַטעטער בוך פון 256 זייטען, איז געווען 50 סענט, און אַזוי וועט דער פּרייז אויך איצט בלייבען פאַר די געצעהלטע פּאָר קאָפּיעס. נאַטירליך קען יעדער איינער פרייוויליג ביישטייערן עפּעס צום נוצען פון דיזען קליינעם פאַרלאַג, אַבער אויסנוצען די געלעגענהייט וועיל אין ביכער־מאַרק זיינען זיי נישטאָ, וויל דער פאַרלאַג „דאָן״ נישט. איבערהויפּט וואָלט דער פּראָפּעסער געוואונשען דאָס בלויז אַ פּאָר אינטעליגענטערע לעזער וואָס האָבען די „בריעף״ נאָך נישט גע־לייענט, זאָלען זיך מיט זיי באַזאָרגען אין צייט, איידער זיי וועלען אין גאַנצען אַוועקגעהן. אַזוי לאַנג ווי דער פאַרלאַג „דאָן״ האָט נישט די מעגליכקייט צו דרוקען י. שוואַרץ'ס אַנדערע שריפטען פריהער, קען נישט זיין די רייד פון זיי אַרויסצוגעבען אין אַ צווייטער אויפלאַגע. די „בריעף״ ענטהאַלטען, חוץ אַנדערע טייע־רע לעזע־שטאָף, אויך אַ פאַרלעזונג איבער קונסט, וועלכע איז גאַנץ ניי און אָריגינעל און וועלכע וועט מיט דער צייט ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער אידישער אינטעליגענטער וועלט — און אפשר אויך פון דער נישט אידישער.

דער פּרייז פוןביידע אויסגאַבען איז אַלזאָ 57 סענט, און פּאָסט־פּאָרטאָ נאָך 10 סענט עקסטראַ.

זיך צו ווענדען צום פאַרלאַג „דאָן״ אויף פאָלגענדען אַדרעס:

THE JEWISH NEIGHBORHOOD PUBLISHING CO.
P. O. Box 1054, City Hall Station, New York City.